STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06108

DER SAKHAKL IN AMERIKANEM YUDENTUM

Gedaliah Bublick

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער סך-הכל

אין אַמעריקאַנעם יודענטום

אַן איבערבליק אויף די
ריכטונגען אין יודענטום
און דער צושטאַנד פון
אידישקייט אין אמעריקא.

— פון —

גדליה בובליק

נויאָרק, תרפ"ז

1927

אָריאָם פּרעס, אינק., 54 קאנאל סט., נ. י.
234

COPYRIGHT — 1927 by GEDALIA BUBLICK
All rights reserved.

ג ע ו ו י ד מ ע ט
צו מיינע קינדער.

אינהאַלט פאַרצייכעניש
ביים ענדע פון בוך.

איינלייטונג

באלד וועט ווערען פופציג יאהר זייט עס האט זיך אנ־
געהויבען די גרויסע כוואליע פון דער אידישער אימיגראַ־
ציאן, וואס האט געבראכט קיין אמעריקא א פיערטעל־חלק פון
דער אידישער נאציאן. ביז דעם אנהויב פון דער דאזיגער
כוואליע איז געווען די צאהל פון אידען אין אמעריקא קליין.
עס איז בעשטאנען פון א הייפעל ספרד'ישע אידען, וואס
זיינען געווען די אבשטאמער פון די ערשטע שפאנישע אי־
דען וואס זיינען געקומען אהער פון בראזיליען און אנדערע
לענדער און פון א נייעם עלעמענט, די דייטשע אידען, וועל־
כע האבען אנגעהויבען געהן אהער אין פערהעלטניסמעסיג
גרעסערע צאהלען אין 1848. ביידע צוזאמען האבען אבער
ניט געבילדעט קיין ברייטען און פעסטען אידישען לעבען
אין דיזער לאנד. אמעריקא הויבט־אן צו פארנעהמען אן ארט
צווישען די וויכטיגע צענטרען פון גלות נאר דאן ווען אין
דעם לעצטען פיערטעל פון פאריגען יאהרהונדערט האט זיך
דער שטראם פון אידישע אויסוואנדערער פון רוסלאנד, פון
פוילען, פון גאליציען, פון רומעניען, מיט איין ווארט, פון יע־
נעם גרויסען רעזערוואואר פון אידישע פאלקס־כחות, וועל־
כען מען רופט מזרח־אייראפא, אנגעפאנגען צו ציהען אהער.

אזוי ווי פופציג יאהר איז א זעהר וויכטיגע שטיק צייט
ווען עס האנדעלט זיך פון אן איבערוואנדערונג פון איין
טהייל וועלט אין דעם אנדערן, ווען עס האנדעלט זיך פון
בויען א נייע היים פיר א גרויסען טהייל פון אידישען פאלק,
און אזוי ווי די אימיגראציאנס כוואליע איז אזוי גוט ווי
געענדיגט, אבוואהל ניט מיט אונער ווילען, איז געקומען די
צייט צו ווארפען א בליק אויף דאס וואס עס איז דא אויפ־
געטאהן געווארען אין יודענטהום, אויף דעם נייעם באדען,
אין פערלויף פון די פינף צעהנדליג יאהר. עס איז געקומען
די צייט צו בעטראכטען וואס מיר פארמאגען דא יעצט אין
דער נייער מדינה, ניט אין געלד און אין רייכטהום, נאר אין
גייסטיגען פארמעגען. עס איז ווערטה צו זעהן וואס פיר א
פונדאמענט איז דא ביז יעצט געלייגט געווארען אין דער

נייער אידישער אכסניה פאר דעם צוקונפט פון יודענטהום. אויף ווי ווייט זענען מיר געגאנגען אויף דעם וועג צו אריבערטראגען אהער די טראדיציאנען, די אינסטיטוציאנען און דעם לעבען פון אידישען פאלק, אדער ריכטיגער: אויף ווי ווייט זיינען מיר געגאנגען אין פארפלאנצען דא אונזער אמונה און אלעם וואס איז דערמיט פארבונדען. מיט איין ווארט: וואס האבען מיר דא יעצט פון דער רייכער ירושה וואס מיר האבען געבראכט פון אונזערע אלטע היימען און ווי שטעהט עס מיט אונזער ארבייט אין בעצוג צום היגען דור וועמען מיר דארפען באלד אוועקגעבען אדער מיר האבען שוין אין א גרויסע מאס אוועקגעגעבען די לייצעס אין די הענד. מיר דארפען איבעררעכענען דעם אינווענטאר און וויסען דעם סך־הכל פון דאס וואס מיר האבען דא אויפגעטאהן אין פופציג יאהר צייט, אום עס זאל אונז קלאהר ווערען וואו מיר האלטען אין דער וועלט.

א סך־הכל פון א האלבען יאהרהונדערט ארבייט אויפ'ן פעלד פון יודענטהום אין א נייע וועלט אונטער נייע קאנדיציאנען און אזעלכע אומשטענדען וועלכע האבען ניט צו זיך קיין גלייכען אין דער גאנצער אידישער געשיכטע! וואַרים גוען איז געווען אין דער אידישער געשיכטע א ביישפיל. אז א גרויסער טייל פון אידישען פאלק זאל אין איין דור צייט אויסבייטען א שפראך, ווען איז געווען אין דער אידישער געשיכטע א ביישפיעל, אז אין עטליכע צעהנדליג יאהר זאל מען אויפבויען אזעלכע קבוצים ווי עס זיינען אויפגעבוים געווארען אין אמעריקא, און וואו געפינט מען אין דער אידישער געשיכטע נאך אזא האלבען יאהרהונדערט ווי דער פערגאנגענער אין וועלכען עס זאלען פארקומען אזוי פיעל אינערליכע איבערקעהרענישען אין יודענטהום גופא, אין וועלכען עס זאלען געקעמפפט ווערען אזוי פיעל אינערליכע מלחמות אין אידישקייט, ווי עס איז געקעמפפט געווארען אין די לעצטע פופציג יאהר אין וועלכע עס איז אויסגעפאלען די גרויסע אידישע וואנדערונג אין אמעריקא און די שאפונג פון דעם פיער מיליאניגען אידישען ישוב אין דיעזער מדינה.

אומזיסט וועט איהר זוכען אזעלכע געוואלדיגע שטורעמס אין דעם אידישען לעבען אין די צייטען פון אנדערע אידישע איבערוואנדערונגען פון איין ארט צום אנדערן. איהר וועט

עס ניט געפינען אין דער צייט ווען די אידען זיינען געגאנגען פון מעסאפאטאמיען קיין שפאניען, ניט ווען זיי זיינען געגאנגען קיין דייטשלאנד און ווען זיי זיינען געגאנגען פון דייטשלאנד קיין פוילען און קיין רוסלאנד. אין די לעצטע פופציג יאהר האבען זיך צוזאמענגעשטויסען די כחות פון אלטען יודענטהום מיט נייע ריכטונגען וואס זיינען געקומען פון דער אויסערליכער ניט־אידישער וועלט, עס הייסט איינגענטליך, אז די דאזיגע ענטגעגענגעזעצטע כחות האבען זיך שוין פריהער צוזאמענגעשטויסען, נאר דער קלימאקס פון דעם קאמף איז דערגרייכט געווארען אין די לעצטע פופציג יאהר. ארטאדאקסי, רעפארם, השכלה, נאציאנאליזם, קאסמאפאליטיזם, ציוניזם, אסימילאציאן, סאציאליזם — אט די אלע ריכטונגען און שטרעמונגען וואס האבען אויפגעטרייסעלט דאס יודענטהום פון איין עק וועלט ביז דעם אנדערן האבען זיך שארף צוזאמענגעטראפען אט דא אויף דעם נייעם באדען און האבען דא געפונען א פרייען פלאץ פיר קאמפף.

דער לעצטער האלבער יאהרהונדערט איז אין דער אלגעמיינער וועלט געווען א שטורמדיגער אין אידעען, די צייט איז געווען בעזונדערס שטורמדיג אין דער אידישער גאס, וואו מלחמות פון אידעען זיינען שטענדיג שארפער ווי אנדערש, און עס איז גאנץ בעזאנדערס געווען שטורמדיג צווישען דעם טהייל אידען וואס זיינען געקומען קיין אמעריקא, ווייל דאס אויסוואנדערען אליין האט שטענדיג א טענדענץ צו מאכען איבערקעהרענישען אין געדאנקען, בייטען דעם ארט און בייטען די איבערצייגונגען זיינען נעהנטער איינע צו די אנדערע ווי אנדערע שטעלען זיך פאר, און די נייע אומשטענדען אין דער פרעמדער לאנד אין א סארט פרייהייט צו וועלכער די איינוואנדערער זיינען ניט געווען געוואהנט האבען אויך געהאלפען צו דעם גייסט פון איבערקעהרענישען. אין דערזעלבער צייט האט זיך דאס אלטע, דאס טראדיציאנעלע געמוזט שטארקען מיט איהרע לעצטע כחות אום ניט צו ווערען פערשוואונדען פון די נייע טענדענצען און ניט צו ווערען אוועקגעשלעפט אין דעם שטראם פון געגנערישע ריכטונגען.

און אזוי האט דאס אלטע טויזענדער יאהריגעס יודענטהום געהאט אויסצושטעהען דא אויף דעם אמעריקאנעם באדען פיעלייכט דעם שווערסטען נסיון פון זיין געשיכטע.

עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס עס איז געווען אַרומגערינ־
געלט פון אַזעלכע פיינדליכע שטרעמונגען וואָס זיינען גע־
קומען מיט אַזאַ קרעפטיגען אַנגריף, אַז עס האָט געקענט
אויסזעהן, אַז אַלעס איז פאַרלאָרען אין דעם לאַגער פון אלט
ישראל. די מלחמה איז געווען פון דרויסען און פון אינעוויי־
ניג. פון דרויסען איז געווען דער מעכטיגער ניט־אידישער
איינפלוס פון דער גאַס, פון דער גוי'שער סביבה, פון דער
פרעמדער סקול, פון דער גאַנצער אטמאספערע וואָס האָט
ניט געלאָזען קיין זאַך אידישעם אויסוואַקסען. און פון אי־
נעוויינינג האָבען אייגענע מענשען געבראַכען מיט האַמערס
דאָס וואָס עס איז נאָך געבליבען פון די אידישע ווענט. מעכ־
טיגע קאמפיינס געגען דער אידישער אמונה, געגען דער
אידישער טראַדיציע, געגען דעם סאָרט לעבען פון אונזערע
עלטערן זיינען געפיהרט געוואָרען. די אידישע שוהל איז בע־
טראַכט געוואָרען אַלס עטוואָס וואָס איז פינסטער און מוז
אונטערגעהן, די אידישע מאָראַל איז אַרויסגעשטעלט געוואָ־
רען אַלס דאָס לעכערליכסטע און הינטערשטעליגסטע זאַך
וואָס די וועלט פאַרמאָגט, די אידישע ספרים זיינען געמאַכט
געוואָרען צו שאַנד און צו שפּאָט. דער רעפאָרמער האָט גע־
מאַכט חוזק פון אָרטאָדאָקסישען יודענטהום און האָט עס
גערופען "קיטשען יודענטהום" און האָט בעסער פאָרגעלייגט
זיין "אַמעריקאַן דזשודאַאיזם", וועלכעס מיינט ניט־אידיש־
קייט, ליידיגקייט, אַסימילאַציאָן און אונטערגאַנג. דער סאָ־
ציאַליסט האָט פאָרגעשלאָגען די נייע תורה פון מאַרקס אויף
וועלכער די אידען זאָלען אויסבייטען תורת משה. דער
"ראַבאַי" און דער גענאָסע האָבן געהאָלפען איינע די אַנדער־
רע אין דער פערניכטונגס־אַרבייט. און אין דעם דאָזיגען
תוהו־ובוהו האָט זיך עס געדאַרפט שפּינען דער אַלטער פאָ־
דים פון אידישקייט אין דיעזער לאַנד, אונטער דיעזע אַלע
שטערונגען האָט מען דאָ געדאַרפט לייגען די שטיינער פון
בויען איינע אויף די אַנדערע, אום צו שאַפען אַ נייעם פּלאַץ
פאַר'ן יודענטום אין דער נייער וועלט וואָס איז בעשטימט
געוואָרען צו זיין אַ היים פיר אַ גרויסען טהייל פון דער אי־
דישער נאַציאָן ! נאָך אַזאַ שווערע אַרבייט איז ניטאָ אין
קיין געשיכטע פון קיין אומה ולשון און פון קיין אמונה און
עס איז אויך ניטאָ אין אונזער אייגענער געשיכטע מיט איהר־
רע אַלע שווערע דורכלעבונגען. אויף די אידען וואָס זיינען
געקומען קיין אַמעריקא אין די לעצטע פופציג יאָהר איז גע־

פאלען א גרויסע אויפגאבע צו ברייננגען אהער דעם אוצר וועלכען מיר האבען געטראגען פון לאנד צו לאנד און האבען פאר איהם אזוי פיעל בלוט פארגאסען און איהם דא האלטען גאנץ. עס איז אויף זיי געפאלען די געוואלדיגע שווע־רע לאסט עס דורכצופיהרען אונטער די שווערסטע אומ־שטענדען וואס אימיצער קען זיך נאר פארשטעלען.

ווי האבען זיי, ווי האבען מיר די גרויסע אויפגאבע דורכגעפיהרט? וואס איז דער רעזולטאט פון פופציג יאהר ארבייט פאר'ן יודענטהום אויף דעם אמעריקאנער באדען? וואס האבען מיר געשאפען ביז יעצט? וואס האבען מיר ערדייכט נאך די אלע קעמפפע און נאך די אלע אנשטריינ־גונגען וואס מיר האבען געמאכט? וואס פיר א פנים האט די כנסת ישראל אין אמעריקא ביי דער ענדע פון דעם יובל יאהרען וועלכען מיר בעטראכטען? לאמיר וויסען וואס מיר פארמאגען, לאמיר זעהן וואס עס איז פאראן אין דער אונ־טערשטער שורה, לאמיר מאכען א חשבון.

מיר דארפען עס וויסען אום צו זעהן אין וועלכער ריכ־טונג מיר דארפען ארבייטען פאר דער צוקונפט. מיר דאר־פען עס וויסען אין בעצוג צו דער צוקונפט פון דער אידיש־קייט פון אונזערע קינדער און קינדס־קינדער, ווארים דאס אידישע פאלק האלט שטענדיג זיין פנים צו דער צוקונפט ("והיה כי"... "והיה ביום ההוא"...) מיר דארפען קוקען ווייט פיר יאהרהונדערטע, פיר לאנגע דורות אזוי ווי אידען דארפען טאהן און אזוי ווי אונזערע אבות־אבותינו, וואס האבען אויסגעשמיעדט דעם שיקזאל פון דער אידישער נאציאן אויף אייביג, האבען געטהאן.

און צו העלפען מאכען דעם סך־הכל וועלכער איז אזוי נוטיג איז דער צוועק פון די ווייטערדיגע קאפיטלען.

ראַדיקאַליזם איז טויט

דער גרויסער שונא פון יודענטום אין דער אידישער
גאַס אין אַמעריקאַ : רוסישער ראַדיקאַליזם, איז טויט און עס
וױינען ניטאַ קיין אורזאַכען צו שרעקען זיך אַז ער וועט אויפ־
לעבען צוריק.

מיר הערען ניט פון אַנטי־רעליגיעזע דעמאָנסטראַציעס
וועלכע פלעגען מיט אַ פּאָאָר צעהנדליג יאָהר פריהער גע־
מאַכט ווערען אין דער איסט־סייד און אין אַנדערע פּלעצער.
די שרייבערייען וואָס זיינען געווען געציעלט צו אַראַבריי־
סען אַלעס וואָס האָט צו טאָן מיט רעליגיאָן האָבען כמעט
ווי אויפגעהערט מיט דער אויסנאַהמע פון דאָס וואָס עס
ווערט געשריבען אין איין בלאַט וואָס פאַרטרעט מאָסקוואַ
און איז דער אָרגאַן פון די דאָרטיגע ״יעווסעקען״. דאָ און
דאָרטען זעהט זיך נאָך ארוים דער ״גענאָסע״ פון פריהער־
דיגע צייטען אין אַנדערע ערטער אויך אָבער עס האָט אויפ־
געהערט צו זיין אַ פּאָליסי צו אָנגרייפען רעליגיאָן. פאַר־
קעהרט, מען זוכט יעצט פון אַלע זייטען צו לעבען בשלום
מיט דעם רעליגיעזען אידען. אַ טהייל פון די דאָזיגע ענדע־
רונגען קומט געוויס דערפון וואָס עס לוינט זיך בעסער פאַר
ביזנעס, די מחלוקת מיט'ן יודענטום צאָהלט ניט יעצט קיי־
נעם. דאָס אליין איז אָבער אויך אַ גוטער סימן אַז די אַק־
ציעס פון אידישקייט איז געשטיגען אין דער אידישער גאָס
אין אמעריקאַ.

דער ראַדיקאַלער לעקטשורער וואָס פלעגט מיט יאָהרען
צוריק זיין אַ פיטשור אין דער אידישער גאָס איז אַזוי גוט
ווי פאַרשוואונדען. קיינער וויל ניט געהן היינט הערען די
טעאָריען פון כפירה, פון מאַטעריאַליזם. עס זיינען פאַראַן
דאָ און דאָרטען פּראָפעסיאָנעלע ראַדיקאַלען וואָס זיצען אויף
די חורבות פון דער ראַדיקאַלער אידישער וועלטל און וויי־
נען אויף דעם ״פּראַכט און גלאַנץ״ פון די פערגאַנגענע יאָה־
רען. דאָס זיינען די לעצטע מאָהיקאַנער פון דער אַנטי־
אידישער אינטעלעגענציאַ וואָס האָט איהר טאָג אָבגעלעבט
אין אַמעריקאַ. די גרויסע מתנה פון די ראַדיקאַלען האָט זיך

צורוקט אין פערשידענע ווינקלען, די מעהרסטע פון זיי האַבען זיך אויסגעמישט מיט די סתם־אידען און זיינען אין זיי פערשוואונדען. אנדערע זיינען צוגעקומען צו א פרעמדען טיש, א ציוניסטישען און אמאָל אפילו אן אָרטאָדאָקסישען. זייער אייגענער געצעלט איז חרוב, פאַרטראָגען געוואָרען פון ווינד און זיי זיינען געקומען זיך צוטוליען צו אן אנדער מחנה.

און די מאָדע וואָס איז געווען דאָ מיט א פּאָאַר צעהנדליג יאָהר צוריק ביי סתם־אידען צו איינוויקלען זיך ביי יעדער געלעגענהייט אין א ראדיקאלער פּאָהן און ווע‌לען אָרויסצייגען דערמיט אז מען איז א פּראָגרעסיווער מענש און מען געהט מיט דעם פּראָגרעס — דיזע מאָדע איז בטל געוואָרען. פארקעהרט: עס איז אויף דעם אָרט פון יענער מאָדע געוואָרען א נייע מאָדע, צו איינוויקלען זיך ביי געוויסע געלעגענהייטען אין א אידישען מאַנטעל און ארויסצייגען דערמיט אז מען איז ניט פון די וואָס וויכען פון אידישקייט. מאַנכע פון די וואָס וואָלטען געווען, אויב די צייטען וואָלטען געווען אזוי ווי פריהער, פארברענטע געגנער פון אידישקייט, טהוען גאַנץ געמיטהליך אָן א יאַרמולקע ווען זיי ווערען מגולגל צווישען אָרטאָדאָקסישע מענשען אויף א שמחה. נייע צייטען — נייע ליעדער.

וואו איז אייגענטליך אַהינגעקומען דער ווילדער ראַדיקאַליזם וואָס האָט דאָ געבושעוועט מיט א קורצער צייט צוריק אין דער אידישער גאַס? וואָס זיינען די אורזאכען וואָס האָבען איהם צובראָכען? דער ראַדיקאַליזם איז אַהין געקומען דאָרטען וואו עס איז הינגעקומען דער סאָציאַליסטישער אידישער וואָוט. דער וואָס ווער א קוק טהאָן אויף די איינגעשרומפּענקייט פון דעם אידישען סאָציאַליסטישען וואָוט וועט פארשטעהן פארוואָס עס זיינען אראָב פון דער ביהנע דער ראַדיקאַלער לעקטשורער און פארוואָס דער גענאָסיזמוס האָט פאַרלאָרען די פיהרערשאפט וואָס ער האָט געהאט אין דער אידישער גאַס.

דער אידישער סאָציאַליסט האָט פאַרלאָרען זיין סאָציאַליזם, ער איז געוואָרען אן אמעריקאנער בירגער און האָט אָנגעהויבען קוקען אויף דער וועלט מעהר אָדער וויינינגער מיט אמעריקאַנישע אויגען. די רוסישע רעוואָלוציאָן וואָס האָט זיך אויסגעלאָזען מיט דער סאָציאַליסטישער דיקטאַטור און אלע זאכען וואָס געהען מיט איהר, האָט אויך פיעל גע־

טאָן צו צושלאָגען די חלומות וועגען דעם סאָציאַליזם, און ער האָט געמוזט צוריקטרעטען פון זיינע פעסטונגען אין דער אידישער גאַס.

און ווען די אידען וואָס האָבען געגלויבט אין סאָציאַליזמוס האָבען אויפגעהערט אין איהם גלויבען, האָבען זיי ממילא אויפגעהערט צו גלויבען אין דעם קאַמפּף געגען אמונה, געגען אידישקייט און געגען אַלעם וואָס עס איז דערמיט פאַרבונדען. ווייל דער אידישער סאָציאַליזמוס האָט שטענדיג שטאַרק אויסגעמישט די שנאה צו דעם עקאָנאָמישען סיסטעם מיט דער שנאה צו רעליגיאָן. מען קען זאָגען אז דאָס צווייטע איז געווען ביי איהם פּונקט אזוי וויכטיג, אויב ניט נאָך וויכטיגער, ווי דאָס ערשטע. א סאָציאַליסט אין דער אידישער גאַס האָט געמוזט זיין אַ א מענש וואָס איז אין קאַמפּף ניט נאָר מיט דעם עקזיסטירענדען עקאָנאָמישען סיסטעם נאָר אויך מיט אַלע טראַדיציאָנען, מיט אַלע אידעען וואָס מען האָט גענומען פון אונזערע עלטערען און איבערהויפּט אין קאַמפּף געגען דער אידעע אז עס איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט. א אידישער סאָציאַליסט איז געווען איבערצייגט אַז די סאָציאַליסטישע גאולה קען ניט קומען אויף דער וועלט אזוי לאַנג ווי מען איז ניט פּטור געוואָרען פון די רעליגיאָנען. דער האַס צום גלויבען, צו אידישקייט, איז געווען ביי זיי א העלפט פון זייער פּראָגראַם. און וואָס שטאַרקער עס איז געווען ביי זיי די אמונה אין סאָציאַליזם, אַלץ שטאַרקער איז ביי זיי געווען די שנאה צום יודענטום; און וואָס שוואַכער עס איז געוואָרען ביי זיי די אמונה אין סאָציאַליזם, אַלץ שוואַכער איז ביי זיי געוואָרען די געגנערשאַפט צום יודענטום. עס איז דאַרום גאַנץ נאַטירליך אז ווען די אידישע סאָציאַליסטען האָבען אָנגעהויבען ווערען אפּיקורסים אין דער קדושה פון סאָציאַליזם, איז ממילא קלענער געוואָרען זייער אפּיקורסות, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, אין בעצוג צום יודענטום.

די האַלטונג פון דעם אמעריקאַנער צו רעליגיאָן האָט אויך געווירקט, אָבוואָהל אינדירעקט, אויף דעם אידישען סאָציאַליסט. די אַטמאָספערע אין אַמעריקא איז א פיעל נעהנטערע צו רעליגיאָן ווי די אַטמאָספערע פון די ציוויליזירטע קרייזען אין רוסלאַנד. אין דער לאַנד פון וואַנען די מעהרסטע אידישע סאָציאַליסטען זיינען געקומען איז ניטאָ קיין פאַרבינדונג צווישען רעליגיאָן און דעם מאָדערנעם גע־

דאַנק. די רוסישע קירכע האָט ניט גענומען קיין אַנטהייל אין דעם גייסטיגען לעבען פון לאַנד, און דערפאר איז געווען אַזאַ תהום צווישען רעליגיאָן און צווישען דער אינטעליגענץ פון רוסלאַנד און דורך דער רוסישער ניהיליסטישער אַנטי־רעליגיעזער ליטעראַטור זיינען די אידישע סאָציאַליסטען אויך געוואָרען בעאיינפלוסט געגען אַלעם וואָס האָט צו טאָן מיט אמונה. אין אַמעריקא איז די זאַך אַנדערש. דאָ פאַר־נעהמען רעליגיעזע פיהרער א געהויבענעם אָרט אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען פון לאַנד און די פיהרער פון אוני־ווערזיטעטען און פאַרשטעהער פון געשריבענעם וואָרט האַל־טען זיך נאָהנט צו רעליגיאָן. דאָס האָט געהאט א ווירקונג אויף די אידישע סאָציאַליסטען וואָס כאָטש זיי זיינען גע־שטאַנען ווייט פון אַמעריקאַנעם לעבען, זיינען זיי מעהר אָדער ווייניגער פון אַמעריקאַנעם לעבען בעאיינפלוסט גע־וואָרען.

און נאָך א זאַך האָט געמאַכט א רושם אויף דעם ראַדי־קאַלען אידען אין אַמעריקא: דאָס וואָס ער האָט געזעהן אַז ער האָט ניט קיין שום מיטעל צו בעאיינפלוסען זיינע קינ־דער. וואָרום אויב דער אָרטאָדאָקס האָט אַנגעטראָפען גע־וואַלדיגע שוועריגקייטען אויף זיין וועג צו מאַכען זיינע קינ־דער פאַר אָרטאָדאָקסען, האָט דער ראַדיקאַל געהאַט פיעל גרעסערע שוועריגקייטען צו מאַכען זיין קינד פאַר א ראַדי־קאַל. די אַמעריקאַנער סקול האָט צוגענומען דעם קינד פון דעם אידישען ראַדיקאַל און געמאַכט פון איהם אַן אַמערי־קאַנער, וועלכער וויל ניט וויסען פון זיין טאַטען'ס אידעען. פון קאַרל מאַרקס און פון דער סאָציאַליסטישער גאולה. דער זון פון דעם אידישען אַרבייטער־סאָציאַליסט געהט ניט אריין אין דער אַרבייטער אַרמעע, ער איז אין ביזנעס אָדער אין א פּראָפעסיאָן, און ניט ער וויל ירשנ'ען זיין טאַטען'ס אידעען וועגען דעם עקאָנאָמישען בעגריף פון דער וועלט און ניט זיינע אַנשויאונגען איבער רעליגיאָן. ער האָט מיט דער רוסיש־ניהיליסטישער סאָציאַליסטישער וועלט פון איסט־בראָדוויי גאָר ניט וואָס צו טאָן. און דאָס האָט נאַטירליך געהאַט א געוויסען איינפלוס אויף די עלטערען וועלכע האָ־בען דערפיהלט אַז זיי זיינען דאָ אויף א פרעמדער וועלט ניט נאָר אין דעם לאַנד, נאָר אויך אין דער אייגענער משפחה.

דאָס זיינען די אורזאַכען פאַרוואָס דער ראַדיקאַליזמוס אין דער אידישער גאַס איז געפאַלען, פאַרוואָס אין דעם

טעמפּעל פון ראַדיקאַליזם הערשט אַ קאַלטקייט און אַ פּוסט־קייט, פאַרוואָס די געצען צו וועמען די ראַדיקאַלען אונזערע האָבען געדיענט וואַלגערען זיך אַרום צווישען די חורבות פון דער ראַדיקאַלער אידישער וועלט אין אמעריקא. דערפון האָט דאָס יודענטום אַ געווינס: גליקליכערווייזע האָבען די אידישע סאָציאַליסטען־ראַדיקאַלען ניט געקענט אויפהאָדע־ווען אַ דור וואָס זאָל האַסען דאָס יודענטום מיט דעם האַס פון זייערע טאַטעס. די קינדער פון די ראַדיקאַלען זיינען ניט קיין געגנער פון דער אידישער רעליגיאָן. און אויב דער אַלגעמיינער אידישער דור אין אַמעריקא איז ניט צופריע־דענשטעלענד פון שטאַנדפּונקט פון יודענטום, האָט ער אָמ־וויניגסטענס די נעגאַטיווע מעלה: ער איז ניט אַנטי־אידיש און דאָס איז צו פערדאַנקען אין אַ גרויסער מאָאָס דעם פאַקט וואָס די ראַדיקאַלע טאַטעס האָבען ניט געקענט מאַכען פאַר ראַדיקאַלען זייערע קינדער.

קאַמפּף פון רעפאָרם און אידישקייט

מיר האָבען דערמאָנט אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל די צווייַ ריכטונגען מיט וועלכע דאָס אידישע טראַדיציאָנעלע לעבען האָט זיך צוזאַמענגעשטויסען דאָ אין אַמעריקא און האָט געדאַרפט מיט זיי קעמפפען: ראַדיקאַליזם פון איין זייט און רעפאָרם פון דער צווייטער זייט. ווי ווייט עס זייַנען ניט געווען רעפאָרם און ראַדיקאַליזם איינע פון די אַנדערע זייַנען זיי אָבער שטענדיג פעראייניגט אין איין פונקט — אין זייער געגנערשאַפט צו אַ פולען אידישען לעבען. דאָס איז ניט קיין צופאַל וואָס די רייכע אידישע אַריסטאָקראַטיע און דער פּראָלעטאַריאַט בעגעגנען זיך געמיטליך אין זייער געגנערשאַפט צו דעם איינגעוואָרצעלטען אידישען לעבען אין דער אידישער גאַס. עס איז פאַראַן אַ טיעפער גרונד פאַר דער דאָזיגער בעהאַלטענער ליעבשאַפט צווישען ביידע קאָנטראַסטען. דער סוד פון דער דאָזיגער ליעבשאַפט איז וואָס ביידע, די רעפאָרם און דער ראַדיקאַליזם, טרינקען ביידע פון איין קוואַל, פון דעם קוואַל פון דער אַסימילאַציאָן.

דער ״שורש פון דער נשמה״, אום צו ריידען מיט אַ חסידישען לשון, פון רעפאָרם איז—אַסימילאַציאָן. לאָמיר זיין ווי די גוים זייַנען! דאָס איז דער איינציגער ״דבור״ וואָס קומט אין רעפאָרם אַנשטאָט אַלע עשרת הדברות, אַנשטאָט אַלע תרי״ג מצוות פון דער תורה. וואָס מעהר מען קען זיין ווי די גוים, אַלץ בעסער איז עס. דאָס איז דער גרויסער כלל וועלכער שטעהט אין צענטער פון דער רעפאָרם אידעע, אַלעס איבעריגע איז ניט מעהר ווי אַ פירוש אויף דעם דאָזיגען ״כלל גדול״ פון רעפאָרם. אַרויסגעהענדיג פון דעם דאָזיגען עיקר פּרינציפּ האָט די רעפאָרם געמאַכט פון די טעמפּלען דאָס וואָס זי האָט געמאַכט, האָט געמאַכט פון דאָס אידישע לעבען — גאָר ניט, האָט איהר אַנשויאונג פאַרקריסטעלט און איהר פּנים פאַר׳גוי׳שט אַזוי ווייט ווי זי האָט נאָר געקענט. און זי האָט אַנדערש ניט געקענט האַנדלען.

דער ראַדיקאַליזם איז אויך פון סאַמע גרונד אַרויס אַסימילאַטאָריש. זיין אידעאַל איז אויך צו זיין ווי דער גוי.

דער אונטערשיעד איז נאָר, וואָס דער רעפאָרמער וויל נאָכ־מאַכען דעם רייכען גוי, און דער ראַדיקאַל וויל נאָכמאַכען דעם אָרימען גוי. עס איז פאַראַן נאָך אַן אונטערשיעד: דער רעפאָרמער חלומ'ט פון אויפמישען זיך מיט די שכנים פון דער לאַנד וואו ער וואָהנט און ער רופט אויס נאָכאַנאַנד וועגען זיין לאַנדעס־נאַציאָנאַליזם און דער ראַדיקאַל חלומ'ט פון אויפמישען זיך מיט דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט, אָדער מיט דער מענשהייט און ער רופט אויס נאָכאַנאַנד וועגען זיין וועלט־בירגערשאַפט און קאָסמאָפּאָליטיזם, אינטערנאַציאָ־נאַליזם און אַזוי ווייטער. אָבער דיעזער אונטערשיעד איז ניט וויכטיג וועגען דעם ענין וועלכען מיר בעהאַנדלען דאָ. דער עיקר איז, אַז ביידע, אי דער רעפאָרמער אי דער ראַדי־קאַל, זעהט אין אַ פעסטען אידישען לעבען אַ צוריקגעשטאָ־נענקייט, אַן אָבגעזונדערטקייט, אַ צוזאַמענציהען זיך אין אַ ווינקעל, אַן אויסוויייכונג פון דער "ברייטער וועלט" מיט איהרע אוניווערסאַלע אמת'ן. די רעפאָרמער האָבען אויך ליעב צו ריהמען זיך מיט'ן אוניווערסאַליזם, און טענה'ן אַז זיי געהען אין די דרכים פון דעם נביא'ישען אוניווערסאַליזם און ניט ווי די טראַדיציאָנעלע אידען אין די דרכים פון תלמוד'ישען שאָוויניזם. ביידע, אי די רעפאָרם אי דער ראַ־דיקאַליזם, געפינען דעם עיקר פון זייער אידעאַל אין דער פרעמדער וועלט און ניט אין דער אידישער, און דיזער זוכען און געפינען דעם שווער־פונקט אין דער פרעמדער וועלט איז דער קווינט־עסענץ פון אַסימילאַציאָן. און דערפאַר זעהען מיר אָפט דאָ ביי אונז אין לאַנד ביי פיעלע געלעגענהייטען ווי די ביידע, רעפאָרם און ראַדיקאַליזמוס, געהען האַנד אין האַנד ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַן אָפּאָזיציאָן צו זאַכען וואָס זיינען ריכטיג אידיש. און קיין וואונדער אַז דאָס טראַ־דיציאָנעלע יודענטום האָט דאָ אין אמעריקא, ווי מיר האָבען אנגעוויזען אין ערשטען קאַפּיטעל, געהאַט אויסצוטראָגען אַן אַנגריף פון ביידע זייטען.

ווי אַזוי דער ראַדיקאַליזם האָט געקריגען אַ צוריקשטויס אין דער לעצטער צייט און די אורזאַכען דערצו — האָבען מיר אַרומגערעדט פריהער. עס בלייבט אונז צו בעטראַכ־טען, ווי שטעהט עס אין דעם קאַמפּף צווישען דאָס טראַדי־ציאָנעלע אידישקייט און רעפאָרם? האַלט די רעפאָרם אין פּראָגרעסירען אויף דעם חשבון פון טראַדיציאָנעלען יודענ־טום אין אַמעריקא? שטעהט זי אויף איין אָרט אָדער געהט

זי צוריק? אלע ווייסען אז ווען די גרויסע איינוואנדערונגס־כוואליע פון די אידען פון מזרח־אייראָפּא האָט זיך אָנגעפאנגען, האָט זיך די רעפאָרם פארמאָסטען צו רעפאָרמירען אלע איינוואנדערענדע אידען. זייער געדאנקען־גאַנג איז געווען אונגעפעהר אזוי: אָט די אידען וואָס קומען פון די צוריקגעשטאנענע לענדער ליגען נאָך אין דעם מיטעלאלטערליכען יודענטום, ווייל זיי האָבען קיין בעסערס ניט געזעהן. זייענדיג אָבער אין אמעריקא וועלען זיי איינזעהן אז עס איז צייט צו אָוועקוואַרפען דעם מיטעלאלטער און אלעס וואָס דאָס בעדייט, זיי וועלען אָוועקוואַרפען אלעס וואָס טהיילט זיי אָב פון דער וועלט און וועלען קומען צו אונז. און די רעפאָרמער האָבען געמיינט אז די מזרח־אייראָפּעאישע אידען וועלען סוף־כל־סוף פארשלונגען ווערען אין דעם טעמפעל, וועלען שטעהן אָהן היטלען און הערען ווי די שיקסעס זינגען פון אַן ענגלישען פּרייער־בוק און וועלען מיינען אז דאָס איז געדאַווענט. די רעפאָרמער האָבען געהאַט ברייטע חשבונות וועגען דעם דאָזיגען עניין און האָבען זיך גערעכט אויף אַ גוטען "שניט".

זייער האָפנונג איז ניט מקוים געוואָרען און עס איז ניטאָ מעהר קיינער אין זייער לאַגער וואָס זאָל חלומ'ען אז עס וועט אמאָל מקוים ווערען. די ערפאַהרונג האָט זיי געוויזען אז רוסישע, פּוילישע, גאַליצישע און רומענישע אידען איז אָדער זיי דאַווענען ווי עס דאַרף צו זיין, פון אַ סידור אין אַ שוהל, אָדער זיי דאַווענען גאָר ניט. צו "פּרייען" מיט שיקסעס אין אַ טעמפּעל וואָס זעהט אויס און איז אין פּיעלע הינזיכטען אזוי ווי אַ טשוירטש — דאַרויף זיינען קיין בעלנים ניט געווען צווישען די איינגעוואנדערטע אידען. דער געזונדער חוש פון דעם פאָלקס־מענשען האָט יעדען אונטערגעזאָגט אז דאָ איז עפּעס אַ קאָמעדיע, אז מען וויל דאָ אימיצען אָבנאַרען, אָדער דעם רבונו של עולם אָדער זיך אליין. און מען קען ניט, עס קומט ארויס זעהר אומגעלומפּערט. איינס פון די ביידע: אָדער מען וויל היטען אידישקייט — היט מען! אָדער מען וויל ניט — היט מען ניט! דער טעמפּעל האָט ניט געקענט קריגען דעם אידען וואָס גלויבט, וועלכער האָט נאַטירליך אָבגעשאַצט ווי זי איז ווערטה די ליידיגע רעפאָרם וואָס האָט ניט קיין תורה, האָט ניט קיין אמונה, טרעט מיט די פיס אלע עיקרים פון יודענטום, אָבגעשאַפט דאָס גאַנצע אידישקייט און זאָגט אז דאָס איז די

אידישע אמונה! און די אידען וואָס גלויבען ניט, האָבען פעראכטעט דעם דאָזיגען נאָכגעמאכטען, פאַר׳גוי׳שטען ״דזשודאאיזם״. ווערהענד צו דער אמת׳ער אידישקייט זיי־נען זיי געווען אָדער גלייכגילטיג אָדער געגנער, האָבען זיי די רעפאָרם מבזה געווען און האָבען איהר גאָר אין גאנצען אין חשבון ניט גענומען. צו דער טראַדיציאָנעלער אידיש־קייט האָבען זיי זיך געהאַלטען ווי צו א כח, ווערהענד צו רעפאָרם האָבען זיי זיך געהאַלטען ווי צו א לעבערליכע ער־שיינונג וועלכע מען פטר׳ט אָב מיט א שמייכעל. קורץ, ניט די וואָס האָבען דאָ אויף דער זייט ים אָנגעהאַלטען אידיש־קייט, ניט די וואָס האָבען עס אוועקגעוואָרפען, און ניט די וואָס זיינען געווען האַלב אויף האַלב, ניט קיין שומרי־דת אין טראַדיציאָנעלען זינן און ניט קיין געגנער, און ניט סתם אידען וואָס האָבען געוואָלט לעבען גרינגער, האָבען זיך איינ־טערעסירט מיט דאָס וואָס די ראַבבים האָבען געזאָגט. די שטימע פון רעפאָרם ראַבבי האָט ניט דערגרייכט די אידישע גאַס וואו עס איז אין גאַנצען קיין פּלאַץ ניט געווען פאַר איהם.

מען דאַרף ניט פאַרגעסען אַז אין די לענדער פון וואַ־נען די גרויסע אידישע איינוואַנדערונגס־כוואַליע איז געקו־מען, איז קיינמאָל ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר רעפאָרם. עס איז דאָרטען אויך געווען אַן אַסימילאַציאָנס־בעוועגונג, אָבער אונטער אַן אַנדער פאָרם. עס האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט ענדערען דאָס יודענטום. די משכילים פון רוסלאַנד, פוילען און רומעניען האָבען אָנגעגריפען דאָס אידישע לעבען, האָ־בען אַטאַקירט די פרומע אידען, די רבנים. האָבען אָבער ניט פאָרגעשלאָגען רעפאָרמען. און די וואָס זיינען אוועק ווייטער האָבען זיך אַסימילירט און האָבען געענדיגט זייער חשבון מיט׳ן יודענטום. די רעפאָרם וועלכע זיי האָבען געפונען דאָ אין אמעריקא איז געווען פאַר זיי אַזוי פרעמד, אַז זיי האָבען עס ניט געקענט אויף קיין אופן בעגרייפען וואָס פאַר א סאָרט בעשעפעניש דאָס איז. די אידען פון מזרח־אייראָפּא האָבען, אויסער אַלעמען, געבראַכט מיט זיך א היבש ביסעל אידישעס וויסען און אַ געפיהל פון רעספּעקט פאַר אידישעס וויסען. עמי־הארצים, אפילו פרומע, האָבען ניט געקענט זיין קיין גייסטיגע פיהרער אין דער אַלטער היים. דערזעהענדיג דאָ די עמי־הארצות פון די רעפאָרם ראַבבים האָט עס געוויס ניט געקענט ארויסרופען ביי זיי רעספּעקט.

און אין בעצוג צו אידישקייט זיינען די אמעריקאנער רעפאָרם ראבבים אוועק צו אזא פונקט צו וועלכען קיינע רעפאָרם־ראבבים אפילו אין דייטשלאנד — די וויגעלע פון רעפאָרם — זיינען ניט דערגאנגען. מען האָט אָבגערוקט דעם שבת אויף זונטאג, מען האָט אָגיטירט פאר געמישטע הייראטען, מען האָט איינגעפיהרט צו בייטען זיך מיט גלחים, דער ראבבי אין טשווירטש און דער גלח אין טעמפעל. אפילו דרשות פאר דעם "אותו האיש" האָט מען שוין גע־הערט מיט דרייסיג יאָהר צוריק און מעהר. די אידען פון מזרח־אייראָפּא האָבען אָנגעקוקט דעם גאנצען ענין פון רע־פאָרם ווי חוזק, האָבען עס פאַלשטענדיג מבטל געווען און זיינען געגאנגען זייער וועג, איבערלאָזענדיג עס פאר די דייט־טשע אידען, וועלכע האָבען צו זייער גרויסער איבעררעשונג איינגעזעהן אז אין ענינים פון אידישקייט וויל קיינער זיי ניט הערען און מען נעהמט זיי אפילו ניט ערנסט.

די רעפאָרמער האָבען פארלאָרען די מלחמה געגען דעם טראַדיציאָנעלען יודענטום, אויף דעם דור וואָס איז געקומען פון די לענדער וואו עס איז פאראן א אידישער לעבען. אויף דעם דור וואָס רעדט אידיש האָט רעפאָרם קיין שליטה ניט — אלס טעאָריע אין אמונה, אלס א וועג אין יודענטום.

קען מען אָבער זאָגען אז זי איז פונקט אזוי געשלאָגען אין בעצוג צום צווייטען דור, אין בעצוג צו די וואָס זיינען דאָ געבאָרען געוואָרען?

מיר וועלען בעטראַכטען דיזע וויכטיגע פראגע אין נעקסטען קאַפּיטעל.

רעפאָרם און אונזערע קינדער

עס איז מערקווירדיג אז די ווירקונג פון רעפאָרם אויף די אידען פון אמעריקא איז פונקט אין א פארקעהרטען גאנג ווי די ווירקונג פון ראדיקאליזמוס. וועהרענד דער ראדיקא־ליזמוס האָט געהאט א שארפע ווירקונג אויף די איינוואנדע־רער וואס זיינען געקומען ערוואקסענערהייד פון די אלטע היימען און האָט כמעט גאָר קיין ווירקונג אויף דעם דור וואס האָט זיך דאָ אויפגעהאָדעוועט אָדער איז דאָ געבארען געוואָרען, איז אין בעצוג צו רעפאָרם די זאך פונקט פאר־קעהרט: רעפאָרם האָט ניט געהאט קיין איינפלוס אויף די איינגעוואנדערטע מאסען, ווי מיר האָבען בעוויזען אין פאָ־ריגען ארטיקעל, און האָט יאָ אָנגעפאנגען צו אויסאיבען אן איינפלוס אויף דעם צווייטען דור, אויף די וואס זיינען דאָ געהאָדעוועט אָדער געבארען געוואָרען.

ביי די טאַטעס וואס האָבען געזעהן א אידישקייט א לעבעדיגע אין דער אידישער גאס אין מזרח־אייראָפּא, די וואס האָבען געזעהן א פולען אידישען לעבען, האָבען געזעהן אידען בני־תורה, האָבען געזעהן א אידישען סטאַאט, האָבען בייגעוואָהנט אידישע שמחות און אן אייגענעם אידישען געזעלשאפטליכען לעבען, האָבען געדיינקט די היימישע ימים־טובים, די שבתים, די קינדערשע פרייד אין אן ערב יום־טוב — ביי די טאַטעס וואס זיינען געקומען פון אידי־שע היימען, פון אידישע שטעדט און שטעדטלאך אין ליטא, אין פוילען, אין וואהלין, אין גאליציען און רומעניען האָט די רעפאָרם ניט געקענט האָבען קיין שום קליים אויף אי־דישקייט. זיי האָבען עס גלייך אָבגעשאצט אלס א פרעמדע זאך און האָבען זיך פון איהר דערווייטערט.

ביי די קינדער אָבער וואס ווייסען שוין ניט וואס עס בעדייט תורה, וואס עס בעדייט אידישע געלעהרזאמקייט, וואס ווייסען ניט וואס עס הייסט א אידישעם לעבען אין פולען זינן פון דאָס וואָרט, ביי זיי, די קינדער פון די איינ־וואנדערער וואס ווייסען פון אידישקייט נאָר פון די ברעק־לאך וואס זייערע עלטערען האָבען אהער געבראכט און וואס

האָבען נאָך דערצו אַ פערדאַכט אַז דאָס ביסעל וואָס דער טאַטע און די מאַמע האָבען געבראַכט פון יענער זייט ים איז אַ זאַך וואָס איז "פאַראַיין", פרעמד פון דאָס וואָס איז אַמעריקאַניש, אָבגערוקט פון דאָס וואָס האָט צו טאָן מיט דער לאַנד, ביי זיי, די היגע געבאָרענע אָדער געהאָדעוועטע וואָס האָבען אַ זעהר קליינעם בעגריף וואָס עס איז אידיש־קייט אין הויז און אין גאַס, וואָס ווייסען ניט וואָס איז בית־המדרש און וואָס איז ישיבה, ביי זיי, די וואָס האָבען אַזוי ווייניג געזעהן פון יודענטום, און דאָס ביסעל וואָס זיי האָבען געזעהן האָבען זיי אַזוי ווייניג פאַרשטאַנען — זעהט די רעפאָרם ניט אויס אַזוי לעבערליך און אַזוי חוזק'דיג ווי זי האָט אויסגעזעהן ביי זייערע טאַטעס. ביי זיי קומט אויס אַז דער רעפאָרם ראַבבי איז אַ גרויסער געלעהרטער אין אידישע אנגעלעגענהייטען; דעם רעפאָרם־ראַבבי'ס עהנליכקייט צו אַ גלח איז אויך ביי זיי קיין חסרון ניט, ווייל זיי שטעלען זיך פאָר דאָס יודענטום אויך ניט פיל אַנדערש ווי אַנדערע רעליגיאָנען און ווען דער ראַבבי ערקלעהרט זיי אַ מין סאָרט יודענטום צו וועלכען מען דאַרף ניט קיין סאָרט אנשטריינגונג און מען זאָגט זיי אַז דאָס איז דער „דזשו־דאַאיזם" וועלכען אַן אַמעריקאַנער דאַרף האָבען, זעהען זיי ניט איין, פאַרוואָס דאָס זאָל זיין קרום.

רעפאָרם איז איינע פון יענע בעוועגונגען פאַר וועמען וויסען איז אַן אונגליק. עס איז געבויט אויף אויבערפלעכ־ליכקייט און עם־הארצות. דאָס וויסען וואָס די איינוואַנ־דערער האָבען מיט זיך געבראַכט פון דערהיים איז געווען אַן אונגליק פאַר די רעפאָרמער. מיט אַ פּאָאַר העברעאישע ווערטער וואָס אַ רעפאָרם־ראַבבי לערענט זיך אויס צו זאָגען קען מען ניט איבערשרעקען אַפילו אַ היימישען בעל־עגלה. אין דערפאַר האָבען די רעפאָרמער ניט געקענט האָבען קיין ווירקונג אויף יענעם דור וואָס האָט געלערענט אין "חדר". די ווירקונג פון רעפאָרם האָט זיך געקענט אָנפאַנגען נאָר ווען די וואָס האָבען געלערענט אין חדר האָבען אָנגעהויבען אָוועקצוגעהן און אויף זייער פּלאַץ זיינען געקומען אַזעלכע וואָס ווייסען נאָך ווייניגער ווי די ראַבבים און האָבען נאָך דערצו קיין בליהענדעס יודענטום אין די אויגען ניט אָנגע־זעהן. מיט אַנדערע ווערטער: גראָד ווען דער ראַדיקאַליזם האָט זיך אָראָבגעזעצט אין דער אידישער גאַס און זיין שאַ־דען איז געוואָרען קלענער, האָט רעפאָרם פאַרשפּרייט זיין

איינפלוס, כאטש ניט אלע זעהען עס און ניט אלע ווילען עס זעהן.

ערשטענס איז טאקע פאראן א בעדייטענדער צאהל אידען וואס זיינען אריין אין רעפארם־טעמפלען. מען געפינט ניט גאנץ ווייניג אידען אין רעפארם־טעמפלען וועמעס עלטערען עס זיינען געווען רוסישע, גאליציאנישע אדער רומענישע אידען, און דאס איז א זאך וואס מען קען ניט מבטל זיין. די פראגע צי האט רעפארם בכח צו ארייגציהען דעם אמעריקאנעם עלעמענט, איז ניט פארענטפערט און עס וועט זיין פאלש צו בעהויפטען אז די רעפארם וועט קיין שליטה ניט האבען אויף די אידען וואס שטאמען פון די איינוואנדערער פון מזרח־אייראפא. מען דארף ניט פארגעסען אז מיר האבען יעצט בלויז אנגעפאנגען צו זעהן פאר זיך אט דעם צווייטען דור פון די דאזיגע איינוואנדערער אדער דעם ערשטען דור פון די אזוי־גערופענע אמעריקאנער אידען און מען קען נאך ניט וויסען ווי אזוי די רעפארם וועט אויף איהםווירקען.

און די ווירקונג פון רעפארם דארף ניט דוקא קומען דורכדעם וואס מען ווערט מיטגלידער פון א רעפארם־טעמפעל. דער איינפלוס פון דאס וואס די רעפארם פרעדיגט קען זיין ווייטער און ברייטער ווי די ווענד פון די טעמפלען. די אידעען פון רעפארם קומען צו דער אידישער יוגענד דורך דער אלגעמיינער פרעסע און דורך דער בעריהרונג וואס די רעפארם־ראבבים האבען מיט דער עפענטליכקייט. די אנשויאונגען פון די רעפארם־ראבבים אז דאס יודענטום האט ניט צו טאן מיט די מצוות המעשיות, אז דאס יודענטום איז ניט קיין אנדער זאך ווי די סאציאלע גערעכטיגקייטס־אידעען פון ד׳ נביאים ווערען געפרעדיגט דורך ווארט און שריפט אומעדום וואו אידען וואהנען, אומעדום וואו אידען זיצען.

און די פראגע איז ניט נאר וועגען דאס וואס עס ווערט געזאגט, נאר אויך דאס וואס עס ווערט געטאן. דאס לעבען אליין פון די רעפארם־ראבבים וועלכע הייסען ביי די אמעריקאנער געבארענע אידען די פיהרער פון יודענטום, איז א בעוויז פאר דעם אידישען דור אז מען דארף קיין זאך ניט פון אידישקייט אום צו זיין א גוטער איד. אין דיזען זינן, אין פרעדיגען און ציינען ווי אזוי א איד דארף קיין אידישקייט ניט האבען איז די רעפארם זעהר ערפאלגרייך. א היבש ביסעל פון די געמישטע הייראטען אין אמעריקא קען

מען אריינשטעלען אויף דעם חשבון פון דער רעפאָרם. ניט נאָר די וואָס זיינען געוואָרען רעפאָרמער, עס הייסט מיט־גלידער פון די טעמפּלען, זיינען געוואָרען בעאיינפלוסט פון רעפאָרם, נאָר אויך די וואָס ווילען אפילו צו רעפאָרם ניט בעלאַנגען זיינען אונטער דער השפּעה פון די ראַבבים, וועמעס ארבייט עס בעשטעהט צו לערנען ווי אזוי מען זאָל דאָס יודענטום אוועקוואַרפען.

עס וואָלט געווען א טעות צו זאָגען אז די רעפאָרם האָט זיך געביטען פון דאָס וואָס זי איז געווען פריהער. אין פיעלע הינזיכטען איז זי נאָך ערגער געוואָרען. די ראַבבים האָבען קיינמאָל אין די פריהערדיגע יאָהרען ניט אזוי געוואַגט צו פיהרען פּראָפּאַגאַנדא פאַר דעם גרינדער פון קריסטענטום ווי זיי טהוען עס היינט. פון די רייכסטע טעמפּלען ווערט יעדעס יאָהר ארויסגעטראָגען אַן אַגיטאַציאָן פאַר דעם נוצרי דורך ראַבבים. וועמעס נעמען די אידישע יונגע לייט און מיידלעך קענען, און עס ווערט געזאָגט אז ער איז איינער פון די גרויסע אידען, א. ז. וו. די אידישע יוגענד לעזט עס אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע, וועלכע נעהמט עס אויף דאַר־שטיג. די טעמפּלען וועלכע ווערען ניט בענוצט צו דער־צעהלען וואָס אידישקייט איז, ווערען בענוצט אום צו דער־צעהלען וואָס גוי׳אישקייט איז. די שותפות וואָס מען וויל מאַכען אין דעם קריסטענטום, מיט אונזערע שכנים דורך דעם נוצרי איז פאַרשטענדליך פאַר אונזער אמעריקאַנער אידישער יוגענד. זיי נעהמען דערפון ארויס דאָס וואָס מען דאַרף דערפון ארויסנעהמען: אַן אַנרעגונג צו אַסימילאַציאָן, און אַ דערנעהנטערונג צו א פרעמדען גלויבען. די רעזול־טאַטען דערפון קומען ניט דוקא גלייך אויף דעם מאָמענט, אָבער די זריעה איז דאָ און די פרוכט וועט געוויס קומען שפּעטער.

רעפאָרם מוז האָבען אַן איינפלוס אויף דעם אמעריקא־נעם אידישען דור שוין דערמיט וואָס רעפאָרמער פיהרען דאָס גרויסע וואָרט אין אמעריקאַנער אידישען לעבען. זיי זיינען די גרעסטע פיגורען אין דער אידישער עפענטליכקייט. זיי שטעהען אַן דער שפּיצע פון אידישע שתדלנות, זיי שטע־הען אַן דער שפּיצע פון די גרעסטע אידישע אנשטאַלטען. זיי זיינען די הויפּט־פיגורען אין די פילאַנטראָפּישע ארבייט. אין פּשוט׳ע ווערטער: זיי שטעהען אַן דער שפּיצע פון די אידען פון אמעריקא און כמעט אלע פון די וואָס ווערען גע־

אכטעט אין דער אידישער עפענטליכקייט געהערען צו זייערע רייהען. עס זיינען שוין געווען רעוואלוציאנען געגען דעם דאזיגען צושטאנד; מען האט שוין פיעל מאל געוואלט די דאזיגע רעפארמירטע אידען "ארויסווארפען" פון זייער טראהן, ניט צוליב דעם וואס זייער סארט אידישקייט געפעלט ניט, נאר צוליב דעמאקראטישע אורזאכען. אבער דאס האט גאר ניט געהאלפען. זיי זיינען די ווארט־פיהרער פון אידען אין אמעריקא, זייערע נעמען זיינען בעקאנט אין אלע אידישע הייזער און ווען איהר וועט פרעגען אן אמעריקאנעם געבארענעם אידען — אפילו א זוהן פון אן ארטאדאקסישען רב — ווער זיינען די דריי, די פינף אדער די צעהן גרעסטע אידען אין אמעריקא, וועט ער אויסרעכענען בלויז נעמען פון רעפארם־אידען!

וואס פאר א פראפאגאנדא דאס איז פאר רעפארם, איז גאר ניט משער צו זיין! ווען די איינפלוסרייכסטע אידען פון לאנד, ווען די פיהרער פון דער אידישער עפענטליכקייט צו וועלכע עס בויגען זיך אפילו ארטאדאקסען זיינען מיטגלידער פון רעפארם־טעמפלען, איז א סימן — אזוי פיהלען און אזוי מעגען פיהלען אונזערע קינדער — אז רעפארם איז א שעהנערער און א העכערער סארט יודענטום ווי ארטאדאקסי. מען דארף האבען אין זינען דעם כלל אז וועהרענד די מענשען וואס גיבען זיך אב מיט לערנען, קומען צו זייערע איבערצייגונגען דורך דעם געשריבענעם ווארט, קומט דער גרעסטער טהייל פון עולם — פון אירגענד וועלכען עולם — צו זיינע איבערצייגונגען דורך מ ע נ ש ע ן. דער איינפלוסרייכער מענש ווערט ממילא אן אגיטאטאר פאר דאס, מיט יועלכעם ער איז פארבונדען. אידישע ווארט־פיהרער וואס זיינען רעפארמער זיינען מעכטיגע פראפאגאנדיסטען פאר רעפארם, און וואס מעהר זיי טהוען פאר'ן כלל, אלץ מעהר ארבייטען זיי פאר רעפארם...

דער חשבון מיט רעפארם איז ניט געענדיגט — עס האט זיך יעצט קוים אנגעפאנגען.

רעפארם און דער ציוניזם

עס איז מערקווירדיג אז די רעפארם האט געוואוסט צו שלאגען קאפיטאל אפילו פון ציוניזם — אן אידעאל וואס איז דער פאלשטענדיגסטער געגענזאץ צו די אסימילאציאן און אנטי־נאציאנאליזמוס פון רעפארם.

ווי אזוי קען רעפארם און ציוניזמוס געהן צוזאמען אין אימיצענס געדאנקען און געפיהלען — דאס איז א שווערע זאך צו פארשטעהן. און עס שיינט אז עס איז גאר קיין וועג ניטא ווי אזוי דאס קען פארשטאנען ווערען. דער יסוד פון רעפארם איז צו אבלייקענען די אידישע נאציאנאליטעט. רעפארם שטעהט אויף דעם שטאנדפונקט אז די אידען דארפען ניט האבען צוריק זייער היים, אז זיי טארען זיך ניט "פארשליסען" אין א נאציאנאלען ווינקעל, ווייל זייער שליחות איז צו פארשפרייטען די אידעען פון תנ"ך איבער דער גאנצער וועלט. די אידען זיינען, לויט דעם שטאנדפונקט פון רעפארם, "אריבערגעוואקסען" דעם פונקט פון זיין א בעזונדער נאציאן און זיי דארפען גאר ניט קלערען צו געהן צוריק צו דעם מצב וועלכען זיי האבען שוין לאנג פארלאזען. זיי דארפען ניט ווערען פון א וועלט־פאלק א נאציאנאלע פאלק און דארפען זיך ניט צובינדען צו דער קליינער שטיקעל ערד פון ארץ־ישראל, און די ערשטע גרויסע קאנפערענץ פון די אמעריקאנער רעפארמער, וואס איז געווען אבגעהאלטען אין פיטסבורג, אין דעם אנדער העלפט פון ביינצעהנטען יאהרהונדערט, האט זיך געשטעלט ריכטיג אויף דעם רעפארמישען שטאנדפונקט ווען זי האט ערקלערט אז די אידישע נאציאן האט זיך געענדיגט מיט דעם אונטערגאנג פון דער אידישער מדינה און אז די אידען ווילען ניט צוריק קעהרען אין פאלעסטינא און האבען אויפגעגעבען אלע געדאנקען וועגען משיח'ן. דאס איז געווען א ריכטיגער רעפארמישער בליק אויף דער אידישער געשיכטע און האט זיך געפאסט צו די עיקרים אויף וועלכע רעפארם איז געווען געבויט. אין איינקלאנג מיט'ן אמת'ן גייסט פון רעפארם איז אויך געווען דאס וואס די רעפארמער האבען ארויסגעוואר־

פען אלע תפלות פון ציון. רעפארם און ציוניזמוס זיינען דארום צוויי קאנטראסטען וואס קענען זיך ניט צוזאמענפארען, ווייל איין זאך שליסט אוים דאס אנדערע.

אבער אין לעבען זיינען פאראן פיעל אונפארשטענדליכע זאכען, פיעל אונלאגישע זאכען, פיעל קאנטראסטען וואס מישען זיך אוים אויף א וועג וואס דער שכל־הישר קען דאס ניט בעגרייפען. איבערהויפט זיינען פאראן פיעל ניט פארשטענדליכע זאכען אין דעם לעבען פון די רעפארמער אין אמעריקא. ווי אזוי, למשל, קען מען פארשטעהן די פיהרונג פון א בעריהמטען רעפארם־ראבבי אין נויארק, וועלכער איז שוין יעצט טויט, וואס פלעגט מאכען קידוש פרייטאג־צו־נאכט הויך און שארף אין א העט, און גלייך נאכדעם האט מען דערלאנגט אלם דעם ערשטען שבת'דיגען מאכל — איסטערם! איסטערם און קידוש! ערקלעהרען קען מען דאס ניט, אבער א פאקט איז עס. רעפארם און ציוניזמוס קען מען אויך ניט ערקלעהרען. אבער א פאקט איז עס. וואס פאר א בעדייטונג עס האט א קידוש מיט איסטערם, איז א פראגע איבער וועלכער יעדער האט א רעכט זיין מיינונג ארויסצוזאגען. וואס פאר א בעדייטונג עס האט א ציוניזמוס וואס קען וואהנען מיט רעפארם אונטער איין דאך—איז אויך א פראגע איבער וועלכער יעדער קען האבען זיין אייגענע מיינונג. פאר אונז אבער דא, אין דיזען קאפיטעל, איז נאר וויכטיג אז אזא משונה'דיגע אויפמישונג איז דא פאראן אין אמעריקא. אז רעפארם־ראבבים שטעהען אין טעמפעל און דיענען צו רעפארם וואס לייקענט אב די עקזיסטענץ פון דער אידישער נאציאן, "פרייען" אין "פרייער בוקס" פון וואנען מען האט ארויסגעווארפען די העברעאישע שפראך און יעדען סימן פון ציון, און אין דעם אבענד פון דעמזעלבען טאג קומען דיזעלבע מענשען צו א ציוניסטישען מיטינג ריידען וועגען דער וויכטיגקייט פון א נאציאנאלען לעבען אין ציון דוקא אין דער העברעאישער שפראך! דיזע לעבערליכע און אבסורדע ערשיינונג איז אן און פאר זיך איינע פון די גרעסטע סימנים פון דעם תוהו־ובוהו פון דעם אידישען לעבען אין אמעריקא. מיר ווילען אבער דא נאר אבשטעלען זיך אויף דעם פונקט אום צו בעווייזען אז פון דער דאזיגער ווילדער צוזאמענמישונג האט רעפארם געהאט א גרויסען פארדינסט. די רעפארמער וואס האבען זיך אנגעטשעפעט אן ציוניסטי־

שען וואָגען זיינען מיט איהם אריינגעפאָהרען, פיהרענדיג מיט זיך דעם גאנצען רעפאָרמערישען באגאזש אין אזעלכע פלעצער פון דער אידישער גאס, וואו זיי וואלטען אָהן דעם ציוניזמוס בשום אופן ניט געקענט אריינקומען. מען האט פאר זיי געעפענט אזעלכע טהירען וואס זיינען געווען פאר זיי פריהער פערשלאָסען און וואלטען שטענדיג געווען פאר זיי פארשלאָסען ווען זיי זאלען ניט זיין בעשיצט פון דער נאַציאָנאלער בלוי-ווייסער פאָהן. דער רעפאָרם-ראבי, וואס דרשן'ט אין דער פריה צוזאמען מיט א גלח אין טשוירטש קען אין אבענד שטעהן נעבען ארון-קודש אין בית מדרש הגדול, ווען דארטען ווערט אפגעהאלטען א ציוניסטישער מאסמיטינג.

די זאך איז נאטירליך, דער ציוניזמוס איז א בעוועגונג וואס האט איהר צוועק אויפצובויען ארץ ישראל, און יעדער וואס קומט נעהמען א טהייל אין דער דאזיגער ארבייט איז ווילקאָמען. עס איז אן ארבייט ניט פאר פארטייען אדער קלאסען, נאָר פאר דעם גאנצען פאָלק. עס זיינען פאראן פארטייען אין ציוניזמוס, וואס ביי זיי איז נישט גענוג סתם אויפצובויען ארץ ישראל, נאָר עס קומט נאָך די פראגע **ווי אזוי דאָס אויפבויען זאָל פארקומען, או צו זיין א** מיטגליעד אין יענע פארטייען, דארף מען שטעהן אויף א געוויסען שטאנדפונקט וועגען דער פראגע וואס א סארט ארץ-ישראל דארף עס זיין די דאזיגע היימלאנד. אבער די אלגעמיינע ציוניסטישע ארגאניזאציאָן קען קיין אנדער זאך ניט פאָדערען פון אַ ציוניסט, ווי אַז ער זאָל אָננעהמען דעם באזעל פראגראם, וועלכער האט ניט צו טהאָן מיט אנ-שויאונגען וואס זיינען ניט פארבונדען מיט דער הויפט-ארבייט פאר ציון. קיין צווייפעל, אז עס איז דאָ פּלאַץ פאר רעפאָרמער צו ארבייטען פאר אלעם וואָס האָט צו טאָן מיט'ן אויפבוי פון דער אידישער לאנד, אז עס איז פאראן פאר זיי פּלאַץ אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, אין וועלכער יעדער איד, אָהן אויסנאהמע, האט אן אָרט, אויב ער וויל נאָר קומען.

אבער קיינער קען ניט לייקענען אז דורך דעם איז די רעפאָרם פארשטארקט געווארען אין אמעריקא. די רעפאָר-מער, וואס זיינען ניט קיין ציוניסטען, האבען ניט אזעלכע געלעגענהייט צו קומען פאר די אידישע ניט-רעפאָרמירטע,

אדער זאגאר ארטאדאקסישע מאסען, אויב מען קען נוצען דאס ווארט מאסען דערביי, וואס עס האבען די רעפארמער וואס זיינען ציוניסטען. די ניט־ציוניסטישע רעפארמער זיי־נען מעהרסטענס בעגרעניצט צו די „פאלפיטס" פון זייערע טעמפלען, אויסער וואס זיי האבען אמאל א געלעגענהייט צו ריידען ביי פערזאמלונגען פאר פאטריאטישע צוועקען. דאס וואס זיי זאגען ווערט מייסטענס פארפאלען אין דער קאלטער אטמאספערע פון זייערע טעמפלען. די ציוניסטישע רעפארמער אבער קומען אויף גרויסע פאלקס־פערזאמלונגען, נאציאנאלע דעמאנסטראציאנען אין וועלכע עס שלאגט שטארק דער פולס פון לעבען, זיי האבען פאר זיך א גאנץ אנדער אוידיענץ ווי די וועלכע רעפארם־ראבבים האבען גע־וועהנליך אין זייערע טעמפלען, אדער ווי די וועלכע מען זעהט ביי פילאנטראפישע טעטיגקייטען. עס עפענט זיך פאר זיי א ברייטע פעלד פון וועלכער די ניט־ציוניסטישע ראבבים קענען גאר ניט חלום'ען, און עס קען אנדערש ניט זיין ווי אז דער דאזיגער פעלד זאל ווערען אויסגענוצט פון זיי צו גונסטען פון דער רעפארם וועלכע זיי פארטרעטען.

די פראפאגאנדא פון רעפארם־ראבבים פאר ציוניזמוס איז פון ז י ך א ל י י ן א פראפאגאנדא פאר רעפארם. דער ציוניסטישער זייט פון דעם רעדנער כשר'ט דעם רעפארם־זייט פון איהם, מענשען קענען ניט אפטיילען אידעען פון פערזאנען. עס איז שווער פאר'ן עולם צו טראכטען אונגע־פעהר אזוי: דיזער און דיזער ראבבי איז פאלשטענדיג גע־רעכט אין זיינע אידעען וועגען ציוניזמוס און ער איז דורכ־אויס אונגערעכט אין זיינע אידעען וועגען יודענטום. זיין נאציאנאלער בליק איז א ריכטיגער, זיין רעליגיעזער בליק איז א פאלשער. על פי טעאריע קען מען עס יא טאן, אבער מענשען לעבען ניט מיט טעאריען, זיי לעבען דורך געפיהלען, און דאס וואס מען קען טאן על פי שכל קען מען אפט ניט טאן על פי געפיהל. און ווען עס האנדעלט זיך וועגען גע־פיהלען, ווערט דער מענש און דאס וואס ער זאגט צוזאמענ־געגאסען. און אויב א רעפארמער־ציוניסט געווינט דאס הארץ פון דער אוידיענץ פאר זיין ציוניזמוס, האט ער איהר אין דערזעלבער צייט געוואונען פאר זיין רעפארם. ווערענדיג אן אויטאריטעט אין איין זאך, אין ארץ־ישראל זאכען, ווערט ער אן אויטאריטעט אין דער צווייטער זאך אויך, אין זיי־

אויסטייטשונג פון יודענטום. עס איז זעהר שווער א מענ־שען צו טיילען אין צווייען, איבערהויפט אז ער קען זיין א פיהרער אין איין זאך און א פארפיהרער אין א צווייטער.

מען דארף ניט פארגעסען, אז אַט די צוויי זאכען, ציוניז־מוס און יודענטום, זיינען ניט קיין גאנץ באזונדערע צוויי זאכען: זיי זיינען אין יעדען פאל ביידע דורכגעקייטעלט און פארפלאָכטען, און עס איז פאר'ן אמעריקאנישען אידי־שען עולם ניט אזוי לייכט עס פאנאנדערטיילען. און דארום ווערט א רעפאָרמער וואס איז א פיהרער אין ציוניזמוס, ממילא א פיהרער אין יודענטום, און זיין אויסטייטשונג פון יודענטום קריגט געוויכט און פרעסט דעם אָרטאָדאָקסישען, דעם טראדיציאנעלען בעגריף פון יודענטום. עס ווערט מיט דער צייט שווער פאר אן אמעריקאנעם אויפגעהאָדעוועטען אידישען יונגענמאן צו פארשטעהן, ווי קען גאָר זיין א בע־סערע אידישקייט ווי די פון יענעם און יענעם באריהמטען אידישען פיהרער.

אַט אזוי האָט רעפאָרם געוואונען א שטארקען צוג געגען דער אָרטאָדאָקסי, געגען דער טראדיציאָן, אפילו פון דער גרויסער באוועגונג, וועלכע איז געקומען ניט נאָר אומקעהרען די אידען צו ארץ ישראל און ארץ ישראל צו די אידען, נאָר אויך, לויט דעם אויסדרוק פון הערצל—צוריקקעהרען די אי־דען צום יודענטום. ווען מיר פיהרען ווייטער א סך־הכל פון רעפאָרם אין אמעריקא, קומט אוים דער חשבון פון איהרע כחות פיעל מעהר ווי אַנדערע איבערפלעכליכע בעאָבאַכטער מיינען.

געמישטע הייראַטען

מיט א קורצער צייט צוריק בין איך געווען אין א שטע־טעל אין איינע פון די איסטערן סטייטס. איך בין אהין געקומען האלטען א רעדע פאר א קאמפיין וואס איז אונ־טערנומען געווארען דארטען צו זאמלען א פאנד אום אויפ־צובויען א תלמוד־תורה צוזאמען מיט א סענטער ווי עס איז היינט די מאָדע. דיזער סענטער וואס האט געזאלט געבויט ווערען האט געזאלט זיין, סטריקט ארטאדאקסיש. די ארטא־דאקסישע שוהל פון שטעדטיל האט עס געמאכט. קורץ: עס איז געווען אן ארטאדאקסישע שמחה אין פולען זינן פון דאס ווארט. עס האט זיך אנגעפאנגען מיט א באנקעט און האט זיך געענדיגט מיט א מאסמיטינג אין דער שוהל. און איך האב בעדארפט ריידען צוויי מאל דעם אבענד.

אין מיין רעדע אויפ'ן באנקעט האב איך אנגעוויזען אויף דער געפאהר וואס עס איז פאראן אין די קאנטרי־שטעדט פון געמישטע הייראטהען, וועלכעס קומט אין א פרייע מדינה אנשטאט שמד. דער רעזולטאט פון געמישטע הייראטהען, האב איך געזאגט, איז כמעט דערזעלבער ווי שמד — עס פיהרט צו אסימילאציאן. עס איז אן אנדער פראצעס, אבער די ענדע איז דיזעלבע און איך האב אויס־געפיהרט אז אהן תלמוד־תורה'ס פיהרען מיר ארויף די קינ־דער אויף א וועג פון געמישטע הייראטהען, איבערהויפט אין די קליינע געמיינדען.

ווען איך האב געענדיגט ריידען איז צוגעגאנגען צו מיר א מאן, האט זיך פארגעשטעלט אלס א ריכטער פון דעם פלאץ, און נאכדעם ווי ער האט געבעטען עטליכע מאל ענט־שולדיגונג, האט ער געפרעגט אויב עס וואלט ניט געווען פון איהם צופיעל העזה ווען ער וואלט געבעטען אז איך זאל אין מיין צווייטער רעדע אין שוהל ביים מאסמיטינג ניט דער־מאנען דעם ענין פון געמישטע הייראטהען. איך האב איהם געפרעגט, אויב ער איז ניט מסכים מיט מיינע אויספיהרונ־גען איבער דער פראגע. ער האט מיר גלייך פארזיכערט אז ער איז איינפערשטאנדען מיט דאס וואס איך האב געזאגט

נאָר — נאָר — און דאָ האָט ער אָנגעהויבען שטאַמלען, און זעהענדיג אַז איך וואַרט אויף אַ תשובה האָט ער ענדליך געזאָגט אַז עס איז ניט אָנגענעהם צו בעריהרען די פראַגע דאָ אויפ'ן פּלאַץ ווייל — דער טאָאַסטמייסטער פון אָבענד האָט אַ גוי'שע ווייב, אַ דייטשע שיקסע וועלכע איז נאָך צו די צרות געקומען אָבגעהמען איהר מאַן פון דעם מיטינג און האָט געהערט דאָס וואָס איך האָב געזאָגט וועגען געמישטע הייראַטהען. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, האָט דער ריכטער געענדיגט, אַז דער טאָאַסטמייסטער האָט זיך געפיהלט זעהר שלעכט, און מען דאַרף דאַרום פון דעם שטאַנדפּונקט פון רחמנות דעם "דעליקאַטען" ענין ניט בעריהרען...

אַזוי ווייט האַלטען מיר מיט געמישטע הייראַטהען אַז מען דאַרף עס שוין באַלד אויסמיידען צו דערמאָנען אפילו אויף תלמוד־תורה באַנקעטען, אַזוי ווי מען קען שוין לאַנג ניט דערמאָנען וועגען שבת אין די שוהלען.

און דאָס איז ניט מעהר ווי אַן אָנפאַנג. דער דור פון אימיגראַנטען וואָס איז געקומען מיט אַ פרעמדער שפּראַך, מיט אַן אַנדער אויפפאַסונג וועגען דער וועלט, מיט אַן אַנדער קולטור און מיט אַנדערע מנהגים האָט ניט געקענט אָנפאַנגען אײנצופיהרען געמישטע הייראַטהען. עס איז געווען אַ צו־גרויסער תהום צווישען איד און ניט־איד אַז אַזאַ זאַך ווי אינטערמערידזש זאָל פאַרשפּרייט ווערען. און ניט נאָר דאָס אַליין, עס איז פאַראַן נאָך אַ געוואַלדיגע אורזאַכע וואָס האָט געשטערט אין דעם: די יונגע מענשען וואָס זיינען אַהער געקומען האָבען ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו טרעפען זיך מיט אַמעריקאַנער יונגע פרויען און די איינגעוואַנדערטע יונגע פרויען האָבען ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו טרעפען זיך מיט אַמעריקאַנער יונגע מענער. עס האָט זיי געפעהלט דער בריק: די אַלגעמיינע סקול און נאָכהער די אַלגעמיינע געזעלשאַפט. די פראַגע פון אינטערמערידזש איז געבאָרען געוואָרען נאָר דאַן ווען עס איז אויפגעוואַקסען אונזער צווייטער דור, די קינדער פון די אימיגראַנטען וואָס זיינען געגאַנגען אין די אַלגעמיינע סקולס און זיינען אויפגעוואַקסען אין איין סביבה מיט דער ניט־אידישער יוגענד. דאָס הייסט אַז די פראַגע פון געמישטע הייראַטהען איז אַ זעהר נייע, זי האָט ערשט איצט אָנגעפאַנגען ארויפשווימען אויף דער עפענטליכקייט פון אונזער לעבען. אויב אימיצער קלערט אַז די פּראָבלעמע איז ניט זעהר גרויס האָט ער אַ

טעות. ער פארגעסט אז מען דארף זיך דא רעכענען מיט אן ערשיינונג וואס איז אין דער גאנץ ערשטער מדרגה פון איהר ענטוויקלונג, ווער קען וויסען וואס דערפון וועט ווערען.

* * *

קיין סטאטיסטיקס וועגען געמישטע הייראטהען איז די קאנטרי־שטעדט (ווארום פריהער ווי אלעס פאלען ארונ־טער די קליינע געמיינדען אונטער די פארשפרייטונג פון אינטערמערידזש) זיינען ניטא, אדער אמווייניגסטענס זיינען זיי מיר ניט באקאנט. אלעס וואס מען קען וויסען איבער דער פראגע מוז נאטירליך זיין געבויט אויף השערות, אבער אויך פון די השערות קען מען ארויסזעהן דעם גאנג פון דער דא־זיגער ערשיינונג. דער עיקר, נאך אלעמען, איז אזא זאך איז ניט די ציפערן וואס זאלען קלאר בעשטימען ווי גרויס עס איז דער פראצענט פון די וואס האבען חתונה אויסערהאלב פון יודענטום. דער עיקר איז דא צו האבען א בעגריף וועגען דעם וואוקס פון געמישטע הייראטהען און דאס קען מען משער זיין ווען מען קוקט־זיך צו צום לעבען פון די אידישע געמיינדען אין די קאנטרי־שטעדט.

עס ווערען, צום ביישפיעל, אנגעפרעגט אין נויארק זעהר אפט "שאלות" וואס האבען צו טאן מיט דער פראגע פון געמישטע הייראטהען. מען פרעגט אויב דער וואס האט א גוי'שע ווייב איז ראוי צו זיין א מיטגליעד אין א שוהל. אן ארטאדאקסישע שוהל. אנדערע פרעגען אויב ער איז ראוי צו זיין א פרעזידענט פון א שוהל און אין געוויסע פע־לען: צי זאל מען איהם לאזען דוכנ'ען. איך וויים פון א פאל אין וועלכען איינער האט אנגעפרעגט אויב ער קען "יוצא" זיין זאגענדיג די תפלות אום יום־כפור ביי זיך איז הויז ווייל ער האט א גוי'שע ווייב און זי לאזט איהם ניט געהן אין סינאגאג. ווען מען זאל אורטהיילען לויט די אלע סימנים איז קלאר אז די געמישטע הייראטהען זיינען אריין אין דער אידישער גאס מיט א בעדייטענדען אנפאנג. שוין דער פאקט אליין אז א גרויסע טהייל פון די וואס שרייבען וועגען דעם און פרעגען שאלות, זוכען אליין צו אויסזוכען אלע זכות'ן אויף די וואס האבען חתונה געהאט אויסערהאלב פון יודענטום איז א בעוויז אז מען פאנגט עס אן צו רעכע־נען כמעט אלס נאטירליכע זאך און דערצו קען מען נאר קו־מען ווען די ערשיינונג איז אן אפטע. די אפטקייט פון דער

זאך טעמפּעט־אָב די שאַרפקייט. אַנדערע זוכען צוצודעקען אינטערמערידזש דורך כלומר'שט פועל'ענדיג ביי די גוי'שע ווייבער פון אידישע יונגע לייט אז זיי זאָלען זיך "מגיר" זיין, וועלכעס מיינט אָבער אין אמת'ן גאָר ניט. די קינדער פון אזעלכע גר'טעם געהען גרעסטענטהיילס אוועק אהין צו די גוים. דער רעזולטאַט דערפון איז אַלץ איינס: אַסימי־לאַציאָן.

די פראגע פון געמישטע הייראַטהען וועלכע האָבען זיך אין אמעריקא יעצט בלויז אָנגעפאַנגען קען ווערען גוט פער־שטאַנען און דורכגענומען נאָר ווען מען וואַרפט א בליק אויף אַנדערע לענדער וואו אידען זיינען אין פערהעלטניסמעסיג דיזעלבע צושטענדע ווי די צושטענדע אין וועלכע עס לעבען די אידען פון אמעריקא. דאָס מיינט וואו זיי ריידען דיזעלבע שבראַך ווי זייערע שכנים, געהען אין דיזעלבע סקולס און זיינען ערצויגען געוואָרען אויף דערזעלבער קולטור, אויף וועלכער זייערע שכנים ווערען אויפגעהאָדעוועט. א בע־טראַכטונג פון די רעזולטאַטען צו וועלכע עס האָט געפיהרט אינטערמערידזש, וועלכע האָט זיך דאָרטען אויך אָנגעפאַנגען לאַנגזאַם, קען אונז געבען א בעגריף אויף דער געפאַהר פון געמישטע הייראַטהען אין אמעריקא.

אין איטאַליען האָבען געמישטע חתונות דערפיהרט די אידישע בעפעלקערונג כמעט ביז'ן אונטערגאַנג. די גרויסע פאַמיליען וואָס זיינען בעריהמט אין דער אידישער געשיכ־טע זיינען כמעט אין גאַנצען אַסימילירט געוואָרען — פיעל מעהר דורך געמישטע הייראַטהען ווי דורך שמד. לאַמבראָזאָ, לוצאַטי, מאַרפּורגאָ און אַנדערע פאַמיליען זיינען אריין אין דעם איטאַליענישען פאָלק דורך געמישטע הייראַטהען.

דענעמארק ווערט געבראַכט אלס ביישפּיעל פון אַסימי־לאַציאָן דורך געמישטע הייראַטהען. שמד איז אין דענע־מארק ניט שטאַרק פאַרשפּרייט און די וואָס ווילען אוועק־געהן פון דער אידישער מחנה, פאַרשפּאָרען דעם ניט אַנגע־נעהמען פּראָצעס פון בייטען איין גלויבען, וועלכען זיי האָ־בען ניט, אויף אַן אַנדערן וואָס זיי ווילען ניט האָבען. זיי לאָזען דעם איבערגאַנג פון פאָלק צו פאָלק, פון גלויבען צו גלויבען, צו זייערע געמישטע קינדער וואָס וועלען פאַרשטעהן די כוונה פון זייערע עלטערען און נאָך בעסער: זיי וועלען פאַרשטעהן וואָס עס לוינט זיך בעסער פאַר זיי און זיי ווע־לען אריין אהין צו די שטאַרקערע.

דער שארפסטער בעוויז איז אבער פון דייטשלאנד: מיט א קורצע צייט צוריק האבען די אידישע געמיינדען פון דייטשלאנד בעאויפטראגט א קאמיסיאן צו געבען א בעריכט וועגען דעם צושטאנד פון יודענטום איבער'ן לאנד. די קאמיסיאן האט זיך אויפ'ן דייטשען אופן געזעצט שטודירען די פראגע און האט אריינגעבראכט א רעפארט אז די צאהל פון געמישטע הייראטהען אין דייטשלאנד וואקסט און עס האט שוין דערגרייכט צו א פיערט־חלק פון דער צאהל הייראטהען ביי אידען; אז די גרויסע מאיאריטעט פון די קינדער פון אזעלכע הייראטהען זיינען גוים, און אז אויב עס זאל געהן אזוי ווי עס געהט יעצט ווייטער אויך, וועט אין דרייסיג יאהר ארום מעהר ניט בלייבען קיין אידען אין דייטשלאנד אויסער די וואס קומען אריין פון מזרח אייראפא.

דאס זיינען קלארע דבורים. געמישטע הייראטהען ברייגען אין געפאהר דאס יודענטום אפילו אין אזא לאנד ווי דייטשלאנד, וואס איז פול מיט אנטיסעמיטיזם. ווי עס שיינט איז די שנאה צו אידען ניט קיין שטערונג אין דעם פראצעס פון אויסמישונג — און דאס איז אן ענטפער פאר די וואס וועלען זאגען: די פארשווערונג פון אנטיסעמיטיזם אין אמעריקא וועט פערהאלטען די אסימילאציאן. די סטאטיסטיקס פון געמישטע הייראטהען אין דייטשלאנד צייגען פארקעהרט. אמעריקאנער אידען דארפען זיך וועגען דעם פארטראכטען.

איין תורה פאַר אַלע לענדער

מיר האָבען אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל בעוויזען אַז דאָס וואָרט „אַמעריקאַן דזשודאַאיזם“ איז געשאַפען געוואָרען פון רעפאָרמער, מיט דעם צוועק עס זאָל דיענען פאַר אַ רעפאָרמ׳שע אַגיטאַציאָן און עס זאָל זיין אַ וואָפען געגען דער אָרטאָדאָקסי, און די וואָפע האָט די רעפאָרמער גוט געדיענט.

אָבער דאָס וואָרט ״אַמעריקאַן דזשודאַאיזם״ ווערט נאָך אַ פיעל גרעסערע וואָפען געגען יודענטום ווען עס פאַנגט אָן אריינצוגעהן אין די קרייזען פון אידען וואָס זיינען ניט רעפאָרמירט, אָדער אַמווייניגסטענס וואָס קלייבען צו זיין געגען רעפאָרם. אַפילו אָרטאָדאָקסען ריידען אויך פון אַן ״אַמעריקאַן דזשודאַאיזם״, מיינענדיג אַז דאָס יודענטום מוז צוגעשניטען ווערען נאָך׳ן מאָס פון יעדער לאַנד וואו אידען וואָהנען.

אונטער דער אידעע אַז עס איז פאַראַן אָדער אַז עס דאַרף זיין אַן ״אַמעריקאַן דזשודאַאיזם״, וואַקסט אויף אַ דור אַפילו אין אָרטאָדאָקסישע הייזער, וואָס דיינקט אַז דאָס יודענטום דאַרף מאַכען קאָנצעסיאָנען צו אַמעריקא, אַז מען דאַרף דאָס יודענטום אַמעריקאַניזירען און אַז דיזע אַמעריקאַניזירונג איז אַ לעגאַלע זאַך פון דעם שטאַנדפּונקט פון יודענטום גופא. דאָס איז ביי זיי אין די אויגען אַ סאָרט טעקס וואָס די אידישע רעליגיאָן דאַרף אָבצאָהלען צו יעדער לאַנד וואו די אידען זיצען. דאָס מאַכט ביי זיי אַן איבערצייגונג, אַז ענדערונגען זיינען ״אין אָרדער״, אַז די אַלטע וועגען און פירונגען קענען דאָ ניט געהן און דערפאַר דאַרף מען אויסקלייבען וואָס צו נוצען, לויט דעם גייסט פון אַמעריקא, און וואָס ניט. און דאָס אַליין איז שוין רעפאָרם, דערמיט איז שוין צוגעגעבען געוואָרען אַז ענדערונגען דאַרפען געמאַכט ווערען אין יודענטום אום עס זאָל שטימען מיט יעדעם אַנדערש, דאָ מיט׳ן אַמעריקאַניזמוס און דאָרטען מיט׳ן גערמאַניזמוס א. ז. וו. דאָס איז דער יסוד פון רעפאָרם, דער עיקר פון רעפאָרם, אויף וועלכע עס שטעהען אַ געוויסער פּראַ־

צענט פון די אזוי גערופענע אָרטאָדאָקסען, אייגענטליך זיינען עס רעפאָרמער אין אַן אָרטאָדאָקסישער קליידונג, ווייל קוים גיט מען צו דעם פּונקט אז מען דארף מאכען ענדערונגען אין יודענטום, אָדער מען דארף דאָס יודענטום געבען אַ פּנים לויט ווי עס פאָדערט זיך אין אַ געוויסע לאַנד, איז מען שוין ניט קיין ארטאדאקס, נאָר א רעפאָרמער אין פּרינציפּ.

דער אָרטאָדאָקסישער שטאַנדפּונקט איז קלאָר: אַז די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען ניט אין אַמעריקאַ, ניט אין רייטשלאַנד, ניט אין פּוילען און ניט אין מאָראָקאָ. די תורה איז געגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני אַלס אַן אייביגע זאַך וואס ענדערט זיך ניט נאָך די קלימאטען און האט ניט קיין שום שייכות מיט געאָגראַפישע פּונקטען. די תורה איז איינע און דער דין איז איינער און עס דאַרף ניט זיין און עס טאָר ניט זיין קיין חלוק ביי אידען פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אידישער רעליגיאָן וואו זיי זיצען. עס איז ניט געווען קיינמאָל ביי אידען די אידעע צו בערי־המען זיך מיט די "היימישע אינדוסטריען" אין יודענטום. די אידען פון איין לאנד האבען געשיקט שלוחים צו פרעגען שאלות ביי די אידען פון אַנדערע לענדער, דער רמב"ם אז געווען אין מצרים און איז דער זעלבער "נשר הגדול" אין פּוילען און אין דייטשלאַנד, און רש"י איז ביי אונז ניט קיין פראַנצויזישער איד, און דער מחבר פון "חובת הלבבות" איז ביי אונז קיין שפּאַנישער איד, און דער מהרש"א איז ניט קיין פּוילישער איד און רבי עקיבא איז ביי אונז ניט קיין ארץ־ישראל איד און שמואל איז ביי אונז ניט קיין מעזאָפּאָטאמישער איד; דער שולחן־ערוך איז ביי אונז ניט קיין צפת'ער יודענטום, און דער רמ"א איז ביי אונז ניט קיין פּאָליאַק, אידישע גדולים פלעגען אומפאָהרען פון איין לאַנד צו דער צווייטער, פלעגען פאַרנעהמען רבנות שטעלען דאָ אין איין לאַנד, דאָ אין דער אנדערער; די טעריטאָריע פון דעם אידישען גלויבען איז די גאַנצע וועלט, און אומעדום וואו אַ איד קומט פיהלט ער זיך אין דער היים. אויסער אין קליינע אונוויכטיגע מנהגים, זיינען ניטאָ קיינע ענדערונגען, און עס איז ניטאָ קיינע "יודענטומס" לויט לענדער, ווייל עס איז בלויז פאראַן איין יודענטום, וואָס איז אומעדום גילטיג.

אָט דאָס איז דער היסטאָרישער שטאַנדפּונקט, אָט דאָס איז דער בעגריף וועגען יודענטום וואס איז טיעף איינגע־

וואַרצעלט אין די הערצער פון אַלע אידען וואָס שטעהען אויף דעם טראַדיציאָנעלען באַזיס. און נאָר צו פאַרדאַנקען דיעזען בעגריף, נאָר צוליעב דיזען בטל־מאַכען פון גרענעצען אין יודענטום איז דער אידישער גלויבען געבליבען גאַנץ, אין דער צייט וואָס די אידען זיינען צושפּרייט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט. ווען עס וואָלטען געוואָרען איינגעפיהרט ענדערונגען לויט די לענדער, וואָלט געוואָרען אַ סך יודענטומס און מיט דער צייט וואָלט איינע פון די אַנדערע ווייט אַוועקגעגאַנגען, ביז עס וואָלט דערפון געוואָרען בעזונדערע יודענטומס, בעזונדערע גלויבענס און אַנדערע תורות. דאָס פאָלק וואָס איז צוקלאַפּט געוואָרען אין בעזונדערע טיילען, האָט נויטיג געהאַט איין אידישקייט, וואָס זאָל אַלעמען צונויפבינדען, וואָס זאָל אַלעמען פעראייניגען; און עס איז דארום געווען אַן עיקר גדול אַז מען זאָל מבטל־זיין דעם אונטערשיעד פון איין לאַנד צו דער צווייטער, אַז די אידען פון איין לאַנד זאָלען ניט פאַרבען זייער אידישקייט מיט דעם קאָליר פון דער לאַנד וואו זיי זיצען, נאָר זיי זאָלען אַלע זיך האַלטען פעסט אין איין איינציגען יודענטום, וואָס ענדערט זיך אין קיין אָרט ניט און האָט ניט קיין שום שייכות מיט דער פראַגע צי דאָס איז איז דיעזע לאַנד אָדער יענע לאַנד. די טאָן־געבער אין אידישען לעבען זיינען געווען די ערטער וואו עס זיינען געווען גרעסערע ישיבות און וואו עס זיינען געווען גרעסערע אידען און תורה, די פראַגע: אין וועלכער לאַנד די דאָזיגע צענטרען זיינען געווען, האט מיט דער זאַך גאָר ניט צו טאָן.

און טאָמער איז אויסגעקומען אַז צו די אידען פון אַ געוויסע לאַנד האט זיך ניט ווילענדיג אריינגע׳גנב׳עט עפּעס אַן אונבעדייטענדער מנהג אַלס רעזולטאַט פון דאָס וואָס אידען זיינען געווען אַרומגערינגעלט פון אַ פרעמדע סביבה, איז דאָס געקומען אַליין פון זיך, עס האָט זיך אין דער שטיל אריינגעשלייכט אין אידישען לעבען און איז אזוי אויסגעמישט געוואָרען מיט די אידישע מנהגים, אַז קיינער האָט ניט געפיהלט פון וואַנען דאָס איז געקומען און ווי אַזוי דאָס איז געקומען, אָבער עס האָט גאָר קיינעם ניט געקענט איינפאַלען צו קומען און זאָגען: מיר זיינען אין פוילען, לאָמיר מאַכען אַ פוילישעם יודענטום, ווי עס פּאַסט זיך פאַר פוילען, לויט דעם פוילישען גייסט! און ווען אין

איין מדינה האָט מען, למשל, ניט געזאָגט אַ שטיק פיוט, וועהרענד אין אַן אַנדער מדינה האָט מען עס יאָ געזאָגט, איז עס ניט געווען ווייל די פיהרער פון אידישקייט אין איין מדינה האָבען געוואָלט דעם יודענטום געבען אַ לאָקאַלען קאָליר, אַזוי ווי די וואָס ריידען פון "אַמעריקאַן דזשודאַ־איזם" ווילען טאָן; זיי האָבען ניט געזאָגט: אין פראַג דאַרף מען אַ פראַגער אידישקייט לויט ווי עס פאַסט זיך פאַר פראַג, און דערפאַר לאָמיר ניט זאָגען דעם דאָזיגען פיוט, וועלכער פאַסט זיך אפשר פאַר'ן פוילישען יודענטום, אָבער ניט פאַר אונז. דאָס האָבען זיי ניט געזאָגט, ווייל די הויפּט־שטרעבונג איז געווען אַז אומעדום זאָל זיין פאָלשטענדיג אַלץ איינס, אַז עס זאָל ניט זיין קיים חלוק פון איין לאַנד ביז דער צווייטער, נאָר געגען זייער ווילען האָבען זיך מיט געוואַלד אריינגעריסען עטליכע קליינע ענדערונגען, וואָס פלעגען בעדויערט ווערען, אָבער געגען וועלכעס מען האָט נישט שטענדיג געקענט העלפען, מעהרסטענס ווייל מען האָט עס ענטדעקט צו־שפּעט.

אין יודענטום אין אמעריקא וואָלט וואַרשיינליך מיט דער צייט אויך זיך אַריינגעכאַפּט עטוואס וואָס עס איז ניט געווען אין די לענדער פון אונזערע אַלטע היימען, און מיט אַלע אונזערע כחות קענען מיר ניט פאַרמאַכען אַלע "אונטער אירהדישע" וועגען, אָבער דאָס דאַרף בעטראַכט ווערען אַלס קאָנטראַבאַנד וואָס ווערט אריינגעשמוגעלט און געגען וועלכער מיר דאַרפען אָננעהמען אַלע מיטלען אַז עס זאָל ניט אַריין, און טראָץ אַלע אונזערע מיטלען, וועט דאָך עטוואס אַריין, עס איז נאָך קיינמאָל דער מין פון קאָנטראַבאַנד אין גאַנצען ניט פערשטעלט געוואָרן אפילו אונטער דער שטרענגסטער רעגיערונג. אין דעם מאָמענט אָבער ווען מיר עפענען ברייט די טיהר פאַר ענדערונגען — ווי קליין זיי זאָלען ניט זיין — און פּראָקלאַמירען אַז אונזער יודענטום דאַרף זיין אַמעריקאַניש, דאָס הייסט, זיךצופּאַסען צו דער לאַנד, האָבען מיר אונטערגעגראָבען דעם גאַנצען יסוד פון יודענטום, זיין אייביגע און זיין אַלל־וועלטליכע בעדייטונג, אין דעם מאָמענט האבען מיר גענומען די אידישע רעליגיאָן און מיר האבען איהר צובראכען אין שטיקער, מיר האבען אריינגעזעצט א קלין וואס וועט געהן ווייטער און ווייטער און וועט די קלאָץ צושפּאלטען. מיר האבען דערמיט צובראכען די אידישע אחדות און האבען די אידישע אמונה ארונטערגע־

זעצט פון איהר טהראָן און איהר געמאכט פיר א דיענסט צו אמעריקא, אדער צו ענגלאנד, אדער צו דייטשלאנד, אדער פראנקרייך, אין דעם מאָמענט ווען מיר זאָגען: ״אמעריקען דזשודאיזם״ האבען מיר געמאכט אמעריקא אלס דעם אויבערהערשער איבער אונזער יודענטום און דערמיט האבען מיר צוטרייסעלט דעם גאנצען פונדאמענט פון אונזער אמונה.

דער עיקר איז דאָ דער פרינציפּ, אויב דער פרינציפּ איז שלעכט אוועקגעשטעלט מוז עס געהן אלע מאָל ערגער און ערגער. א פּאָאר דורות פון בעזונדערע לאנדעס־יודענטומס אויף דעם פרינציפּ פון צופּאסען זיך — און דאס יודענטום וועט ווערען צו גאָרנישט.

די געפאהר פון ״אמעריקען דזשודאאיזם״ דראָהעט שטארק דעם אזוי גערופענעם ״קאָנסערוואטיווען דזשודאאיזם״ וועלכען מיר וועלען בעטראכטען אין נעכסטען קאפּיטעל.

קאָנסערוואַטיווער יודענטום

אין די פופציג יאָהר פון דער גרויסער אימיגראַציע פון אידען אין אַמעריקא, האָבען זיך אויסקריסטאַליזירט דריי סאָרטען יודענטומס מיט וועלכע דער וואָס וויל אונטערציהען אַ סך־הכל פון יודענטהום אין אמעריקא ביי היינטיגען טאָג מוז זיך רעכענען: אָרטאָדאָקסישעם יודענטום, קאָנסערוואַטיוועם יודענטום און רעפאָרם יודענטום. וועגען דער לעצטער פון די דריי, אין דער אָרדנונג וואָס מיר האָבען זיי בעצייכענט, האָבען מיר שוין גערעדט, צו דער אָרטאָדאָקסי וועלען מר קומען שפעטער. מיר ווילען יעצט בעהאַנדלען דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום אין אמעריקא, וועלכעס איז אַ ריין אַמעריקאַנישע פרוכט, ווייל אין אַנדערע לענדער איז אַזעלכעס ניטאָ.

דער ערשטער פונקט אויף וועלכען מען מוז זיך אָבשטעלען, ווען מען געהט אונטערזוכען דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטהום אין אמעריקא, איז די ניט־ריכטיגקייט פון דעם נאָמען אַליין. ווערהענד דער נאָמען אָרטאָדאָקסי און רעפאָרם פּאַסען זיך גוט יעדע איינע צו דאָס וואָס עס פאַרטרעט, קען מען אָבער וועגען דער קאָנסערוואַטיווער ריכטונג דאָס ניט זאָגען, ווייל דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטהום איז ניט קאָנסערוואַטיוו ניט אין איהרע פרינציפּען און ניט אין איהר כאַראַקטער, זי איז רעפאָרם אין איהרע פרינציפען און אין איהר כאַראַקטער, און אויב זי איז רעפאָרם קען זי זעלבסטפערשטענדליך קאָנסערוואַטיוו ניט זיין, ווייל דאָס איינע איז דער קאָנטראַסט פון דער אַנדערער.

קאָנסערוואַטיזם — ווי יעדער ווערטערבוך וועט אונז זאָגען — מיינט צו היטען דאָס אַלטע געגען ענדערונגען. דער קאָנסערוואַטאָר וויל קאָנסערווירען, וויל אויפהאַלטען דאָס וואָס עס איז דאָ, ער איז דער בעשיצער פון דאָס וואָס עס עקזיסטירט געגען די וואָס ווילען עס אַנדערש מאַכען. אָבער דאָס "קאָנסערוואַטיווע יודענטהום" שטעהט ניט אין קאַמף געגען דער אידעע פון אַנדערש מאַכען, אדרבה, עס פרעדיגט דאָס אַנדערש מאַכען, עס אַגיטירט פאַר ענדערונגען, עס

זוכט צו מאַכען שנוים, דאָס הייסט, עס איז דער היפך פון קאָנסערוואַטיזם און פיהרט אַ קאַמפף געגען דעם פּרינציפּ פון קאָנסערוואַטיזם, אָבוואָהל עס רופט זיך מיט דעם נאָמען קאָנסערוואַטיוו דזשודאַאיזם!

ווארום, אין וואָס אייגענטליך בעשטעהט דער חלוק צווישען דאָס אַזוי גערופענע קאָנסערוואַטיווע יודענטהום און צווישען דאָס אָרטאָדאָקסישע יודענטהום? עס בעשטעהט אָט אין דעם דאָזיגען חלוק: דאָס אָרטאָדאָקסישע יודענטהום איז געגען ענדערונגען, עס וויל קאָנסערווירען די אידישקייט, און דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטהום וויל יא ענדערונגען און וויל ניט קאָנסערווירען די אידישקייט אַזוי ווי זי איז. דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטהום טהיילט זיך אָב פון דער אָרטאָדאָקסי דערפאַר וואָס די אָרטאָדאָקסי וויל קיין ענדערונגען, דאָס הייסט, עס וויל זיין אַ קאָנסערוואַטאָר. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטהום וויל ענדערונגען, זוכט ענדערונגען, בעקעמפפט דעם קאָנסערוואַטיווען צושטאַנד און שטאַנדפּונקט אין יודענטהום. עס איז דארום זעלבסטפארשטענדליך, אַז דאָס אַזוי גערופענע קאָנסערוואַטיווע יודענטהום שטעהט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון ענדערן, פון רעפאָרם יודענטהום, איז אַליין אַ רעפאָרם יודענטהום און רופט זיך מיט אַ ניט־ריכטיגען נאָמען, ווייל דער נאָמען קאָנסערוואַטיוועס יודענטהום קען אין אמת'ן נאָר בענוצט ווערען צו דעם אָרטאָדאָקסישען יודענטהום.

אָבער — וועלען טענה'ן די אנהיינגער פון קאָנסערוואַטיוועס יודענטהום — מיר ווילען דאָך בלויז מאַכען קליינע ענדערונגען, וועהרענד די רעפאָרמער ווילען מאַכען גרויסע. און אין דעם זיינען מיר דאָך מחולק מיט די רעפאָרמער. טו ווי אַזוי קען מען זאָגען אויף אונז אַז מיר זיינען רעפאָרמער?!

מיר וועלען אַ ווייַלע שפּעטער ארומריידען וואָס עס הייסט "קליינע" ענדערונגען אין יודענטהום און וואָס עס הייסט גרויסע. דערווייַלע אָבער ווילען מיר זיך אָבשטעלען אויף דער גרונדלאָזיגקייט, אויף דעם אויבערפלעכליכקייט פון דער דאָזיגער טענה, אויב אפילו מען זאָל אָננעהמען פאר ריכטיג, אַז דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטהום זוכט בלויז קליינע ענדערונגען. מיר מוזען ציינגען די אונלאָגישקייט פון דער טענה צוליעב דעם געוואלדיגען טעות וואָס דאַ איז פאַ־

ראַן אין דעם אויסטייטשען פון די ווערטער רעפאָרם און קאָנסערוואַטיזם.

עס איז אַ טעות, אַ ווילדער טעות צו מיינען, אַז רעפאָר־מער הייסט אַ מענש וואָס וויל גרויסע ענדערונגען און קאָנ־סערוואַטיווער הייסט אַ מענש וואָס וויל קליינע ענדערונגען. פון קליינע ענדערונגען ביז גרויסע איז נאָר אַ פראַגע אין מאָס, ניט אין פּרינציפּ. עס איז דאָך קלאָהר אַז צווישען רעפאָרמער זיינען שטענדיג געווען און וועלען שטענדיג זיין אַזעלכע וואָס ווילען גרעסערע ענדערונגען און אַזעלכע וואָס ווילען קלענערע. אַנדערע ווילען געהן ווייטער אויפ'ן וועג פון אַנדערש מאַכען און אַנדערע שטעלען זיך אָב פריהער. אָבער דאָס מאַכט דאָך ניט קיין אונטערשיעד אין זייער נאָ־מען אַלס רעפאָרמער. אַזוי שנעל ווי זיי שטעלען זיך אויף דעם פּרינציפּ פון ענדערן איז די פראַגע צו זיי זיינען שאַר־פערע רעפאָרמער אָדער שוואַכערע רעפאָרמער בלויז אַ פראַגע פון קוואַנטיטעט אָבער ניט פון קוואַליטעט. עס קענען זיין און עס זיינען דאָ אין רעפאָרם פאַרשיעדענע גרופּען, און דער וואָס איז אַ קלענערער רעפאָרמער קען בעלאַנגען צו אַ גרופּע פון קלענערער רעפאָרם, אָבער עס איז דאָך ניט ריכ־טיג און לאָגיש אונמעגליך, אַז דערפאַר וואָס עס זיינען פאַ־ראַן רעפאָרמער וואָס ווילען אַלעס פאַרוואַרפען פון יודענ־טהום איז דארום דער וואָס וויל ווייניגער פאַרוואַרפען אַ קאָנסערוואַטאָר. מען קען איהם אַנדערש ניט אָנרופען. און ער איז ניט אַנדערש ווי אַ רעפאָרמער, אָבוואָהל זיין רעפאָרם מעג האָבען ווייניגע "גראַדוסען" ווי דאָס רעפאָרם פון אַן אַנדער רעפאָרמער.

עס ליעגט פאַר מיר אַ ביכעל אויף וועלכען די טינט איז נאָך פריש, דער "בני ברית מאַנואל", וועלכער איז געשריבען אין גייסט פון רעפאָרם, און דאָרטען ווערט געזאָגט וועגען דעם קאָנסערוואַטיווען יודענטהום פאָלגענדע ווערטער: "די דאָזיגע וואָס האָבען געזוכט אַ מיטעל־גרונד צווישען דעם אַלטען יודענטהום און דעם נייעם, און וועלכע האָבען זיך צופרידענגעשטעלט מיט קלענערע אימפּראָוומענטס אין געמיינדע און אין שוהל־לעבען זיינען בעקאַנט אַלס קאָנ־סערוואַטיוו". אַלזאָ, די רעפאָרמער אַליין זעהען דעם חלוק צווישען זיך און די קאָנסערוואַטיווען נאָר אין דעם מאָס פון צופריעדען־שטעלען־זיך מיט ענדערונגען. מיט אַנדערע ווערטער, די רעפאָרמער זיינען, אַזוי צו זאָגען,

גרעסערע בעלי־תאוות אין דעם זינן פון "אימפּראָוואָמענטס" און די קאָנסערוואַטיווע זיינען צופריעדענע מענשען וואָס האָבען ניט בטבע אַזעלכע גרויסע אויגען. דאָס הייסט, זיי זיינען ניט קיין גרויסע פערלאַנגער. די דאָזיגע קאָנסערוואַ־טיווען, אָבער רעפאָרמער זיינען זיי סיי ווי סיי. די מאָס פון ענדערונגען איז ניט וויכטיג, וויכטיג איז דער פּרינציפּ און דער פּרינציפּ פון קאָנסערוואַטיוויזם איז פּונקט דערזעלבער ווי דער פון רעפאָרם.

עס איז דאָרום קלאָהר, אַז די קאָנסערוואַטיווען זיינען אין גרונד גענומען רעפאָרמער, אויב אַפילו עס זאָל זיין אמת אַז זייערע פאָדערונגען זיינען פיעל אַנדערש ווי די פאָדע־רונגען וואָס די רעפאָרמער האָבען געשטעלט אין אָנפאַנג ווען די רעפאָרם איז געבאָרען געוואָרען. אָבער עס איז יעצט צייט צו בעטראַכטען די צווייטע פראַגע: זיינען ווירקליך די פאָ־דערונגען פון די קאָנסערוואַטיווען ווירקליך אַזוי קליין אין פערגלייך מיט די פון די ערשטע רעפאָרמער? יעדער וואָס וואַרפט אַ בליק אויף דער געשיכטע פון רעפאָרם אין דעם פּלאַץ וואו זי האָט זיך אָנגעפאַנגען, מוז ענטפערן אויף דער פראַגע מיט אַ שאַרפען: נ י י ן!

עמיל ג. הירש זאָגט אין זיין געשיכטליכען איבערבליק איבער רעפאָרם פאָלגענדעס: "די רעפאָרם בעוועגונג אין איהר ערשטער מדרגה איז געווען בלויז אַ פאַרזוך צו רעגו־לירען דעם דאַווענען אין דער ריכטונג פון פאַרשעהנערען עס און מאַכען עס מעהר אין אָרדנונג. צוליעב דיעזען צוועק האָט מען פאַרקירצט די "סוירוויסעס" אַרויסנעהמענדיג גע־וויסע טהיילען פון דאַווענען, ווי צום ביישפּיעל "יקום פורקן" און "במה מדליקין", דאָס ערשטע, ווייל דאָס איז אַ תפלה פאַר די פּאַטריאַרכען אין די ישיבות אין בבל, וועלכע עקזיסטירען שוין היינט ניט און די צווייטע איז אַ פּרק אין משניות און איז דאָרום קיין תפלה".

אַלזאָ, אָט־דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון רעפאָרם און אין דיעזען אָנפאַנג איז שוין געווען איינגעוויקעלט אַלעס וואָס ווייטער איז געקומען. עס איז קיינמאָל ניט די פראַגע אין אַזעלכע ענינים בלויז ווי ווייט עס געהט דער אָנפאַנג, נאָר דער פּרינציפּ אויף וועלכען דער אָנפאַנג שטעהט. אויב דער פּרינציפּ איז ענדערונג, איז ניטאָ קיין גרענעץ וואו מען זאָל זיך אָבשטעלען. ביי איינעם קען זיין דער גרענעץ דאָ און ביין צווייטען איז עס ווייטער און ביין דריטען נאָך ווייטער־

טער. אין דעם מאָמענט ווען עס איז אוועקגעשטעלט געוואָ־
רען דער פּרינציפּ פון ענדערען מוז איבערגעלאָזען ווערען די
מאָס פון די ענדערונגען צו דער פרייער פאַנטאַזיע פון יעדע
עטליכע אידען וואָס בויען א שוהל און בעשליסען וואָס מען
זאָל ענדערן און וואָס ניט. די וואָס האָבען אנגעהויבען מיט
ענדערונגען האָבען דאָך ניט קיין "שולחן־ערוך" לויט וועל־
כען זיי זאָלען וויסען וואָס פאַר א שנוי איז כשר און וואָס
פאַר א שנוי איז טריף און א שנוי וואָס איז טריף היינט
ווערט כשר מאָרגען, ווען מען ווערט איינגעוואָרצעלט אין
שנוים. מיט דעם עסען קומט דער אַפּעטיט. און דאָס איז דער
שכל וואָס די רעפאָרם האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט קלענערע
ענדערונגען ווי די וואָס זיינען געקומען שפּעטער. און אויף
דעמזעלבען וועג געהט דאָס קאָנסרוואַטיווע יודענטהום. די
ענדערונגען פון די קאָנסערוואַטיווען אין אַמעריקאַ זיינען
אויף קיין פאַל ניט קלענער ווי פון די ענדערונגען פון די
ע'ושטע רעפאָרמער אין דייטשלאַנד.

קען דען אימיצער זאָגען, אז דאָס אַבשאַפען די עזרת־
נשים אין די שוהלען איז אַ קליינע ענדערונג? קען דען אי־
מיצער זאָגען, אז דאָס אַבשאַפען פון דוכנה'ן, אָט די גע־
וואַלדיגע איינדרוקספאָלע זאַך, וואָס ציהט זיך פון די צייַ־
טען פון בית־המקדש, איז א קליינע ענדערונג? קען דען אי־
מיצער זאָגען, אז דאָס אַבשאַפען פון "כל־נדרי", וואָס איז
איינגעוואָרצעלט און פאַרהייליגט געוואָרען אין דער אידי־
שער פאָלקס־נשמה, איז א קליינע ענדערונג? און דאָס קאָנ־
סערוואַטיווע אידענטהום איז דאָך שוין ביז דאַנען דערגאַנ־
גען אין געוויסע פעלצער!

מיר וועלען צוטרעטען נעהנטער צו דיעזע פראַגען אין
דעם נעקסטען קאַפּיטעל.

אַ שמועס מיט אַ קאָנסערוואַטיווען „אָרטאָדאָקס"

מיינער א פריינד, וואָס שם'ט פאר אן אָרטאָדאָקסישען אידען, נאָר האָט זיך אוועקגעלאָזען מיט דער "קאָנסערוואטיווער" שטראָמונג, איז געקומען צו מיר אויסגיסען זיין הארץ דערפאר וואָס אין זיין געגענד האָט מען איהם אָנגעהויבען אויפווארפען, אז ער איז געוואָרען אויס אָרטאָדאָקס און ער האָט דערפון צער. און ער האָט געענדיגט זיין השתפכות־הנפש מיט פאָלגענדע ווערטער:

"און איך האָב דאָך גאָר נישט געטהאָן קיין זאך, וואָס זאָל ווארפען א צווייפעל אויף מיין אָרטאָדאָקסי. איך האָב נאָר איינגעפיהרט מענער און פרויען צוזאמען אין דער שוהל וואו איך בין פרעזידענט און דערפון איז ארויסגעקומען דער גאנצער טומעל".

איך האָב באטראכט דעם וואָס רעדט צו מיר און האָב איהם געזאָגט: "און איהר אליין האלט זיך נאָך פאר אן אָרטאָדאָקס נאָכדעם ווי איהר האָט געמאכט אזא ארויסטריט געגען אָרטאָדאָקסישען יודענטום?"

מיין פריינד איז געוואָרען א ביסעל אבהענדיג, האָט א ווײַלע געטראכט און האָט געזאָגט: "אָבער דאָס איז דאָך נאָך אלעמען א קלייניגקייט".

זאָג איך צו איהם: "פון וואנען ווייסט א י ה ר, אז עס איז א קלייניגקייט? איהר זיינט א געשעפטסמאן, ווער האָט אייך געמאכט פאר אן אויטאָריטעט איבער פראגען פון רעליגיאָן? גלויבט איהר אז יעדער סוחר, קרעמער אָדער באנקיר קען ענטשיידען וואָס עס איז קליין און וואָס עס איז גרויס אין זיין רעליגיאָן? אויב דאָס וואָלט געווען דער פאל, טאָ צו וואָס האָט יעדער רעליגיאָן פיהרער, לעהרער, נאָך וועמעס וואָרט אלע געהען נאָך?! איהר האָט דאָך א מאָל א ביסעל געלערענט. ווייסט איהר דאָך ווער עס האָט זיך ארומגעקריגט וועגען די פראגע צי מען מעג אָדער מען טאָר ניט: בית־שמאי ובית־הלל, ר' עקיבא און ר' ישמעאל, רב און שמואל

ר' יוחנן און ריש לקיש, און שפעטער די גאונים, די בעלי־התוספות און שפעטער די גרויסע רבנים. האט איהר גע־הערט אין דער געשיכטע, אז פאבריקאנטען און ריעל־עסטייט מענשען זאלען באשליסען וואס עס איז וויכטיג אין א רעלי־גיאן און וואס ניט? האט איהר געזעהן אזעלכעס ביי די אומות־העולם? האט ניט יעדע סעקטע איהרע אויטאריטע־טען, איהרע פיהרער, וואס באשליסען פאר'ן פאלק ווי אזוי זיך צו פיהרען? און וואס איז ביי אידען "סמיכה", אויב ניט דער סימן פון אויטאריטעט? אויב איהר זאגט איהר זיינט אן ארטאדאקס, דארפט איהר פאלגען די אויטאריטע־טען אין דער ארטאדאקסי און טהאן ווי זיי הייסען. האבען אייך די אויטאריטעטען פון ארטאדאקסי געזאגט, אז מע־נער און פרויען צוזאמען אין שוהל איז לויט דעם אידישען דין? האט אייך, למשל, הרב קוק אזוי גע'פסקנ'ט? ווער אנדערש זיינען אייערע ארטאדאקסישע אויטאריטעטען אויף וועמען איהר פארלאזט זיך?"

מיין פריינד האט געשטאמעלט: "איהר ווייסט דאך, אז די ארטאדאקסישע רבנים האבען דאס ניט מתיר געמאכט, אבער..."

"הייסט עס", זאג איך צו איהם, "די ארטאדאקסישע רבנים זאגען אז ניט, נאר איהר, דער מאנופעקטשורער, פסק'נט זיי איבער, איהר ווייסט בעסער פאר זיי וואס אי־דישקייט איז?"

"ניין, איך זאג ניט, אז איך ווייס בעסער, נאר איהר ווייסט דאך, היינטיגע צייטען, מען דארף זיין א ביסעל ברייטער... מען קען דאך ניט..."

"צו וואס אזעלכע ניט קלאהרע ווערטער, וואס ווען מיר ניט אפנארען און וועלען אייך אויך ניט אפנארען. די זאך איז דאך אזוי פשוט: דאס ארטאדאקסישע יודענטום זאגט ניין, דורך איהרע ספרים, דורך איהרע פיהרער, דורך איהרע אויטאריטעטען, נאר איהר הערט די ארטאדאקסי ווי די וואנד, איהר ווילט זיך ניט אונטערגעבען צו איהר אויטא־ריטעט. דאס קענט איהר טהאן, אבער אפשר קענט איהר מיר ערקלעהרען ווי אזוי פארוואלפט מען די אויטאריטעט פון ארטאדאקסי און מען רופט זיך נאך אלץ ארטאדאקס? איהר קענט נאר זיין איינס פון דיביידע: אדער זיין אן ארטאדאקס און פאלגען דאס וואס די אויטאריטעטען פון

דער אָרטאָדאָקסי זאָגען אייך, אָדער איהר ווערט אויס אָר־טאָדאָקס און דאַן זיינט איהר א רעפאָרמער".

"אָבער איך האָב עס ניט אליין געטהאָן, איך מיין די זאך וועגען מענער און פרויען צוזאמען. מיר האָבען אין שוהל געוואוט ביי דער באָארד אָוו דירעקטאָרס און די וואָס זיינען געוועזן פאר מענער און פרויען צוזאמען, זיינען געווען אין דער מאיאָריטעט".

"איז דאָס יודענטום געגעבען געוואָרען ספּעציעל צו אייער שוהל אלס א קאָרפּאָריישאָן, וואָס איז די איינציגע אייגענטימערין פון דער תורה? זיינען ניטאָ קיין שותפים אין דער תורה, אין דעם יודענטום אויסערהאלב פון די "סטאָקהאָלדערס" פון אייער קאָנגרעגיישאָן?"

"וועל, איהר ווייסט דאָך, אז די גמרא זאָגט, אז אלע אידען זיינען געשטאנען ביים בארג סיני ביי קבלת־התורה".

"אויב אזוי, האָט איהר דאַן קיין רעכט ניט געהאט צו וואוטען ביי אייך אין שוהל איבער א זאך, וואָס האָט אזוי פיעל שותפים, ביי וועמען איהר האָט ניט געפרעגט. דענקט איהר ניט, אז די ווילנער אידען זיינען שותפים מיט אייך אין דער תורה, און די ווארשעווער, און די ירושלים'ער און אנדערע אידען מסוף העולם ועד סופו? מיט וואָס פאר א רעכט האָט איהר, עטליכע אידישע בעלי־בתים פון אייער געגענד געוואוט איבער א זאך, וואָס באלאנגט ניט צו אייך, נאָר צו כלל־ישראל? און, זאָגט מיר, האָט איהר געצעהלט די שטימען פון די פארגאנגענע דורות, די דורות וואָס האָבען זיך מוסר נפש געווען פאר'ן יודענטום אום עס אייך צו לאָזען אלס ירושה? האָט איהר געצעהלט דעם וואוט פון ווילנער גאון, למשל, ער איז אפילו טויט, אָבער מיט זיין וואוט מעג מען זיך רעכענען. ער האָט א שותפות אין דער תורה פונקט ווי די וואָס זיינען ביי אייך אויפ'ן באָארד פון די דירעקטאָרען... און רש"י'ס וואוט האָט איהר געצעהלט, און דעם רמב"ם'ס? ניין, איהר האָט פאלש די שטימען געצעהלט!"

"אָבער נאָך אלעמען זיינען דאָך פאראן עיקרים און עס זיינען פאראן זאכען, וואָס זיינען ניט קיין עיקרים".

"מען קען ניט מעסטען וואָס עס איז אן עיקר און וואָס ניט. יעדע זאך איז אן עיקר, אויב אז מען וועט עס אפשאַפען וועט דאָס מאכען אן ענדערונג אין דעם פנים פון יודענטום, קיין זאך דארף ניט געמאָסטען ווערען באזונדער, נאָר לויט דעם רושם וואָס עס מאכט אויפ'ן גאנצען גאנג פון אי־

דישקייט. ווען אימיצער זאָל ארויסנעהמען א שטיין פון אייער פונדאמענט און די געביידע וועט איינפאַלען, וועט מען ניט משפט'ן דעם וואָס האָט עס געטהאָן פאַר נעהמען א שטיין, נאָר פאַר די רעזולטאטען, וואָס זיין עובדה האָט געבראכט. ווען איהר שאפט אָפּ א זאך, וואָס איז איינגעוואָרצעלט אין יודענטום טויזענדער יאָהרען, טרייסעלט איהר אויף די גאנצע געביידע. די רעפאָרם האָט אָנגעהויבען ארויסציהען שטיינער פון דער געביידע, און אלעס איז איינגעפאַלען. ווען איהר ענדערט די שוהל, ענדערט איהר דעם גאנצען פּנים פון יודענטום, עס ווערט דערפון אַן אנדער זאך. דאָס יודענטום וואָס מיר האָבען גע'ירשנ'ט, וואָס מיר קענען, וועט אין אייער שוהל ניט קומען".

"אָבער מיר האָבען דאָך קיין זאך ניט געענדערט, אפילו ניט א וואָרט אין דאוונען, אלעס איז ביי אונז אָרטאָדאָקסיש".

"אָבער דאָס איז ניט מעהר קיין אידישע שוהל, עס איז עפּעס א גאנץ אַנדער זאך. איך וועל אייך ציי:ען א ביישפּיעל. איהר האָט א פאָטער?"

"מיין פאָטער איז אין ווילנא".

"לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז ער קומט צו אייך אין אמעריקא. און אזוי ווי ביי אייך איז דאָך כשר, וועט ער ביי אייך קענען זיין. שבת אין דער פריה געהט איהר ביידע ארויס דאוונען. ער קומט מיט אייך ביז'ן שוהל. וועט ער אריינגעהן דאווענען מיט אייך צוזאמען?"

"ניין, ער וועט ניט אריינגעהן".

"איך וויל איהר זאָלט מיר לייהען א ביסעלע אייער פאנטאזיע. למשל, ווען אייער זיידע וואָלט געקענט קומען צו אייך און זיין מיט אייך צוזאמען, וואָלט ער אריין אין אייער שוהל?"

"אז מיין טאטע וואָלט ניט אריין, וואָלט דער זיידע געוויס ניט אריין".

"לאָמיר זיך פאָרשטעלען עס קומט צו אייך דער ווילנער גאון, דער חתם־סופר, דער מהרש"ל, דער רמ"א, רבינו בחיי, רבי יהודה הלוי, דער רמב"ם, וואָלטען זיי מיט אייך אריין אין שוהל?"

"געוויס ניט!"

”הייסט עס, אז אריינגעהענדיג אין אייער שוהל, דארפט איהר זיך געזעגענען מיט אלע גדולים פון אייער פאָלק. איהר דארפט זיך געזעגענען מיט'ן גאנצען יודענטום, אלעס בלייבט אין דרויסען. גלויבט איהר, אז די שכינה געהט אריין מיט אייך אָדער זי בלייבט מיט די וואָס שטעהען אין דרויסען? געוויס בלייבט זי דאָרטען. איהר האָט אָפּגעריסען דעם פאַדים פון דער אידישער געשיכטע ביי דעם שוועל פון אייער שוהל. איהר האָט געמאכט א נייעם יודענטום, וואָס קען מיט דער פריהעריגער צוזאמען ניט געהן. איהר האָט צוריסען—אויפגעהען וועט איהר ניט קענען“.

אָהן אַ פּלאַטפאָרם און אָהן אַ פּראָגראַם

דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום איז אין א מאָדנער לאגע דערמיט וואָס עס איז א לופטיגע זאך, האָט ניט קיין באזים אויף וועלכען מען זאָל איהם זעהן שטעהענדיג. עס האָט ניט קיין פּלאטפאָרם, האָט ניט קיין פּראָגראם, האָט ניט קיין בעשטימטען אני־מאמין און האָט ניט קיין קאָנסטיטוציאָן.

מיר זעהען ניט קיין גלייכען דערצו אין קיין געשיכטע פון רעליגיאָן, פון בעוועגונגען, פון פּאָליטישע פּארטייען און פון אירגענד וועלכער אנדער סאָרט ערשיינונגען אין דעם לעבען פון דער געזעלשאפט.

דער שטייגער פון דער וועלט איז אז א נייע פּארטיי ווערט געגרינדעט טרעט זי ארויס מיט איהר פּלאטפאָרם פאר דער וועלט, פּארשרייבט אין ווערטער — וואָרום נאָר דאָס וואָס עס ווערט אויסגעהאקט און אויספאָרמירט אין ווערטער און אויסדריקע האָט א בעדייטונג און א שטאנדהאפטיגקייט. הלואי וואָלטען מיינע ווערטער פארשריבען געוואָרען, ווערט געזאָגט אין תנ"ך — דאָס וואָס זי וויל אויפטאָן און דערפון זעהט מען אין וואָס זי איז אנדערש פון אנדערע. א פּארטיי קען ניט זיין אָהן א פעסטבעשטימטע פּראָגראם, און וועגען א רעליגיעזע בעוועגונג איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידען אז אָהן דעם קען זי קיין שריט ניט מאכען.

א רעליגיעזע בעוועגונג מוז קודם־כל האָבען א געוויסען דאָקומענט אויף וועלכען אָנצואווייזען אז דאָרטען זיינען פאראן איהרע פּרינציפּען. זי דארף האָבען אויף וואָס צו בויען. די פאָרשטעהער פון דער בעוועגונג דארפען האָבען א סאָרט קאָנסטיטוציאָן צו וועלכער זיי געהען ווען זיי דארפען זוכען אויטאָריטעט. עס קען דאָך ניט זיין אז א רעליגיעזע בעוועגונג אָדער ריכטונג זאָל זיין הפקר און זאָל ניט האָבען אויף וואָס אָנצושפארען זיך, זאָל ניט האָבען קיין בעשלוס פון די פיהרער און גרינדער וועגען די עיקרים אויף וועלכע די בעוועגונג אָדער די ריכטונג איז געבויט. און — עס וואָלט געווען שווער צו גלויבען ווען מען זאָל ניט וויסען אז עס איז

א קלאָרער פאקט — דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום האָט עס ניט. עס איז א בעוועגונג וואָס האָט ניט קיין ריכט־שנור, האָט ניט דאָס ערשטע זאך וואָס איז נויטיג — א פּלאטפאָרם — מען זאָל וויסען וואָס וויל זי און וואָס איז זי געקומען גע־בען דעם פאָלק.

די רעפאָרמער, צי מען איז מיט זיי צי מען איז געגען זיי, ווייס מען גוט וואָס זיי ווילען. באלד אין אָנפאנג פון דער רעפאָרם בעוועגונג אין דייטשלאנד איז געקומען די קאָנ־פערענץ אין ברוינשווייג און דאָרטען האָט מען אָנגענומען א פּלאטפאָרם פאר רעפאָרם. דאָס וואָס די קאָנפערענץ אין ברוינשווייג איז געוועזן פאר די רעפאָרמער פון דייטשלאנד, איז די קאָנפערענץ אין פּיטסבורג געוועזן פאר דער רעפאָרם פון אמעריקא, און דער וואָס לעזט איבער די רעזולטאטען פון דער פּיטסבורגער קאָנפערענץ קען ניט זיין ביי איהם קיין צווייפעל וואָס די רעפאָרם וויל. און די רעפאָרמער אליין וויסען אויך וואָס זיי ווילען. האָט דאָך אייזיק מאיר וויז קלאָר געמאכט אין יענער קאָנפערענץ דאָס וואָס די רעפאָרם נעהמט־איבער פון אלטען יודענטום און דאָס וואָס זי פער־ווארפט! האָבען דאָך די טאטעס פון אמעריקאנער רעפאָרם אין ניט קיין פארשטעלטע ווערטער ארויסגעזאָגט פאר זיך און זאר דער וועלט וואָס זיי זיינען געקומען אויפטאָן און וואָס זייער בליק איז אויף דעם יודענטום. זיי האָבען פער־וואָרפען דעם שלחן־ערוך און האָבען געמאכט א נייע אויטאָ־ריטעט פאר זיך. אזוי איז אויך דער סימן פון רעפאָרם אין אונגארן. דאָרטען איז עס קלאָר אז די אָרטאָדאָקסישע אי־דען שטעהען אויף דעם שולחן־ערוך. די געאָלאָגען — אזוי רופט מען דאָרטען די רעפאָרמער — האָבען דעם שלחן־ערוך פארוואָרפען.

וואָס פאר אן ענטפער קען מען זיך געבען אויף דער פראגע: ווי אזוי שטעהט דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום צום שלחן־ערוך? שטעהט דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום אויף שלחן־ערוך אָדער ניט? מיר מיינען נאטירליך אָפיציעל, איז עס געבונדען מיט זיינע געזעצע אָדער ניט? אויב ניט, קומט די פראגע: וואָס האָט דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום פארוואָרפען פון שלחן־ערוך און וואָס ניט? מיט איין וואָרט, וואָס איז קאָנסערוואטיוועס יודענטום און וואָס איז ער ניט? וואָס איז זיין פּרינציפּ און וואָס איז זיין שטאנדפונקט צו

זאכען וואָס זיינען אזוי וויכטיג אין יודענטום, און וואָס זיי־נען דער ווינקעלשטיין פון דעם אידישען רעליגיעזען לעבען?

אָט, למשל, לאָמיר נעהמען דעם געוואלדיגען ענין פון כשרות. ווי שטעהט דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום אלס אזעלכע, אלס א גאנצע, וועגען דער דאָזיגער פראגע? עס איז ניט די פראגע אויף ווי ווייט ראבבי יענער און יענער איז אליין א נזהר אין כשרות, א פראגע וואָס האָט ניט אויף דעם מאָמענט צו טאָן מיט דער פראגע פון פלאטפאָרם וועל־כע מיר דיסקוטירען. וואָס מיר ווילען פרעגען איז, ווי אזוי קוקט דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום אויף די וויכטיגקייט פון כשרות אין דאָס יודענטום? די רעפאָרמער האָבען עס אָבגעשאפט, קלאָר און דייטליך. מיר האָבען ניט געהערט אז די קאָנסערוואטיווען זאָלען עס אָבשאפען. אויב אזוי, דארף דאָך דאָס זיין ביי זיי איינע פון די יסודות פון אידישען לעבען אזוי ווי עס און געווען ביז יעצט. דאָס איז דאָך א פראגע וואָס האָט צו טאָן מיט יעדער הויז אלע טאָג, אלע שעה. דאָס שטעהט דאָך אין צענטער פון דאָס אידישע לע־בען. האָבען דאָך די קאָנסערוואטיווע ראבבים געדארפט קענען פיהרען די דאָזיגע וויכטיגע ענינים פון כשרות אין די געמיינדען, האָבען זיי דאָך געדארפט זיין מוסמכים לויט דעם אלט־אָרטאָדאָקסישען שטייגער אום צו קענען געבען דעם עולם די פיהרערשאפט אין דיזען וויכטיגען ענין פון דער אידישער רעליגיאָן.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען אז אימיצער קומט פרעגען א שאלה פון כשרות ביים קאָנסערוואטיווען ראבבי. וואָס טוט ער אין אזא פאל? ער גיט צו ערקלערען דעם פרעגער, אָדער פרעגערין, אז ער פסקנ'ט ניט קיין שאלות, נאָר ער, אָדער זי, דארף געהן צו א רב וואָס פסקנ'ט יא שאלות. איז דאָס א לאָגישער צושטאנד? איז די רעליגיאָן צוטהיילט אויף צוויי־ען: איינער איז א רב וואָס האלט רעדעס און דער אנדערער איז א רב וואָס זאָגט וואָס מען טאָר און וואָס מען טאָר ניט? מיט אנדערע ווערטער: איינער איז א רעדנער און דער אנ־דערער וויים די תורה? און דאָ מוז דאָך ארויסקומען איינס פון די ביידע: די וואָס האלטען פון כשרות און מוזען געהן צו אן אָרטאָדאָקסישען רב פרעגען כשרות־פראגען קענען ניט האלטען דעם ראבבי אָדער דעם רעדנער פאר דעם רב פון דער אידישער רעליגיאָן, פון דער געמיינדע, און פארקעהרט, די

וואָס האַלטען פון קאָנסערוואַטיווען ראַבבי אַלס דעם גייסטיגען פיהרער פון דער געמיינדע מוזען פארלירען דעם רעספּעקט פאַר כשרות, קלערענדיג ווען עס וואָלט געווען אַ וויכטיגער ענין וואָלט דאַן דער ראַבבי וואָס רעדט ביי קריאת־התורה און ביי דער חופּה און ביי אַ לויה און איז דער רעליגיעזער פיהרער פון דער קאָמיוניטי אליין גע'פּסקנ'ט שאלות; אויב ער טהוט עס אָבער ניט און שיקט עס אָב צו אַן "עליען" וואָס רעדט ניט קיין ענגליש איז דאָך אַ סימן אַז דאָס איז ניט וויכטיג. אויף אַזאַ אופן פאַררוקט דאָך דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטום כשרות אוועק פון אידישען לעבען און שטעלט עס אוועק אין אַ ווינקעל, קומט ווידער די פּראַגע: ווי שטעהט דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטום אין כשרות? — אַ שאלה וואָס מען קען ניט וועגען דעם שווייגען און מען מוז געבען אַ תשובה: יאָ אָדער ניט. און וואו איז גלאַט דער יושר אַז די קאָנסערוואַטיווע ראַבבים, אויב זיי האַלטען פון כשרות, זאָלען געניסען דעם בענעפיט פון די אָרטאָדאָקסישע רבנים וואָס פיהרען עס איין און גיבען דאַרויף אכטונג, ווערענד די פיהרערשאַפט ווילען זיי ביי זיי אוועקנעהמען? ווי קען אַ פּאַרטיי אָדער אַ גאַנצע ריכטונג אין יודענטום זיך אָנשפּאַרען אויף אַן אַנדער ריכטונג אָדער פּאַרטיי? קען ניט די אָרטאָדאָקסי זאָגען צו דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטום: אויב דו גיסט זיך אַן אַנדער נאָמען און נעהמסט זיך אַן אַנדער וועג, פאַרוואָס זאָלסטו אליין ניט בעזאָרגען דיין כשרות אויב דו האַלטסט דערפון, אָדער זאָג זיך אָב דערפון אויב דו האַלטסט ניט פון דעם?!

און דאָ קומט נאָך אַן אַנדער פראַגע: וואָס וועט טאָן דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטום אויב די אָרטאָדאָקסישע רבנים פון יענער זייט ים וועלען אויפהערען צו קומען און עס וועט ניט זיין צו וועמען צו שיקען די וואָס פרעגען כשרות־פּראַגען? אויב דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטום אנערקענט כשרות וועט ער דאָך מוזען זאָגען אַז אַמעריקאַנער געבאָרענע ראַבבים דאַרפען קענען פּסקנ'ען שאלות. טאָ ווי וועט ער, דאָס קאָנסערוואַטיווע יודענטום, קענען פאַרענטפערען די פּראַגע: פאַרוואָס זאָלען זיינע ראַבבים ניט קענען טאָן אַזאַ וויכטיגע זאַך אין יודענטום און זאָל דאַרפען אָנקומען צו אַמעריקאַנער געבאָרענע יונגע לייט וואָס האָבען געלערנט אין אַן אָרטאָדאָקסישער ישיבה און זיינען מוסמכים נאָכ'ן

אָרטאָדאָקסישען בעגריף ?! אלץ דיזעלבע פראגע : אויב עס איז וויכטיג פאר אידען, איז דאָך עס וויכטיג פאר רבנות; און אויב עס איז וויכטיג פאר רבנות, פארוואָס זיינען קאָנ־סערוואטיווע ראבבים ניט ערצויגען געוואָרען רבנים צו זיין? אויב אָבער דאָס איז ניט וויכטיג, אויב רבנות בעשטעהט בלויז אויף ריידען און צו קענען די אידישע געזעצע איז ניט נויטיג, דאן זאָל דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום זאָגען אז עס אנערקענט ניט כשרות פאר א וויכטיגע זאך.

דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום וויל נאטירליך אויס־מיידען די פראגע דאדורך וואָס עס האָט ניט גענומען קיין שטעלונג צו כשרות ווי צו אנדערע וויכטיגע פראגען און לאָזט די גאנצע זאך הייגגען אין דער לופטען. אָבער דאָס איז ניט קיין געזונטער צושטאנד און וועט ניט קענען אָנהאלטען שטענדיג. דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום וועט מוזען אָנ־נעהמען א פלאטפאָרם און דאן וועט זיין רעפאָרם־קאָליר וועט רען אזוי פעסטגעשטעלט טעאָרעטיש, אזוי ווי עס איז יעצט פעסטגעשטעלט אין דער פראַקטיק. עס וועט ניט לאַנג קענען בעהאלטען זיין אמת׳ע רעפאָרם געשטאלט אונטער דער מאסקע פון א פאלשען נאמען.

אַ בעוועגונג אָהן וואָרט פיהרער

אוי ווי א בעוועגונג אָדער א פּאַרטיי אָדער א רעליגיעזע ריכטונג מוז האָבען איהר פּלאַטפאָרם, איהר פּראָגראם, אזוי מוז זי אויך האָבען איהרע פיהרענדע פּערזענליכקייטען, איהרע גרינדער אויף וועמען די גאנצע בעוועגונג, פּאַרטיי אָדער ריכטונג שפּאַרט זיך אָן.

די בעדייטענדע פּערזאָנען וואָס שטעהען ביים געבורט פון א בעוועגונג, פּאַרטיי אָדער ריכטונג זיינען קודם־כל די טעאָרעטיקער, די פּאַרטייטשער, די ערקלעהרער פון דער בעוועגונג, פּאַרטיי אָדער ריכטונג. זיי גיבען־ארויס די אורזאכען וואָס האָבען געפיהרט צו איהר גרינדונג, זיי צייכנען־אויס דעם וועג פאר דער צוקונפט, זיי לייגען אוועק די הנחות אויף וועלכע די געביידע ווערט געבויט, זיי זיינען די שעפּפער וואָס גיבען לעבען און אינהאלט פאר דער בעוועגונג אָדער פּאַרטיי אָדער ריכטונג וואָס ווערט געבאָרען.

אָבער די וויכטיגקייט פון אזעלכע פיהרער איז ניט נאָר אין דעם וואָס זיי זיינען די טעאָרעטיקער, די גייסטיגע וועגווייזער. די וויכטיגקייט ליעגט אויך אין דעם וואָס פיהרערשאפט איז שטענדיג פארבונדען מיט פּערזענליכקייטען. מענשען לערנען אידעען און אידעאלען ניט נאָר דורכ'ן וואָרט נאָך אויך דורך דעם וואָס זאָגט דאס וואָרט און ווען מענשען קוקען צוריק צו דער פערגאנגענהייט, זייַנען עס די גרויסע פּערזאָנען פון די פארגאנגענע צייטען דורך וועלכע עס ווערט איבערגעגעבען די גייסטיגע ירושה וואָס איין דור האָט איבערגעגעבען צום אנדערן.

מיר קענען למשל זיך ניט פאָרשטעלען דאָס חסידות אָהן די פּערזענליכקייטען פון ר' ישראל בעל שם טוב, דעם מעזעריטשער מגיד, ר' שניאור זלמן מלאדי א. ז. וו. אפילו אזא בעוועגונג פון פארניכטונג ווי די פון רעפאָרם האָט אויך געהאט פּערזענליכקייטען. די דייטשע רעפאָרם האָט ארויסגעגעבען אזעלכע פּערזאָנען ווי גייגער, און אפילו אין אמעריקא זיינען אייזיק מאיר וויז און קויפמאן־קאהלער גע־

ווען פערזאָנען וואָס האָבען אין זיך געטראָגען די אידעע פון רעפאָרם אויף אזוי ווייט ווי רעפאָרם האָט אידעען.

די אָרימסטע בעוועגונג אין מענשען וואָס איז פאראן אויף דער וועלט איז אָהנע צווייפעל די קאָנסערוואטיווע. עס איז ניטאָ און איז ניט געוועזן קיין פערזאָן צווישען די קאָנ־סערוואטיווע אידען פון אמעריקא צו וועמען אלע איבריגע זאָלען ארויפקוקען ווי צו אַן אויטאָריטעט. עס איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל קענען גילטען אלס דער מאן וועלכער פאר־קערפערט אין זיך די דאָזיגע בעוועגונג און וועמעס נאָמען זאָל האָבען געוויכט אין די רייהען פון די קאָנסערוואטיווע אידען. אלע ראבבים פון קאָנסערוואטיווען חדר שטעהען כמעט אויף דערזעלבער מדרגה, אלע האָבען דיעזעלבע פּאָזי־ציאָן אין קאָנסערוואטיווען יודענטום, קיינער פון זיי הויבט זיך ניט אויף מיט א קאָפּ העכער ווי אַן אנדערער, קיינער פון זיי איז ניט שטארקער אין איינפלוס ווי דער אנדערער. עס איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל זיין א פיהרער און וואָס זאָל קענען די אנדערע אָנווייזען דעם וועג אויף וועלכען מען דארף געהן.

דאָס קאָנסרוואטיווע יודענטום האָט ניט קיין איין בוך פון בעדייטונג, קיין איין אָבהאנדלונג וואָס זאָל ווערטה זיין דארויף זיך אָבצושטעלען. עס האָט ניט קיין טעאָרעטיקער וואָס זאָל אויסארבייטען א סאָרט פילאָזאָפי אויף וועלכע דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום זאָל קענען שטעהן. די קאָנסער־וואטיווע אידען האָבען קיינע לעהרער און קיינע פיהרער אין דעם זינן ווי די דאָזיגע ווערטער ווערען פארשטאנען אין דעם גייסטיגען לעבען פון א פאָלק.

* * *

עס איז ווערטה מיר זאָלען א ווייל ארייננקלעהרען אין די אורזאכען פון אזא זאָנדערבארע ערשיינונג און עס וועט ניט זיין שווער די דאָזיגע אורזאכען אויסצוגעפינען.

אום אז א בעוועגונג זאָל האָבען טעאָרעטיקער, דיינקער, דארף זי קודם־כל עטוואָס שאפען. דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום האָט אבסאָלוט קיין זאך ניט געשאפען, עס האָט אין דער אידישער גאס קיין זאך ניט אריינגעטראָגען, האָט קיין נייעם וואָרט ניט געזאָגט און האָט קיין פלאן ניט אויס־

געקלעהרט. אין דיזען היגזיכט קען מען איהם ניט פערגלייכען אפילו מיט רעפאָרם.

ווארום דאָס רעפאָרם־יודענטום האָט דאָך יא אריינגעטראָגען א נייעם וואָרט אין דער אידישער גאַס. עס איז געווען א וואָרט פון חורבן, פון פארניכטונג, פון צושטערונג — אָבער א וואָרט איז עס דאָך געווען. אמת איז אז די רעפאָרם האָט אויך קיין זאך ניט געשאפען. פון נישט קען קיין שאַפונג ניט ארויסקומען, אָבער א נייער שריט איז עס דאָך געווען. ווען אידען האָבען געזאָגט אז זיי ווילען ניט משיח'ן, פארוואָרפען די מצוות המעשיות און אז דאָס יודענטום מיינט נאָר צו ריידען פון גערעכטיגקייט און מעהר דארף מען גאָר ניט — איז עס אויך געווען א זאך וועגען וועלכע מען האָט געקענט שרייבען ביכער, טעאָריזירען און דיסקוטירען. ווען איינער קומט ברעכען מיט האק און אייזען איז עס אן ארבייט פון חרוב מאכען, אָבער אן ארבייט איז עס. אָבער וואָס פאר אן ארבייט טהוט דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום וואָס וואגט ניט ארויסצוטרעטען אפילו מיט א רעכטען צושטערונגס־פּלאַן ווייל זי וויל טראָגען דעם נאָמען פון קאָנסערוואטיזמוס ?

די רעפאָרם בעוועגונג איז, ווען זי איז געקומען, געווען ניט נאָר אן ארבייט ; עס איז אויך געווען א קאמפף. די רעפאָרמער האָבען אטאקירט און אטאקירען אפילו נאָך היינט אויך. מיט אלע זייערע כחות האָבען זיי געזוכט גייסטיגע וואפען — ארגומענטען — געגען זייערע געגנער. דערפון איז ביי זיי געשאפען געוואָרען א ליטעראטור, אין קאמפף פון גייסט ווערען די גייסטיגע קרעפטען ענטוויקעלט, זי האָט געצווייגען געגען דער אָרטאָדאָקסי אין אָפענעם שלאכטפעלד און פון דיזער מלחמה זיינען ארויסגעקומען די שריפטען וואָס די רעפאָרמער האָבען.

אָבער דאָס קאָנסערוואטיווע יודענטום קעמפפט ניט. ער האָט מורא אָנצוגרייפען דער אָרטאָדאָקסי אין איהרע פּרינציפּען ווייל ער טענה'ט דאָך אז ער שטעהט אויף דעם יסוד פון דער אידישער טראדיציאָן. ער וואגט ניט צו זאָגען אז מען דארף ארויסווארפען פון יודענטום דאָס אָדער יענעם אוים מורא אז דערמיט וועט ער זיך גלייך שטעלען אין רעפאָרמירטען לאגער. ער האָט דאָך אפילו מורא צו אָנרופען אן ענדערונג דאָס וואָס ער ענדערט און ער פּרובירט

מיט אלע כחות צו בעווייזען אז אן ענדערונג איז גאָר קיין ענדערונג ניט... וואו איז דאָ צו ריידען אין אזא בעוועגונג וועגען קאמפּף, וועגען שארפע ארגומענטען, וועגען בעשיצען אידעען, א. ז. וו.? ווי אזוי קען איבערהויפּט דאָס קאָנסער־וואטיווע יודענטום בעשיצען אידעען? ער בעהויפּטעט אז זיינע אידעען זיינען טראַדיציאָנעלע, אין דערזעלבער צייט אָבער ענדערט ער די אידישע טראדיציאָנען. היינט וואָס זאָל ער טאָן? זאָל ער זיך צופלאַקערן וועגען דער וויכטיגקייט און פעסטקייט פון טראדיציאָן, וועט מען איהם דאָך פרעגען: טו פארוואָס מאכסטו ענדערונגען אויב טראדיציאָן איז הייליג? זאָל ער פון דער אנדער זייט בעשיצען זיינע ענדערונ־גען און שטארק בעטאָנען די נויטיגקייט פון ענדערונגען, וועט מען איהם פרעגען: טו וואָס זאָגסטו אז דו ביסט טראדיציאָ־נעל? וואָרום אויב דער קאָנסערוואטיווער זאָל אָנהייבען בוי־ען א פילאָזאָפיע פון ענדערונגען, וועט ער דאָך גלייך מוזען זיך שטעלען אָפען אויף דעם שטאנדפּונקט פון רעפאָרם.

עס איז דארום קלאָר אז דער קאָנסערוואטיווער איד קען ניט שאפען קיין פילאָזאָפי פון היטען טראדיציאָנען און קען ניט שאפען קיין פילאָזאָפי פון מאכען ענדערונגען. ער קען דארום אין גאנצען קיין טעאָרי ניט מאכען. ער קען אויך ניט זיך שטעלען אויף דער טעאָרי פון דער אָרטאָדאָקסי און ניט אויף דער טעאָרי פון די רעפאָרמער. מיר האָבען דאָ צו טאָן אייגענטליך מיט א רעפאָרמער וואָס וויל ניט צוגעבען אז ער איז א רעפאָרמער. זיינע טהאטען זיינען ווי פון א רעפאָרמער אָבער ער וויל עס אין שריפט ניט צוגעבען. אונטער אזעל־כע אומשטענדען קען מען קיין זאך ניט שרייבען און קיין זאך ניט שאפען. אונטער אזעלכע אומשטענדען קען מען קיין קאמפּף ניט פיהרען ניט מיט דער אָרטאָדאָקסי און ניט מיט דער רעפאָרם, איבערהויפּט איז ניטאָ קיין רעדע וועגען א קאמפּף אין דער צייט ווען מען טוט רעפאָרמערשע טהאטען און מען האָט קיין מוטה ניט עס אָנצורופען מיט דעם ריכ־טיגען נאָמען.

און דאָס ערקלעהרט אונז שוין אויך דעם חסרון וועגען פערזענליכקייטען. פערזענליכקייטען קענען אויפוואקסען נאָר ווען עס איז פאראן א קלאָרע שיטה, א קרומע אָדער א גלייכע אָבער א קלאָרע, נאָר וואו די מעשים שטימען מיט דעם נאָ־מען וואָס די פּארטיי אָדער בעוועגונג טראָגט, וואו דער מענש

איז א גאנצער, און דער עיקר וואו עס איז פאראן מוטה און קאמפף, אבער ווי אזוי קענען אויסוואקסען פערזענליכקייטען אין א בעוועגונג וואס שטעהט אויף א רעפארמישען שטאנד־פונקט, וואס גרייט צו דעם וועג צו דער רעפארם דורך די־זעלבע מיטלען וואס די רעפארם האט בענוצט, און בעהויפ־טעט אז זי שטעהט פאר טראדיציאן ?! ווי קענען אויסוואק־סען פערזענליכקייטען אין א בעוועגונג וואס זוכט אבצוטאן איהר מלאכה, די מלאכה פון מאכען ענדערונגען, **אין דער** שטיל, פארוויקעלט אין א קאנסערוואטיווען מאנטעל אז מען זאל ניט זעהן וואס דא טוט זיך ?

אט דאס איז די ערקלעהרונג אויף דער ערשיינונג אז אין פערלויף פון די פאאר צעהנדליג יאהרען וואס דאס קאנ־סערוואטיוועס יודענטום אין אמעריקא עקזיסטירט האט די דאזיגע ריכטונג ניט ארויסגעגעבען, און האט ניט געהאט קיינע ווארט־פיהרער אין דער שריפט, קיינע בעדייטענדע דיינקער וואס זאלען עפעס שאפען גייסטיגעס פאר זייער ריכטונג און קיינע פערזענליכקייטען ארום וועלכע די בעווע־גונג זאל זיך קאנצענטרירען.

כלל־טועריי איז ניט קיין רבנות

ניט־האָבענדיג קיין קלאָרע פּראָגראַם, קיין פעסטע טע־אָרי און קיינע פיהרער־אויטאָריטעטען צו וועמען ארויפצו־קוקען און פון וועמען צו נעהמען דירעקציאָנען; ניט־האָבענ־דיג קיין קלאָהרע ריכטונג און שטעלונג צום שלחן־ערוך, צום אידישען געזעץ און דער גאנצער אידישער טראַדיציאָן, האָט נאטירליכערווייזע דער קאָנסערוואַטיווער ראַבבי אָנגע־שטריינגט זיין גאנצע ענערגיע אויף דעם פעלד פון געזעל־שאפטליכע ארבייט. דער קאָנסערוואַטיווער ראַבבי איז קודם־כל, און הויפּטזעכליך, א כלל־טהוער, א "סאָשיאַל וואָירקער".

אייגענטליך איז דער רעפאָרם־ראַבבי אויך א סאָשיאַל וואָירקער אין דעם עיקר פון זיין בעשעפטיגונג, אָבער דער רעפאָרמער האָט פאר זיך א געקליבענע צאָהל מענשען, א געוויסע קלאַס פון אריסטאָקראַטיע, אזוי צו זאָגען, און צווי־שען איהר קען מען ניט "וואָירקען" קיין סך; עס פּולסירט ניט ביי די רעפאָרמער קיין שטארקער אידישער לעבען; עס איז דאָרטען נימצא כמעט קיין אנדער טהעטיגקייט ווי טשאַריטי — און ארום טשאַריטי אליין קען זיך ניט קאָנצענטרירען קיין געזעלשאפטליכעס לעבען און איבערהויפּט אין דעם וועג פון טשאַריטי, ווי אונזערע רעפאָרמירטע אידען טהוען עס (וויסענשאפטליכע צדקה). דער רעפאָרם ראַבבי איז דארום א כלל־טהוער וואָס האָט ניט שטענדיג קיין כלל ארום זיך, האָט ניט אויף וואָס צו פארווענדען זיינע כחות.

דער קאָנסערוואַטיווער ראַבבי איז אין א בעסערער לאַ־גע אין דיזער בעציהונג. ער האָט א ברייטערע פעלד, ער זיצט צווישען אזעלכע אידען וואָס פיהרען נאָך מעהר אָדער וויי־ניגער א אידישעס לעבען, ער האָט פאר זיך מענשען וואָס אינטערעסירען זיך מעהר אָדער וויינינער מיט אידישע ער־ציהונג, אָפט מיט נאַציאָנאַלע אידישע פּראָבלעמען. אין אַל־געמיין איז ער אין אזא עולם וואָס וויל מעהר הערען, וואָס איז ווארימער צו דאָס וואָס עס פּאַסירט אין דער אידישער

וועלט, עס אפעלירט צו איהם א אידישע "סטאָרי" און האָט א חוש פאר מעהר לעבעדיגע געזעלשאפטליכקייט ווי דער רעפאָרמער. און דארום איז דער קאָנסערוואטיווער ראבבי מעהר כלל־טהוער ווי דער רעפאָרמער און האָט מעהר געלעגענהייטען אלס אזעלכער ארויסצוטרעטען.

און דאָס איז אייגענטליך דער פלאַץ וועלכען דער קאָנסערוואטיווער ראבבי ערנאָבערט אין דעם אידישען לעבען. ער איז דעריעניגער וואָס פונקציאָנירט אויף אלע שמחות, ער מישט זיך ניט נאָר אין די דרייווס נאָר אין אלע געזעלשאפטליכע אפעירס. ער איז דער וואָס זוכט צו זיין, אויב מען קען אזוי זאָגען, דער לייב פון דער געזעלשאפט און עס איז זעלבסטפערשטענדליך אז ער מוז בעצאָהלען דעם פרייז וואָס עס ווערט דערפאר געפאָדערט, און דער פרייז פון זיין א כלל־טהוער איז א טייערער — מען מוז א סך אָפפערען, מען מוז א סך אוועקגעבען אויב מען וויל פון ראבינאט מאכען א כלל־טהועריי.

וואָרום א כלל־טהוער — דאָס דארף קלאָר געמאכט ווערען — איז ניט און קען ניט זיין קיין פיהרער. א פיהרער איז א מענש וואָס שטעהט אויף א העכערע מדרגה ווי דער געוועהנליכער עולם, ער איז גייסטיג אויפגעהויבען און אויף א געוויסער מאָאָס אָבגערוקט פון אנדערע. מען קען אנדערש קיין פיהרער ניט זיין סיידען מען שטעהט אן דער שפיצע פון פאָלק צו ווען דאָס פאָלק קוקט־ארויף, אָבער א כלל־טהוער שטעהט ניט אן דער שפיצע פון דער געזעלשאפט אין וועלכער ער ארבייט נאָר ער שטעהט צווישען אלעמען און גלייך מיט אלעמען; ער איז א שדכן וואָס פיהרט צוזאמען מענשען, וואָס עוסק'ט צווישען איינעם און דעם אנדערען, און קיינמאָל ניט איבער איינעם אָדער דעם אנדערען. א פיהרער איז א סאָרט לעהרער, א כלל־טהוער איז אָבער אויף קיין פאל קיין לעהרער ניט. עס איז ניט זיין וואָרט פאר וועלכען מען האָט דרך־ארץ; עס איז ניט זיין געדאנק וואָס טרייבט מענשען צו טאָן עפעס אין דער געזעלשאפט; עס איז זיין פשוט'ע עסקנות, זיין געלד־זאמלען, זיין ארייגעהן צו א רייכען מאן און בעטען ביי איהם געלד פאר א געוויסען צוועק, וואָס מאכט פאר איהם זיין פאָזיציאָן אין דער געזעלשאפט. דער כלל־טהוער, אויב אזוי, איז דער מאן וואָס איז מעהר קאָלעקטאָר ווי גייסטיגער פיהרער, מעהר פאָלקס־מענש ווי פאָלקס־וועג־

ווייזער און זיין אויטאָריטעט אין גייסטיגע זאכען מוז נאַטירליך זיין שוואך.

דער כלל־טהוער, אויב ער איז א ראבבי אָדער ניט, קען צוליב זיין כלל־טהועריי ניט שטעהן פעסט פאר זיינע איבערצייגונגען אויב אפילו ער זאָל זיין א מענש מיט איבערצייגונגען. ער איז שטענדיג אין דער לאַגע פון א מקבל. אמת ניט קיין מקבל פאר זיך נאָר פאר וויכטיגע צוועקען, אָבער דאָך שטעהט ער מיט אן אויסגעצויגענע האנד פאר דעם גביר. דער ראבבי כלל־טהוער זוכט שטענדיג א טובה ביי די רייכע מיטגליעדער פון זיין קאָנגרעגיישאָן. אמת, ניט קיין טובה פאר זיך אליין נאָר פאר גוטע צוועקען, אָבער דער וואָס גיט פיהלט אז ער טהוט א טובה דעם וואָס בעט ביי איהם די נדבה, און אזוי געוואָהנט זיך איין דער ראבבי פון א קאָנגרעגיישאָן צו שטעהן אין א לאַגע פון א מאן וואָס פיהלט אז ער וועט דארפען היינט־מאָרגען אָנקומען צו דעם אָדער יענעם, און דאָס גיט ניט צו קיין שטארקייט צו זיין שטעלונג און דאָס מאכט איהם שוואכער אין דער פראגע פון בעשטעהן אויף זיינע מיינונגען. בּיסלעכווייז שאפט זיך ביי איהם א פסיכאָלאָגיע פון האלטען דעם רייכען אלס דעמיעניגען וואָס דארף זיין דער טאָן־געבער אין אלעס, וואָרום אָהן איהם וואָלט ער, דער ראבבי, דאָך ניט געקענט אויספיהרען קיין גוטע זאך.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אלעס. ווען דער ראבבי ווערט הויפּטזעכליך א כלל־טהוער קען ער ניט האלטען זיך אלס א מאן מיט א בעזונדער שטעלונג, א בעזונדער פּאָזיציאָן אין דער געזעלשאפט וואו ער ארבייט, ווייל דאָס וואָלט געהייסען אז ער שטעהט אָבגעזונדערט פון דער געזעלשאפט אין וועלכער ער ארבייט און דאָס טויג פאר א כלל־טהוער ניט. ער מוז דארום זוכען צו זיין אומעדום א "מיקסער", א מענש וואָס איז מיט אלעמען, פאר אלעמען, וואָס איז ליבעראלער פון אלעמען, פריינדליכער פון אלעמען און קען "בעשטעהן זיין שטעדטיל" גלייך מיט אנדערע אין אירגענד וועלכער פונקציאָן וואָס עס ווערט געמאכט. אלס כלל־טהוער דארף ער אויך זיין א סאָרט "ענטערטיינער" און דערמיט פארשטעלט ער זיך אליין דעם וועג אז ער זאָל ניט קענען האָבען קיין איינפלוס אויף די, וועמעס פיהרער ער דארף זיין און ביי וועמען ער דארף זיין די אויטאָריטעט.

װאָרום, איהר מעגט זיך זאָגען װאָס איהר װילט, דער אײנפלוס פון אונזערע רבנים אין די פריהערדיגע צײטען איז געװען טהײלװײז אויך אבהײנגיג אָן דעם װאָס זײ זײנען ניט געװען קײנע כלל־טהוער אין דעם געװעהנליכען זינן פון דאָס װאָרט, זײ האָבען זיך געמישט אין צרכי־צבור, אָבער זײ זײנען ניט ארומגעגאנגען איבער פרעמדע שװעלען, זײ זײנען געזעסען בײ זיך אין הויז און די כלל־ארבײט האָט זיך געטאָן בײ זײ. די "שטאָדט" איז געקומען צום רב, אָבער דער רב איז צו קײנעם ניט געגאנגען. ער איז געװען העכער װי די איבריגע שטאָדט אײנװאָהנער, אפילו די רײכע לײט אויך ארײנגענומען אין חשבון. נאָר זעלטען פלעגט דער רב קומען צו אימעצען און דאָס האָט זיך שוין גערעכענט פאַר א גרויסען כבוד פאַר דעם, צו װעמען ער איז געקומען. דאָס איז ניט געװען דאָס װאָס מען רופט דאָ א רבנישער "אָפיס" אָדער "סטודיאָ"; עס איז געװען דעם רב'ס היים, װעלכעס איז געװען דער צענטער פון שטאָדטישע אנגעלעגענהײטען.

און זאָל מיר קײנער ניט באפען פאַר'ן האלז אז איך בין אן אפיקורס אין דער דעמאָקראטיע הקדושה, דערפאַר װאָס איך זאָג אז א רב, א גײסטיגער פיהרער דאַרף ניט זײן אײנער פון פאָלק, דאַרף ניט מיט אלעמען זײן אויף א גלײכער פוס, דאַרף ניט זאָגען דיזעלבע חכמות װאָס דער עולם זאָגט. דעמאָקראטיע איז טאקע דעמאָקראטיע, אָבער א גײסטיגער מענש מוז זײן א שטיקעל אריסטאָקראט, א גײסטיגער אריסטאָקראט, און דאָס איז אפשר געמײנט דערמיט װאָס עס איז געזאָגט געװאָרען אז א תלמיד־חכם דאַרף האָבען א שמינית־שבשמינית גאוה. ניט די גאוה איז דאָ דער עיקר, נאָר אז דער תלמיד־חכם, דער װעגװײזער, דער פיהרער זאָל זײן אויפגעהויבען איבער דעם עולם — אז ניט, װעט זײן װאָרט קײן װאָרט ניט זײן און זײן פיהרערשאפט קײן פיהרערשאפט ניט זײן. אונזערע רבנים זײנען געזעסען און געלערענט און האָבען געהאט אײנפלוס. די ראבבים געהען ארום און בעדיענען דעם צבור דורך כלל־ארבײט און זײ קענען קײן אײנפלוס ניט האָבען. עס איז א פאלשע אנקלאגע אָדער קריטיק די װאָס װערט געזאָגט אז אין די פריהערדיגע צײטען זײנען די רבנים געזעסען אין די ד' אמות של הלכה און די װעלט איז זײ פרעמד געװען. זײ האָבען גוט געקענט די װעלט. צו זײ איז די װעלט געקומען און זײ האָבען געהאט מעהר כבוד

יוי די יעצטיגע וואָס געהען צו דער וועלט און ארומגעהענדיג האָבען זיי ניט קיין צייט פאַר די "הלכה", און נאָך אלעמען איז די קראפט פון גייסט אין "הלכה" און ניט אין ריידען אויף מיטינגס און מאכען געלד פאר קהל'שע זאכען. און אז איך וואָלט ניט מורא געהאט, וואָלט איך געזאָגט אז כלל־טהועריי, אין דעם אופן ווי מען טהוט עס דאָ אין אמעריקא, איז דער פולער קאָנטראַסט פון רבנות. רבנות הייסט געהן פאר'ן עולם, און כלל־טהועריי הייסט נאָכגעהן נאָכ'ן עולם... די טבע פון א כלל־טהוער איז און מוז זיין צו צופאסען זיך צו דעם עולם, צו שווימען מיט'ן שטראָם און האנדלען אזוי אז עס זאָל יענעם געפעלען ווערען.

דער טראָבעל איז, וואָס די גייסטיגע פיהרערשאפט אין אמעריקא, אויף אזוי ווייט ווי עס איז פארבונדען מיט רעליגיאָן, שטעהט אויף א פאלשען שטאנדפונקט אין בעצוג צו דער שייכות צווישען דעם פובליקום און דעם ראבבי, און אין פיעלע היגזיכטען אפילו דעם רב. עס איז דאָ פאראן א גרויסער געיעג ביי די וואָס זיינען אין דעם ראבינאט צו צייגען אז זיי זיינען אין דער געזעלשאפט פונקט אזוי בריה'ש ווי אנדערע. דער צוועק שיינט צו זיין צו בעהויפטען אונגעפעהר אזוי: איהר זאָלט ניט מיינען אז ווייל איך גיב זיך אָב מיט רבנות בין איך א בטלן וואָס ווייס ניט די גאנגען פון דער וועלט. איך בין פונקט אזוי "וועלטליך" ווי אנדערע. עס איז אויף מיר גאָר ניט צו דערקענען. איך בין א מאָדערנער נאָכ'ן לעצטען וואָרט, און דערפאר בין איך ווערטה דעם רעספעקט פון "וועלטליכע" מענשען.

דאָס איז א טעות. אין דעם פערטרעטער פון רעליגיאָן זוכט מען ניט דאָס וואָס מען קען געפינען אין אנדערע. אין איהם זוכט מען דוקא דאָס וואָס איז מעהר גייסטיג, וואָס איז מעהר אויפגעהויבען און אָבגערוקט פון די האנדלונגען פון אנדערע געוועהנליכע מענשען. ווען א ראבבי אָדער א רב פארשטעהט זיין פליכט נאָר אלס כלל־טהוער און ער ווערט אויסגעמישט צווישען אלעמען, גיט ער דער מאסע גאָר ניט, ווייל דאָס וואָס ער גיט איהר האָט זי אליין, און ער קען דאָרום זיין פיעלייכט נוצליך צווישען עולם וואו ער ארבייט אָבער קיין איינפלוס קען ער ניט האָבען. קיינער וועט צו איהם ניט ארויפקוקען און נאָר דער, צו וועמען מען קוקט־ ארויף, קען האָבען דעם אמת'ן איינפלוס.

די בעוועגונג פאַר אידישע סענטערס

יעדע בעוועגונג אין יודענטהום האט געשאפען איהר אינסטיטוציאן דורך וועלכער זי דריקט־אויס, אזוי צו זאגען, איהר גייסטיגען פּרצוף. די רעפארם האט געשאפען דעם טעמפעל אלס איהר אינסטיטוציאן, דאס קאנסערוואטיווע יודענטהום אין אמעריקא האט געשאפען דעם אידישען צענטער. עס איז אמת, אז עס זיינען פאראן א פאר ארטאדאקסישע צענטרען אויך, אבער דאס זיינען נאר אן אויסנאהם און עס קומט פון דעם תוהו־ובוהו וואס עס איז דא פאראן אין אידישען לעבען. עס זיינען פאראן מאנכע ארטאדאקסישע שוהלען וואס רופען זיך מיט'ן רעפארמירטען נאמען טעמפעל, מסתמא צוליעב דעם וואס די גרינדער האלטען דיזען ווארט אלס א אריסטאקראטישען נאמען פאר א שוהל. די אורזאכע פארוואס אן ארטאדאקסישע אינסטיטוציאן רופט מען צענטער, איז אן אנדערע, אבער עס איז אויך ניט קיין ריכטיג צוגעפאסטער נאמען. דאס ווארט צענטער בעלאנגט צו די קאנסערוואטיווען און בעצייכענט די אינסטיטוציאן וואס די קאנסערוואטיווען האבען געשאפען אין אמעריקא.

וואס פאר א מין זאך איז דער צענטער, און וואס איז זיין בעדייטונג ?

איך וועל פריהער געבען אלע ארגומענטע וואס ווערען אנגעגעבען צו גונסטען פון דעם צענטער און וועל נאכהער זאגען דאס וואס איך האב צו זאגען וועגען דעם. דיזער קאפיטעל איז געווידמעט פאר דער פארטהיידיגונג פון דער צענטער־אידעע אזוי ווי עס ווערט, אדער קען ווערען פארגעשטעלט פון די אדוואקאטען פון דער צענטער בעוועגונג. דער נעקסטער קאפיטעל וועט זיך בעשעפטיגען מיט דעם ארטאדאקסישען שטאנדפונקט איבער דער צענטער־פראגע. וועלכע איז געווארען, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, א בעדייטענדע פראגע אין אמעריקאנער יודענטהום. די צענטער־אידעע ווערט פארגעשטעלט פון איהרע אנהייננגער אונגעפעהר אזוי:

א שוהל אין וועלכער מען קומט נאר צום דאווענען נעהמט

ניט ארום דאָס גאַנצע אידישע לעבען. עס זיינען פאראן, און עס דאַרף זיין אידישע טהעטיגקייט אין דעם אַמעריקאַנעם אידישען לעבען אויסערהאַלב פון דער שוהל אויך. עס געהט־אַן צווישען אידען אַ ברייטע געזעלשאַפטליכע אַרבייט אויף פערשיעדענע פעלדער, און עס איז ווינשענסווערטה, ווי אַלע וועלען מודה זיין, אַז דיעזע געזעלשאַפטליכע טועריי זאָל ווערען גרעסער און גרעסער. ווייל די דאָזיגע אַרבייט אַליין ברייננט נעהענטער די אידישע געדאַנקען און אידישע געפיהלען. אויב די שוהל איז נאָר צום דאַוונען אַליין, וואו זאָל אַנגעפיהרט ווערען די אידישע געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט? אויב דאָס וועט אַנגעפיהרט ווערען אויסערהאַלב פון דער שוהל, וועט דער אַמעריקאַנער אידישער עולם ניט קענען צוגעצויגען ווערען צו די שוהלען. דאָס דאַוונען אַליין איז ניט גענוג צוציהונגס־קראַפט פאר איהם, און פון דער אַנדער זייט וועט די שוהל און דער ראבבי ניט קענען גענוג בעאיינפלוסען די געזעלשאַפטליכע אידישע טהעטיגקייט עס זאָל זיין נעהנטער צום אידישען גייסט. דאָס אידישע לעבען וועט זיין געטיילט אויף צווייען: שוהל און דאַוונען בעזונדער, געזעלשאַפטליכע אַרבייט בעזונדער און ביידע האַלבע וועלען דערפון ליידען. פאַרוואָס ניט פאַראייניגען ביידע זאַכען אונטער איין דאַך? פאַרוואָס ניט ברייננען ביידע צוזאַמען, אום איינס זאָל דאָס אַנדערע שטאַרקען. דורך דעם געזעלשאַפטליכען לעבען וועלען מיר ברייננען צום שוהל פון צענטער אַזעלכע אידען וואָס וואָלטען צום שוהל אַליין ניט געקומען, און די געזעלשאַפטליכע אַרבייט וועט זיין מעהר אידיש, ווייל דאָס וועט דאַך זיין אין שכנות מיט אַ שוהל. איין צענטער פאַר עבודת ה׳, פיר וועלכע אַ שוהל איז געווידמעט און פאַר קהל׳שע טהועכטס און געזעלשאַפטליכע ענינים. דאָס גאַנצע אידישע לעבען דאַרף ווערען קאָנצענטרירט אין איין אָרט.

עס איז שוין בעוויזען געוואָרען — טענה׳ן ווייטער די אנהייננער פון דער צענטער־אידעע — אַז אַ קאָנגרעגיישאָן דאַרף האָבען אַ סקוהל פאַר קינדער. וואָס איז די פעולה פון דאָס וואָס די עלטערען געהען אין שוהל, אַז די קינדער וועלען ניט געהן. וועלען מיר צוזאַמענפאַרען אין דעם צענטער די שוהל און די סקוהל, צו דעם צענטער וועט זיין צוגעבונדען אַ היברו־סקוהל און אויף אַזאַ אופן וועלען אין דעמזעלבען פּלאַץ געפינען די טאַטעס זייער געזעלשאַפטליכע טהעטיג־

קייט און די קינדער דעם אונטעררישט וואָס זיי דאַרפען קריגען.

די שוהל — טענה׳ן ווייטער די אנהייננער פון די צענטערס — איז דאָך קיינמאָל ניט געוועזן די איינציגע אידישע רעליגיעזע אינסטיטוציאָן, עס איז דאָך געוועזן אין דערהיים דער בית־המדרש. און דער בית־המדרש איז דאָך ניט געוועזן בלויז דער פּלאַץ צום דאַוונען און צום לערנען, נאָר עס איז אפילו געוועזן דער פּלאַץ פון געזעלשאַפט פאר די אידען פון שטאָדט. עס איז געוועזן דער אָרט וואו מען פלעגט זיך צוזאַמענקומען צו הערען נייעס, צו שמועסען, צו פאַרברייננען א שעה, אין בית־המדרש פלעגט מען ריידען פון פּאָליטיק און פון אַלץ אין דער וועלט, הייסט דאָך עס, אַז דער בית־המדרש איז געוועזן א צענטער פאַר דאָס אידישע לעבען פון דער שטאָדט און דער שטעדטיל, ווילען מיר מאַכען דאָ אזא צענטער וואָס זאָל זיין דער פּלאַץ וואו אידען קומען ווען זיי ווילען א שטונדע פאַרברייננען.

און — אַזוי טענה׳ן ווייטער די אנהייננער פון די צענטערס — מיר דאַרפען מאַכען אין די צענטערס אויך אַזעלכע זאַכען וואָס האָבען ניט צו טאָהן מיט אידישע געזעלשאַפטליכע ארבייט אָבער וואָס פאַרנעהמען א פּלאַץ אין דעם אמעריקאַנעם לעבען. מיר דאַרפען מאַכען א דזשימינייזיום, מיר דאַרפען מאַכען א סווימינג־פּול, מיר דאַרפען מאַכען פּלאַץ פאַר אַלעס וואָס אונזערע יונגע לייט ווילען און זוכען. ווייל אויב ניט, וועלען זיי צו אונז ניט געהן און אויב זיי וועלען ניט געהן איז דאָך די גאַנצע ארבייט פאַר׳ן צענטער ארויסגעוואָרפען. מיר זיינען ניט די בעלי־בתים איבער דער לאַגע פון אידישקייט אין אַמעריקאַ, מיר ווילען דאָך נאָר צוציהען אונזער יוגענד און אַז מען וויל צוציהען מוז מען דאָך געבען דאָס וואָס יענער וויל. און אויב די יוגענד וויל א סווימינג־פּול אלס קאָנדיציאָן פאַר זיין קומען אין צענטער מוז מען עס פאַר איהר שאַפען.

די אנהייננער פון די צענטערס רוהען זיך א ביסעל אָפּ און זעצען־פּאָרט זייער אַרגומענט אַזוי :

אויב מיר וועלען ניט מאַכען קיין פּלאַץ פאר ספּאָרטס איז אונזערע צענטערס, איז לאָ די וואָס די קינדער וועלען צו אונז ניט קומען, נאָר זיי וועלען געהן אין אנדערע ערטער דאָס צו געפינען, זיי וועלען געהן אפילו צו די יאָנג מען׳ס קריסטשען אַסאָסיאיישאָן. דאָס וואָס די יונגע לייט דאַרפען

וועלען זיי נעהמען וואו זיי וועלען עס קריגען, און אויב זיי וועלען עס ניט קריגען אונטער דעם אידישען איינפלוס, וועלען זיי עס בעקומען אונטער גוי'שען איינפלוס. דער צענטער איז געמאכט געווארען ניט נאר צו האלטען די קינדער אין א אידישער אטמאספערע, נאר ניט לאזען זיי אוועקגעהן אין א ניט־אידישער און דארום האלטען מיר — לאזען די אנהייננער פון די צענטערס אויס זייער ארגומענט — דעם צענטער פאר וויכטיג, זייענדיג זיכער, אז זיי האבען ארויסגעזאגט דאס שטארקסטע וואס מען קען זאגען אין דער אנגעלעגענהייט.

מיר מוזען געהן — זאגען זיי נאכדעם — נאך א שריט ווייטער. מיט ספארט אליין וועלען מיר אונזערע קינדער ניט צוציהען צו דעם צענטער. זיי זיינען געבילדעטע מענשען און אינטערעסירען זיך מיט גייסטיגע זאכען אויך, זיי זיינען ניט גענוג אידיש, אז זיי זאלען הערען כסדר אין צענטער לעקטשורס וועגען אידישע ענינים, זיי וועלען אויפהערען איז צענטער צו קומען, אז מיר וועלען זיי קארמענען נאר מיט אידישען שטאף. אום צו אוועקציהען זיי פון די גוי'שע עהנליכע פלעצער דארפען מיר זיי געבען פון דיעזעלבע סארט שטאף וואס מען גיט זיי דארטען, מען דארף פאר זיי ריידען איבער די לעצטע סענסאציע אין דער מואווי־וועלט, איבער די סטארס פון אקטיארען. איבער אלעס וואס אונטער דער זונן. עס דארף זיי אין צענטער גאר ניט פעהלען דאס וואס זיי האבען אין אנדערע ערטער, אז ניט וועלען מיר זיי ניט קענען אין צענטער אריינשלעפען.

און אויב מיר ווילען זיי אריינציהען — טענה'ן די צענטער־אדוואקאטען — אין צענטער מוזען מיר זיי פון צייט צו צייט אויך געבען דיעזעלבע רעדנער וואס זיי הערען אין אנדער ארט. מיר דארפען זיי ציינען, אז א אידישער צענטער איז ניט עפעס א פארווארפענער ווינקעל וואס בעריהמטע פערזאנען פון דער אלגעמיינער וועלט קומען ניט אהין אונטער קיינע אומשטענדען. פארקעהרט, זאלען זיי זעהן, אז מיר זיינען אויך אמעריקאנער און צו אונז קומען אויך מענשען פון דער גרויסער וועלט, און אז מיר קענען האבען דיזעלבע מענשען וואס מען הערט אויף אנדערע פלאטפארמס. מעג עס זיין קלארענס דארראו, דער שונא פון רעליגיאן, מעג עס זיין אימיצער וואס פארטרעט אן אנדער רעליגיאן. מיר דארפען ציינען, אז ביי אונז איז א פלאטפארם פיר אלעס און

פאַר אַלעמען, אַז ניט וועט אונזער יוגענד האַלטען אַז עס איז צופיעל אידיש פאַר זיי און — זי וועט ניט קומען!

זי וועט ניט קומען! — דאָס שיינט צו זיין דער שטאַרקסטער אַרגומענט פון די אנהייננגער פון די צענטערס. זיי פאַרגעסען דערביי, אַז וועהרענד זיי האָבען אָנגעהויבען זייערע טענות פאַר'ן צענטער אויפ'ן גרונד פון ארויפברייננגען זייערע קינדער צו אידישקייט, זיינען זיי בּיסלאַכווייז אַראָפּ צו דעם פּונקט פון אַרונטערברייננגען אידישקייט צו אַ פלאַטפאָרם פון גוי'שע דרשות... נאָר וועגען דער קריטיק — אין נעקסטען קאַפּיטעל.

פאַלשער יסוד פון סענטער־בעוועגונג

דער ערשטער טראָבעל פון דער אידעע פון צענטערס איז וואָס עס שטעהט אויף א פאַלשער פילאָזאָפיע. דאָס איז די פילאָזאָפיע פון ברייננען דאָס יודענטום צו די קינדער אנשטאָט צו ברייננען די קינדער צום יודענטום. זיי ווילען ניט געהן אין שוהל — וועלען מיר זיי ברייננען די שוהל צום סווימינג פול... זיי ווילען ניט הערען פון אידישקייט—וועלען מיר זיי ברייננען א לעפעלע אידישקייט אין דזשימנזיום אריין. זיי קענען זיך ניט אויפהויבען צום יודענטום — וועלען מיר דאָס יודענטום אראָבלאָזען צו זיי און מאַכען דערפון אַזאַ סחורה וואָס עס וועט זיי געפעלען ווערען און זיי וועלען עס קויפען.

פון סוחר'ישען שטאַנדפונקט איז עס א ריכטיגער וועג. דער סוחר האָט ניט קיין פרינציפען אין זיין מאַכען די סחורה. דער איינציגער צוועק וואָס דער סוחר האָט פאַר זיך איז צו מאַכען אז די סחורה זאָל געהן. אלעס וואָס ער דאַרף איז, געניי זיך צו דערוויסען וואָס פאַר א סאָרט סחורה דער צוקונפטיגער קאָסטאָמער האָט ליעב. דאָס איבריגע איז לייכט: וויל ער שיך מיט ברייטע שפיצען — נאַ דיר מיט ברייטע; וויל ער מיט שמאָלע — נאַ דיר מיט שמאָלע; ווילסטו א ראָק אויף צוויי זייטען געשפילעט — נאַ דיר א ראָק וועלכען דו ווילסט; ווילסטו אויף איין זייט—וועל איך דיר אויסאַרבייטען פונקט ווי דו ווילסט.

אין אידעען, אין אידעאַלען, אין רעליגיאָן געהט ניט אַזאַ סאָרט "מסחר". אידעען, אידעאַלען און דער עיקר — רעליגיאָן — זיינען ניט בעשאַפען געוואָרען אום צו קריגען קונים. אן אמונה איז ניט קיין ראָק וואָס דאַרף צוגעפאַסט ווערען צו דעם וואונש פון דעם וואָס קויפט איהם. מען קען ניט זאָגען: מען מוז די רעליגיאָן אַנדערש מאַכען און זי אַרונטערלאָזען צו דעם געשמאַק פון דער גאַס, אז ניט וועלען מיר ניט האָבען קיין קונדען. וואָס וואָלט משה געמאַכט פון יודענטום אז ער וואָלט געוואָלט עס מאַכען פאַר א גאַנג־

בארע סחורה ביי די, וועמען ער האט ארויסגענומען פון מצרים! וואס וואלט געווארען פון זיין תורה אויב ער וואלט געוואלט איהר צופאסען צום דור־המדבר און זיי געבען דאס וואס עס געפעלט זיי! וואס וואלט ישעיה געמאכט פון זיין יודענטום ווען ער וואלט געוואלט עס מאכען אזוי, אז דעם המון פון ירושלים, פון וועלכען ער גיט אונז אזא קלארע בע־שרייבונג, זאל עס געפעלען ווערען! וואס וואלט יחזקאל גע-מאכט פון זיין יודענטום ווען ער זאל וועלען "געווינען די יוגענד" פון זיין צייט און מאכען פון דער תורה דאס וואס עס וועט ביי זיי מוצא־חן זיין! אנשטאט צו ברייננגען אן איבערגעמאכטע אידישקייט "צום פאלק" האט ער געזאגט: "השומע ישמע והחדל יחדל!"

און דיזער שטאנדפונקט איז דער איינציגער וואס קען גענומען ווערען אין רעליגיאן: דער וואס וויל קומען צום יודענטום זאל קומען. דאס יודענטום וועלען מיר צוליב איהם ניט איבערמאכען. ווען איינער זאל אונז, למשל, זאגען אז מיר זאלען ענדערן א קוצו של יוד פון דער תורה, וועלען מיר זיך פון איהם אויסלאכען. פונקט ווי מיר קענען ניט ענדערן די תורה אום צו קריגען פאר איהר נייע קאסטאמערס פון דרוי־סען, אזוי קענען מיר ניט ענדערן די תורה אדער דעם גייסט פון יודענטום צו קריגען פרישע קונדען פון אינעוויינינג ביים אידישען פאלק גופא. אפילו צוליב אונזערע קינדער קענען מיר קיין זאך ניט ענדערן. מיר קענען קיין זאך ניט פערוואר־סערן. מיר קענען ניט לאזען אראבדינגען קיין זאך דערפאר וואס זיי זיינען פאר'גוי'שט און ווילען עפעס אנדערש. אט דאס איז דאס יודענטום אזוי ווי עס איז! קיין שאכער־מאכער מיט דער רעליגיאן אויב זי האט עפעס ביי אונז א בעדייטונג. קיין מציאות פארהאנדלען.

ווארום ערשטענס, אויב א זאך איז הייליג, איז די היי־ליגקייט אין איהר אליין און ניט אין דער צאהל פון איהרע אנהייננגער, און עס איז דארום ניט־לאגיש צו זאגען: לאמיר אראבווארפען א ביסעל פון דער קדושה, כדי מען זאל קענען קריגען נאך אנהייננגער. ווארום וואס איז די פעולה פון די נייע אנהייננגער אז מען האט אנגעריהרט די קדושה פון רע־ליגיאן, און וואס קען זיין מעהר אנגעריהרט די קדושה פון א גלויבען ווען מען געהט עס ענדערן אום צו געפעלען ווערע־אימיצען? דאן פערליערט דאך דער גאנצער בעגריף פון

רעליגיאן זיין בעדייטונג. ווארום דער יסוד פון א רעליגיאן איז דאך, אז דאס איז דער אמת פון אלע אמת'ן און אז מענשען דארפען זיך ענדערען צוליב איהר און ניט אז זי זאל זיך ענדערען פאר מענשען. רעליגיאן איז ניט בעשאפען געווארען דעם מענשען צו בעדינען און ביי איהם מוצא־חן זיין, נאר פארקעהרט.

און צווייטענס, אויב מען זאל זיך שטעלען אויף דעם גרונד פון טראגען דאס יודענטום אנטקעגען צום נייעם דור און עס געבען אזא פנים פונקט ווי דער נייער דור וויל, איז דאך די פראגע: וואו וועט מען זיך אבשטעלען? האט מען נאר איינמאל אנגענומען דעם כלל אז אום צו געווינען נייע אנהייגנער דארף מען צופאסען די אידישקייט צו זייער געשמאק, קען שוין ניט זיין מעהר קיין גרענעץ וואו אייער אראבלאזען פון דעם פרייז וועט זיך ענדיגען. איהר וועט עס שפעטער דארפען אוועקגעבען בחצי־חנם און נאכהער בחנם ממש. דאס יודענטום וועט אלע מעל ווערען וויניגער אידיש און אלע מאל מעהר עפעס אנדערש, אזוי אז עס וועט אין גאנצען אויפהערען אידישקייט צו זיין — אזוי ווי עס איז געוועזען דער פאל פון רעפארם. דאס איז דער חסרון פון רעפארם וואס זי האט געוואלט געבען אידישקייט אזא פנים אז עס זאל געפעלען ווערען "דער היינטיגער צייט", און וואס מעהר זיי האבען נאכגעטראגען דאס יודענטום "צו דער צייט", אלץ ווייטער זיינען זיי אוועק — און מיר זעהען דאך וואס עס איז געווארען פון איהר! ניט נאר האט זי פון יודענטום געמאכט אן אנדער זאך, **נאר זי האט אפילו דעם צוועק פון געווינען מענשען אויך ניט ערדרייכט!**

ווארום מען דארף וויסען נאך א כלל, אז מען געווינט ניט קיין מענשען צו א רעליגיאן ווען זיי זעהען אז מען מאכט עס אזוי אום עס זאל זיי געפעלען ווערען. זיי קענען ניט האבען קיין דרך-ארץ פאר א אידישקייט וואס איז געמאכט "טו ארדער" פאר זיי. זיי פארשטעהען אז מען וויל זיי כאפען, און אז צוליב דעם כאפען פארשטעלט זיך דאס אידישקייט אין אזא פארם דורך וועלכען מען זאל זיי קענען ארייננארען. זיי קענען ניט האבען קיין דרך־ארץ פאר א יודענטום וואס מען ברייננגט זיי צום סווימינג פול, פאר אן אמונה וואס איז אויסגעמישט מיט פילקעס־ווארפען. זיי דערפיהלען מיט זייער געזונדען חוש אז מען גיט זיי דא ניט דאס יודענ־

טום ווי עס איז אין אמת'ן, נאָר אז דאָ האָט מען אויסגעמישט די ווײַן מיט אַ סך וואַסער, מען גיט זיי עפּעס א סאָרט ניער־ביער וועלכער איז גאָר ניט ווערטה.

מען קען ניט דאָס יודענטום — אַן אמונה וואָס האָט מלחמה געהאלטען מיט דער וועלט און האָט ניט געקענט בעזיעגט ווערען — איינוויקלען אין טענץ, אין ביידינג־סוטס, אין אַ רעסטאָראַן, אין סטרייק־רעדען אום דער עולם זאָל דאָס אראָבשלינגען און ניט פיהלען אַז דאָס איז אַן אמונה. אַ גלויבען ווערט ניט אריינגע'גנב'ט, ווערט ניט אריינגעשמוגעלט אונטער'ן צודעק פון עפּעס אַנדערש. א גלויבען געהט אָפען, מיט'ן קאָפּ אויפגעהויבען אין דער הויך, ציהט אריין ווי אַ זיעגער אין דער מענשליכער הארץ, און ניט דורך אַ הינטער־טיהר. אויב מען דאַרף אמונה פאַרדעקען, פאַרבעהאַלטען — איז עס ניט מעהר אמונה, איז עס ניט מעהר קיין הייליגע זאַך. דער פּלאַן פון צענטער איז אריינצושמוגלען אידישקייט אונטער כל'ערליי געזעלשאפטליכע זאכען, אזוי ווי קאָנטראַבאַנד, אום די וואָס ווילען ניט קיין אמונה, די וואָס ווילען ניט דאָס יודענטום זאָלען קריגען אין סענטער אַלעס וואָס זייער הארץ גלוסט און ניט־וויסענדיגערהייד וועט מען זיי ארייננאַרען. דאָס איז ניט געווען קיינמאָל דער וועג פון אַ גלויבען און דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין. יודענטום איז קיינמאָל ניט געווען קיין קלוב און וועט קיינמאָל קיין קלוב ניט ווערען. אויב מען מישט אוים קלוב מיט דער תורה, וועט דאָרטען פון דער תורה גאָרניט ווערען. דער קלוב וועט ניט ווערען הייליג אז מען פיהרט דאָרטען א שוהל אריין, נאָר די שוהל ווערט אוים שוהל ווען זי קומט אין קלוב אריין, אין סענטער אריין. זי ווערט וואָכעדיג, זי ווערט פאַרשוועכט, זי ווערט ערניעדריגט.

אידען האָבען קיינמאָל ניט געמישט וואָכעדיגקייט מיט הייליגקייט. ביי אונז איז אַ שאַרפע אבטהיילונג פון ביידע: ״המבדיל בין קודש לחול״. א שוהל וואָס איז ביים קלוב, ביים סווימינג פּול, איז קיין שוהל ניט; עס איז א חלול־הקודש און רייסט־אַרונטער דעם רעספּעקט ביי די יונגענד פאַר'ן גלויבען. עס פאַרניכטעט ביי איהם דעם לעצטען סימן פון רעליגיעזע שטימונג, ווייל עס געפינט זיך אין דעמזעלבען אָרט וואו ער געהט זוכען פּלעזשור, וואָכעדיגע פּלעזשור; עס ברייננגט אַרונטער אין זיין בעגריף די רעליגיאָן צו א ניעד־

ריגען צושטאַנד פון געזעלשאַפטליכע פּלעזשור. די רעליגיאָן, אָנשטאָט צו זיין די געטליכע הערשעריז, ווערט זי ביי איהם
זיין בעדיענעריז וואָס איז געשאַפען געוואָרען איהם צו פאַר־
שאַפען א געוויסען פערגעניגען צווישען אַנדערע פערגעני־
גענס וואָס ער האָט. און ווען א רעליגיאָן זינקט אראָב צו
אַזאַ צושטאַנד איז זי מעהר קיין רעליגיאָן ניט. אן אמונה,
א תורה איז: אָדער זי איז פאַר'ן מענשען העכער איבער
אַלעם, אָדער זי איז גאָרניט.

און זאָל מען ניט ברייינגען דעם פאַלשען ביישפּיעל פון
דעם בית־המדרש וואו אידען פּלעגען פאַרברייינגען אין שמור־
עסען. אין בית-המדרש איז מען געקומען פול מיט קדושה;
מען איז געקומען דאַווענען; מען האָט דאָרטען כסדר געדאַ־
ווענט; מען איז אַהין געקומען לערנען; מען האָט דאָרטען
כסדר געלערנט. נאָר אין דער דאָזיגער אַטמאָספערע פון
קדושה, פון פּאָעטישע בעגייסטערונג פאַר אַלעם וואָס איז
הייליג האָט מען מיטגעבראַכט א ביסעל וואָכעדיגקייט פון
גאַס. איז דער רעזולטאַט געווען אז דאָס קליינע ביסעל וואָ־
כעדיגקייט איז געוואָרען הייליג אין די גרויסע סך קדושה
וואָס עס האָט געהערשט אַרום און אַרום — אויפ'ן חסידישען
לשון וואָלט עס געהייסען: דער בית־המדרש האָט מעלה
געווען דעם שמועס, דער טפל איז בטל געוואָרען אין דעם
עיקר וואָס איז געווען אמונה און תורה, קדושה און התלהבות.
אין אַצענטער פונקט קאַפויר. דאָ איז אַלעם וואָכעדיג,
די אַטמאָספערע איז פון א קלוב, די מענשען קומען ניט אין
א שטימונג מיט וועלכער מען קומט אין א פּלאַץ פון קדושה;
מען קומט ווי מען קומט אין א רעסטאָראַן, א טאַנץ־האָל,
א. ז. וו. און אַהער ציהט מען אריין די שוהל. עס איז
זעלבסטפערשטענדליך אז זי ווערט פארשוועכט אין דער אַל־
געמיינער אַטמאָספערע; זי ווערט דער טפל וואָס ווערט
בטל פאַר דעם עיקר, פאַר די וואָכעדיגקייט; זי ווערט א
"נאָמבער" פון "סאָשיאַל ענטערטיינמענט" און ווערט גאָר־
ניט! דער תלמוד זאָגט, אז מען טרעפט דעם יצר־הרע דאַרף
מען איהם אַריינשלעפען אין בית־המדרש. דאָס איז פאַר־
שטענדליך. אין בית־המדרש ווערט ער בטל, אָבער שלעפען
דעם בית־המדרש צום יצר־הרע ווערט דער בית־המדרש בטל.
דער צענטער ברייינגט ניט דעם יצר־הרע, ריידענדיג אויף
מליצה־לשון, אין בית־המדרש, נאָר דעם בית־המדרש צום
יצר־הרע.

מאַכט ניט קיין אַנדער יודענטום פאַר אייערע קינדער

עס שיינט, אַז איך האָב אין די לעצטע קאַפּיטלען אָנגעריהרט א ווערהטאַגדיגען פּונקט אין אַמעריקאַנער יודענטום, וואָרום עס איז מיר אין די לעצטע פאַר טעג פיעל מאָל געשטעלט געוואָרען די פראַגע: אָבער אום גאָטעס ווילען, די קינדער ווילען דאָך ניט איבערנעהמען א יודענטום מיט אַלעם וואָס מיר האָבען אונטער דעם פאַרשטאַנען אין דער אַלטער היים! זיי זיינען דאָך אַנדערע מענשען, אויפגעבראַכט געוואָרען אין אַן אַנדער סקול, מוז מען דאָך מיט זיי האַנדלען לויט זייער באַגריף, וואָרים אויב ניט, וועלען זיי דאָך ניט וועלען הערען פון קיין זאַך!

און נאָך א טענה איז געקומען: אויב מיר וועלען אָנציהען די סטרונע צו שטאַרק, וועט דאָך עס פּלאַצען. איז ניט גלייכער צו פאָדערען וויינ׳גער, אום מען זאָל קענען ביי אונזערע קינדער פועל׳ן עטוואָס, איידער פאָדערען דאָס גאַנצע און פועל׳ן גאָר ניט?!

און א דריטע טענה איז געקומען: אונזערע קינדער טרעטען מיט די פיס גרויסע זאַכען; זיי עסען ווען זיי זיינען אין די ביזנעס געגענדען טרפות און טהוען עהנליכע זאַכען, און איהר ווילט אַז זיי זאָלען דוקא געהן אין א שוהל, וואו מענער און פרויען זיינען באַזונדער און איהר האָט מורא, אַז זייער קדושה—די "קדושה" פון אונזערע קינדער—זאָל פסול ווערען דערפאַר, וואָס די שוהל איז מיט א סווימינג פול צוזאַמען! זאָלען זיי כאָטש געהן אין אַזאַ שוהל, וואו מענער און ווייבער געהען צוזאַמען און וואו א סווימינג פול איז פאַראַן. עס איז אַזוי ווי אַ שרפה: וואָס מען קען כאַפּט מען אַרויס, לו ישמעאל יחיה לפנך, לאָמיר קריגען וויפיעל מיר קענען פון יונגען דור און ניט איבערקלעהרען, ווייל מיר האָבען קיין אַנדער ברירה.

איך ווייס, אַז עס איז שווער צו איבערצייגען אימיצען אין אַזעלכע טעות׳ן, וואָס זיינען אַריין אין פלייש

און בלוט פון מענשען, וואָס איז אריינגעדרונגען אין מאַרך פון די ביינער. טעות'ן פון רבים איז שווער ארויסצורייסען און אפילו אז מען זאָל באַווייזען אַזוי ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער זייער ניט־ריכטיגקייט, וועט עס ניט העלפען. און דער טעות פון פיקסען דאָס יודענטום און מאַכען עס אַזוי אַז אונזערע קינדער זאָלען עס וועלען אַקצעפּטירען, איז אַריינגעגעסען אין דער נשמה פון די אַמעריקאַנער אידען, אפילו ביי אַזוי גערופענע אָרטאָדאָקסען, אַז דאָס איז געוואָרען אַ טהייל פון זייער לעבען. און וואָס איהר זאָלט ניט זאָגען, און ווי איהר זאָלט ניט באַווייזען, קען עס ניט אויסוואָרצלען פון דעם מח פון דעם געוועהנליכען אידען אין אַמעריקא די הנחה אַז מען דאַרף געווינען די קינדער דורך דעם וואָס מען וועט זיי געבען אַזאַ סאָרט יודענטום, וואָס זיי קענען פאַרדייהען, און פונקט אַזוי שטאַרק איז איינגעפעסטיגט ביים עולם די איבערצייגונג, אַז וואָס ווייניגער מיר וועלען פאַרלאַנגען פון אונזערע קינדער, אַלץ מעהר טובה וועלען מיר טהאָן דערמיט דאָס יודענטום, ווייל מיר וועלען דערמיט קריגען צווישען זיי מעהר בעלנים אויף אידישקייט.

אַבער מעגען די טעות'ן זיין ווי שטאַרק איינגעגעסען, מעגען די ניט־ריכטיגע מיינונגען זיין ווי פאַרשפּרייט, מעגען מענשען זיין אַזוי בלינד וויפיעל זיי ווילען—דער אמת ווערט דערפון ניט אַנדערש. און פאַרקעהרט: וואָס מעהר אַ טעות איז שטאַרק, אַלץ גרעסער איז די פליכט דעם אמת צו באַווייזען. צוברעכען געצען איז אַן אַלטע מצוה און דער פּלאַן פון מאַכען איין אמונה פאר זיך און א צווייטע פאר די קינדער, צוגעפּאַסט פאר זיי, איז א געץ, אַן עגל אין דעם אידישען לאַגער, וואָס פיהרט אַוועק מענשען פון יודענטום, און ער מוז צובראָכען ווערען, אַמוויינינגסטענס מוז אָנגעוויזען ווערען, אַז דאָס איז אַ געץ!

זייט די וועלט שטעהט, איז נאָך ניט געווען אַזאַ ווילדע ערשיינונג, אַז טאַטעס זאָלען האָבען איין אמונה פאַר זיך און אַ צווייטע פאַר זייערע קינדער! מען האָט ניט און מען קען ניט האָבען קיין אמונה פאַר אַ צווייטען. אַן אמונה האָט מען פאַר זיך, פאַר'ן אייגענעם האַרצען, פאַר דער אייגענער נשמה און מען קען דאַרום ניט קומען צו אימיצען און זאָגען: איך האָב פאַר ד י ר אַזאַ און אַזאַ סאָרט אמונה, וואָס פּאַסט זיך פאַר דיר, ווערהענד איך פאַר מיר האָב מיר

אן אנדערע. דאס איז אן אבסורד! עס איז א משוגעת שוין פון דעם שטאנדפונקט פון לאגיק אליין. ווייל דער, וואס מען טראגט איהם צו אזא סארט אמונה, וואס איז צוגעפאסט פאר איהם, ווערענד דער וואס גיט עס איהם, האט אליין אן אנדער אמונה, האט א רעכט צו פרעגען: וואס באזארגסטו מיר מיט אן אמונה, וואס איז ניט דיינע?! דו דארפסט פ א ר מ י ר קיין גלויבען ניט שאפען און דו קענסט מיר ניט געבען א זאך, וואס איז ניט דאס וואס דו אליין גלויבסט. פאר זיך גלויבסטו אנדערש און פאר מיר גלויבסטו אנדערש. איך בין דיר מוחל דו זאלסט פאר מיר אין גאנצען גלויבען. פאר יענעם דארפסטו קיין אמונה ניט שאפען, סיידען אז עס איז דיינע, אז דו אליין גלויבסט ווי דו ווילסט אז איך זאל גלויבען.

דערפאר האט זיך שטענדיג געפיהרט די וועלט, אז די טאטעס האבען געהאט בלויז איין אמונה פאר זיך און פאר זייערע קינדער. זיי האבען געהאט די אמונה פאר זיך און זיי האבען געוואלט, אז די קינדער זאלען טהאן דאס זעלבע, וואס זיי טהוען. און ווייל זיי האבען בלויז געהאט איין אמונה און האבען עס איבערגעגעבען אזוי ווי זי איז צו זייערע קינדער, האבען זיי געהאט איינפלוס אויף די קינדער. די קינדער האבען געזעהן, אז די טאטעס זיינען עהרליכע, גאנצע מענשען, אז זיי האבען ניט צוויי מאסען, צוויי וואגען, צוויי אמת'ן, צוויי גלויבענס—איינעם פאר זיך און א צווייטען פאר די קינדער, און זיי האבען זיך געלאזט בעאיינפלוסען. א טאטע, אבער, וואס דענקט אליין אנדערש, נאר פאר די קינדער וויל ער מאכען קאמפראמיסען און ארונטערלאזען פון פרייז, ווערט ביי די קינדער פאררעכענט פאר א ניט־רעעלען מענשען. אויב א גלויבען קען זיין פאר א טאטען אזוי און פאר דעם זוהן אזוי, איז א סימן, אז דאס איז קיין גלויבען ניט, איז א סימן, אז דער טאטע גלויבט אין זיין אמונה אויך ניט. ווארים אויב יא, וואלט ער זי ניט געקענט אנדערש מאכען פאר'ן זוהן.

מאכט ניט קיין יודענטום ספעציעל פאר אייערע קינדער! ווייל דערמיט נעהמט איהר אוועק דעם לעצטען שאנס זיי פאר אידען צו מאכען. זייט ניט פאר זיי קיין געזעצגעבער, ווייל זיי ווילען ניט איהר זאלט זיי געבען אזא יודענטום, פון וועלכען איהר האלט ניט אליין, נאר איהר רעכענט, אז

עס וועט זיין גוט גענוג פאר אזעלכע "גוים" ווי זיי זיינען! זייט אידען לויט אייער אייגענער אידישקייט און פאדערט פון די קינדער זיי זאלען אננעהמען אייער אידישקייט און איהר האט מעהר שאנסען אז די קינדער, וואס זעהען אין אייך נאר איין יודענטום פאר זיך און פאר זיי, זאלען אננעהמען אייער אידישקייט ווי זיי זאלען פון אייערע הענד נעהמען א מין יודענטום, פון וועלכען איהר אליין האלט ניט, נאר איהר שניידט עס צו פאר זיי—א פאלשע סחורה, אן ערזאץ־יודענטום, א "סאבסטיטוט".

און די ערפאהרונגען אין אמעריקא האבען שוין געוויזען, אז דאס ביסעל יודענטום וואס מיר האבען דא אין אמעריקא צווישען דעם היגען אויפגעהאדעוועטען דור קומט נ י ט פון די, וואס האבען געוואלט באזארגען די יוגענד מיט א יודענטום לויט איהר געשמאק, נאר בלויז פון די טאטעס וואס האבען ניט געמאכט קיין קאמפראמיסען, האבען ניט געהאט פאר זיך א באזונדער תורה און פאר די קינדער א באזונדערע; ניט פון די, וואס מאבען א אידישקייט פאר קינדער אנדערש ווי די אידישקייט פאר די טאטעס, ווי עס ווילען די וואס שטעהען ארום די סענטערס. עס זיינען ארויסגעקומען יונגע לייט וואס האלטען זיך ביי אידישקייט נאר פון די, וואס האבען געפיהרט די קינדער אין זייערע שוהלען, די שוהלען פון די טאטעס, האבען מיט זיי געדאווענט אין זייער סידור און האבען זיי געזוכט צו ערציהען אין זייער אלטער אידישקייט, אהן ספעקולאציאנען ווי אזוי מען דארף עס איבערגעבען אום צו געפעלען ווערען די קינדער. א באווייז דערצו איז די „יאנג איזראעל", וועלכע שטאמען אלע פון ארטאדאקסישע עלטערען. וואס מעהר דער טאטע איז ג א נ ץ און מאכט ניט קיין "ביזנעס" מיט זיין אידישקייט צו זאגען צו זיין זוהן: "פאר מיר וויל איך א יודענטום אט אזוי ווייט, אבער פאר דיר, אמעריקאנער זוהן מיינער, איז גענוג א יודענטום, וואס זאל געהן מעהר ניט ביז דאנען", איז אלץ בעסער.

איין גאט, איין תורה, איין שול פאר טאטען און זוהן.

עס איז פאלש, אז די קינדער ווילען ניט הערען פון א יודענטום, וואס איז ניט צוגעשניטען לויט זייער מאס. פונקט פארקעהרט! אויב דער טאטע ענדערט די אידישקייט לויט די השגות פון די קינדער, פארניכטעט ער דערמיט זיין אוי־

טאריטעט אין די אויגען פון קינד, און אלעס וואס איז פאר-
בונדען מיט דעם פאטער און מיט דאס יודענטום, זינקט צו
דער נידריגסטער מדרגה אין די אויגען פון זוהן. עס איז
אין גאנצען פאלש, אז די קינדער פון אמעריקא ווילען אי־
דישקייט שותפות מיט א סווימינג פול. דער גאנצער באגריף
איז אן אויסגעטראכטער אויף דעם חשבון פון די קינדער. די
קינדער, וואס מען האט ערצויגען אין אידישקייט, מען האט
מיט זיי געלערענט, און דער טאטע האט געלעבט ווי א איד,
און די הויז איז געווען א אידישע, האבען די קינדער ליעב־
שאפט און רעספעקט פאר אידישקייט אהן א סווימינג פול.
און די וואס מען האט ניט ערצויגען אין א אידישער אט־
מאספערע, די וואס האבען ניט געלערענט און האבען קיין
ריכטיגען יודענטום אין די אויגען ניט געזעהן, ווילען א סווי־
מינג פול אהן אידישקייט! און איהר מעגט מבזה זיין דאס
יודענטום וויפיעל איהר ווילט, איהר מעגט עס שלעפען צו
זיי אין דזשימנייזיום און וואו איהר ווילט, וועלען אזעלכע
אמעריקאנער יונגע לייט דערפון צו אידישקייט ניט קומען.
דער גאנצער אויפטהו קומט ניט פון אמעריקאנער יונגען אי־
דישען דור, נאר פון די טאטעס, וואס האבען זייערע קינדער
ניט אויפגעצויגען ווי עס דארף זיין אין אידישקייט און ווי־
לען ניט מודה זיין, אז די שולד איז זייערע. ווארפען זיי עס
אויף די אמעריקאנער קינדער, אז זיי פאדערען עס כלומר'שט
אן אנדער אידישקייט!

„שווער“ איז גרינג און „גרינג“ איז שווער

איך וויל יעצט צוגעהן צו דעם הויפּט־פּונקט אויף וועל־כען עס שטעלען זיך די אלע וואָס ווילען מאכען ענדערונגען "פאר די קינדער'ס וועגען". די וואָס ווילען "גרינגער" מאַ־כען דאָס יודענטום פאר'ן יונגען דור. איך וויל צוגעהן צו דעם ווינקעלשטיין אויף וועלכען עס איז געבויט די גאַנצע צענטער־פילאָזאָפיע און די גאַנצע וואָרפענדע, שפּרינגענדע, שווימענדע און טאַנצענדע "אידישקייט". זייער שטאַרקס־טער, ווי זיי מיינען, אַרגומענט איז דער, וועלכען איך האָב אנגעגעבען אין זייער נאָמען אין פאַריגען קאַפּיטעל: אויב מיר וועלען אָנציהען די סטרונע, מיט אונזערע קינדער, צו־שטאַרק — וועט עס פּלאַצען! ווען מען זאָל פון זיי פערלאַנ־גען צופיעל, וועלען זיי ניט וועלען אָננעהמען קיין זאַך. בע־סער פאָדערען ווייניגער אום צו קריגען עטוואָס.

איידער איך וועל נעהמען אַנאַליזירען די דאָזיגע טענה און אויפווייזען איהר לעדיגקייט און איהר ווערטהלאָזיגקייט און איהר ניט־ריכטיגקייט פון אָנהויב ביז'ן סוף, וויל איך מאַכען א בעמערקונג אז די מעהרסטע פון די וואָס גיבען אזא טענה נאַרען זיך אליין אָפּ ווען זיי בעהאלטען זייערע אייגע־נע געדאנקען אונטער דעם אויסרייד אז זייערע קינדער דיינ־קען אזוי. עס האנדעלט זיך דאָ וועגען עלטערען וואָס פאַר־מאַסקירען ניט־ווילענדיג זייער אייגענע שוואכקייט אין יודענטום מיט א כלומר'שטדיגע טענה וואָס עס קומט פון די קינדער, ווערהענד אין אמת'ן קומט עס פון זיי אליין. די מעהרסטע פון די "זאָרגער" פאר זייערע קינדער ווילען ניט "גרינגער" מאכען פאר די קינדער נאָר פאר זיך אליין, אָבער עס איז בעקוועמער, איבערהויפּט ווען מען שפּיעלט די ראָלע פון אַן אָרטאָדאָקס, צו זאָגען: וואָס קען איך מאַכען? מען מוז דאָך די קינדער נאָכגעבען. די טאַטעס וואָס האָבען נאָכ־אַנאַנד מורא, טאָמער "ציהען זיי איבער די סטרונע" זיינען שוין אַליין ווייט פון דער "סטרונע", זיי שעהמען זיך שוין אַליין מיט זייער אלטען יודענטום, ווארום אויב ניט, וואָלט זיי גאָר ניט איינגעפאלען אז אויב מען וויל די קינדער זאָ־

לען זיין פולע אידען הייסט עס "איבערגעצויגען די סטרונע". דער וואס איז אן ארטאדאקסישער איד אין אמת'ן האט קיינמאל ניט מורא טאמער פאדערט ער צופיעל פון זיינע קינדער. דער וואס האט אלץ מורא, טאמער וועט די קינדער דאס ניט געפעלען ווערען, אדער יענעם ניט געפעלען ווערען, זאלט איהר שטענדיג חושד זיין אז דאס אדער יענעס איז איהם אליין ניט געפעלען, און דערפאר רעכענט ער אז עס וועט זיינע קינדער ניט געפעלען ווערען...

עס ליעגט פאר מיר א בריעף פון א אידען וואס שיינט צו זיין א תלמיד חכם און ער ריהרט אן די פראגע פון מענער און פרויען צוזאמען אין א שול. און ער זאגט אז מען קען ניט זאגען צו א טאכטער פון האי־סקול שבת און יום טוב: דו און די מאמע קענען ניט זיין צוזאמען מיט מיר און דיין ברודער אין שוהל. "די יונגע קינדער פארשטעהען דאס ניט און בעגרייפען ניט". הייסט דאך עס אז ער אליין ווייס און פיהלט אז מענער און פרויען דארפען דאווגען בעזונדער, נאר ער מוז איינגעהן אויף דאוונען צוזאמען לשם די קינדער. גלייך אבער אין דער נעקסטער שורה שרייבט ער: "וואו האבען עס אונזערע קדמונים גענומען, וועלכע אויטאריטי האט זיי געגעבען דאס רעכט צו מאכען פון דער אידישער פרוי א ניעדריגע בעשעפעניש?" אלזא, אט דאס איז דער סוד: ניט זיין טאכטער "פון האי־סקול" טענה'ט עס אז זי וויל דווקא דאוונען צוזאמען מיט די מענער, נאר ער טענה'ט עס פאר איהר, אדער ריכטיגער פאר זיך. ניט זי האט א קריוודע אויף די אידישע קדמונים, נאר ער האט די קריוודע, און האבענדיג די קריוודע שעהמט ער זיך מיט זיין אידישקייט פאר דער טאכטער "פון האי סקול" און ער זוכט ביי איהר מוצא־חן זיין דערמיט וואס ער וועט איהר צייגען אז ער איז א פראגרעסיווער מענש. ניט זי פערלאנגט פון איהם ער זאל איבערמאכען דעם יודענטום פאר איהר, נאר דאס מאכט ער איבער זיין יודענטום אליין, אונטער דעם אויסרייד אז ער טהוט עס צוליעב איהר, ווייל אנדערש וועט זי ניט וועלען.

זאל מען זיין עהרליך און אפען: די שוהלען ווערען געענדערט ניט ווייל די קינדער ווילען אזוי, נאר ווייל די טאטעס ווילען אזוי. דאס אלטע אידישע ווערט "איבערגעפיקסט" און איבערגעמאכט אין א גאנץ אנדער זאך ניט ווייל

די קינדער פערלאַנגען עס, נאָר ווייל די טאַטעס ווילען עס. דאָס יודענטום אין זיין ריכטיגען קאָליר געפעלט ניט די טאַטעס און אונטער דעם תירוץ פון די קינדער געהען זיי דערפון מאַכען דאָס וואָס זיי מאַכען. ניט צוליב קינדער מאַכט מען סענטערס, מיט סווימינג־פולס, מיט קלאַרענס דאַרראָו דרשות, נאָר ווייל די טאַטעס ווילען אַליין אוועק פון דאָס טראַדיציאָנעלע יודענטום און זיי בעהאַלטען זיך עס צו טאָן הינטער די רוקענס פון זייערע קינדער.

דאָס איז פאַראַן צו זאָגען אין בעצוג צו דער מאַיאָריטעט פון די וואָס ווילען ענדערען. אָבער עס איז אויך פאַראַן אַזעלכע וואָס גלויבען ווירקליך אין דעם פּרינציפּ אַז מען דאַרף ניט "איבערציהען די סטרונע, טאָמער וועט עס פּלאַצען". זיי גלויבען אין אמת'ן אַז מען מוז מאַכען אַנדערש דאָס אידישקייט פאַר די קינדער, ווייל דערמיט האָט מען מעהר שאַנסען צו האַלטען כאָטש עטוואָס ביי אידישקייט און פאַר זיי איז נויטיג צו מאַכען אַ גרינדליכע אונטערזוכונג פון דעם דאָזיגען אַרגומענט, הינטער וועלכען עס שיצען זיך אַלע וואָס ווילען מאַכען פון אידישקייט אַ "גאַנגבאַרע סחורה" צווישען די קינדער.

קודם־כל איז די טענה אַז מען טאָר ניט צופיעל פערלאַנגען אין גאַנצען אַ פאַלשע און זי האָט ניט קיין ממשות. עס איז ניטאָ אין אמונה צופיעל. פאַר דעם וואָס וויל אידישקייט איז קיין זאַך ניט צופיעל. זאָלען עס איינמאָל פאַר אַלע מאָל אריינעהמען אין זינען די אַלע וואָס ווילען ביליגער מאַכען דאָס יודענטום מיט דער האָפנונג אַז עס וועט זיי געלינגען דורכדעם צו קריגען מעהר בעלנים. פאַר דעם וואָס האַלט פון רעליגיאָן, איז אין דעם ערצוויגען געוואָרען. פיהלט עס און לעבט דערמיט, זעהט ניט אויס קיין זאַך צופיעל און צו שווער; און אויב ער טהוט ניט אַלץ וואָס ער ווייס אַז ער דאַרף טאָן, האָט ער דערפון צער. אָדער ער זוכט צו פאַרענטפערען זיך אַליין אַז ער קען עס ניט, אָבער ער בעטראַכט קיינמאָל ניט אַז די שולד איז אין דער רעליגיאָן וואָס זי פערלאַנגט צופיעל.

אויב אָבער עס האַנדעלט זיך וועגען אימעצען וואָס האַלט ניט פון רעליגיאָן און היט ניט, איז ביי איהם דאָס קלענסטע ביסעל אויך "צופיעל". און וויפיעל איהר זאָלט איהם ניט אַראָבלאָזען פון פּרייז, ווי ווייניג איהר וועט פון איהם פערלאַנגען צו היטען און האַלטען און שעצען — וועט

ער עס אַלץ האַלטען פאַר "צופיעל" און פאַר איבריג. ביי דעם וואָס געהט איינמאָל אין יאָהר אין שוהל, אום יום־כפור, איז עס איהם פיעל שווערער צו טאָן ווי דעם אָרטאָדאָקסישען אידען צו געהן אין שוהל דריי מאָל אין טאָג. עס איז ביי איהם א גרויסע לאַסט, דערפאַר טאַקע ווייל עס איז אזוי גרינג ביי איהם צו זיין אַ איד, און ווייל עס איז אזוי גרינג איז עס דארום אזוי שווער. איך וויל אַז מען זאָל א ביסעל זיך פאַרטראַכטען ווענען די דאָזיגע ווערטער וועלכע זעהען אויס צו זיין א פאַראַדאָקס, זיינען אָבער נאָר אַן ערקלעהרונג פון פאַקטען וואָס עס זעהט יעדער וואָס האָט אָפענע אויגען.

שווערקייט און גרינגקייט ווענדעט זיך ניט נאָר אַן דער קוואַנטיטעט פון דער משא, נאָר אויך אין דעם כח פון דעם וואָס טראָגט עס. א גרעסערע משא איז ביי א בעל־כח גרינגער צו טראָגען ווי אַ קלענערע משא ביי א שוואַכען מענשען. ביי אידען וואָס לעבען לויט פולען יודענטום איז דער כח פיעל גרעסער ווי ביי די וואָס זיינען ווייט פון אידישקייט. צו קומען יום־כפור אויף דריי שעה אין שוהל איז אזא מורא׳־דיגע משא פאר אַ אידען וואָס דאָס יודענטום איז ביי איהם קליין און גרינג, אז דאָס איז ביי איהם א זעהר גרויסע אָב־קומעניש און ער ליידט ווירקליך דערפון מעהר ווי עס ליידט אַן אָרטאָדאָקסישער איד פון אַלע תרי"ג מצוות. עס איז אַ פעסטער כלל אז וואָס וויניגער אַ איד טראָגט פון יודענטום, אַלץ מעהר איז דאָס יודענטום ביי איהם אַ לאַסט, אַלץ מעהר דריקט עס איהם און ער וויל דערפון אנטלויפען. איך האָב שוין געזאָגט אין אַן אנדער אָרט, אז דער וואָס עס איז ביי איהם געבליבען בלויז דער נאָמען "איד" קרעכצט אונטער דער דאָזיגער לאַסט, וועהרענד דער וואָס שטעהט־אויף אַלע נאַכט צו חצות פיהלט אז זיין אידישקייט איז ביי איהם זעהר גרינג. א סימן איז, אַז צווישען די וואָס האָבען אזא לייכטע אידישקייט ווי נאָר דעם נאָמען "איד" צו טראָגען, זיינען פאַראַן מעהר בעלנים צו שמד'ן זיך און פטור ווערען פון זייער "יאָך" ווי עס איז פאַראַן בעלנים פאר שמד צווישען די וואָס טראָגען די געוואַלדיגע משא פון אויפשטעהן אַלע נאַכט צו חצות... ווען אַ איד האַלט דערביי אז פון אידישקייט איז איהם בלויז א נאָמען געבליבען, פיהלט ער ווי "צופיעל" עס איז איהם זיין יודענטום, ווי "אָנגעצויגען עס איז איהם די סטרונע". דאַגעגען, וואָס מעהר א איד האָט פפליכטען און היט זיי, אַלץ לייכטער איז עס פאַר איהם א איד צו זיין, אַלץ

וויינינער פיהלט ער אז זיין "אידישע סטרונע" איז אנגע־צויגען. צו זיין א איד דורך דזשימנייזיום און סווימינג־פולס איז פיעל שווערער ווי צו זיין א איד דורך א שוהל פון דאוו־נען און לערנען און תהלים זאגען.

און דערפאר איז דאך פון רעפארם גאר ניט געווארען. זיי האבען אזוי גרינג געמאכט דאס אידישקייט, ביז עס איז געווארען אונערטרעגליך שווער פאר זיי אידען צו בלייבען און זיי אנטלויפען אין "קריסטשען סייענס" און אין "דזשו־איש סייענס" און אין אנדערע סארטען שמד. צו טראגען א גרינגע אידישקייט דארף מען האבען אייזערנע כחות — אזוי שווער איז עס! און עס געפינען זיך דארום אזוי פיעל צווישען די גרינגע־אידען וואס קענען עס מעהר ניט אויס־האלטען און אנטלויפען דורך געמישטע הייראטען און אנדע־רע מיטלען, ווייל רעליגיאן איז ניט קיין "מציאה" וואס מען קויפט עס ווייל עס איז ביליג. פאר ווענמען עס איז ווערטה, איז עס ווערטה אלעס, ווייל דאס איז דער אמת, דאס איז דער העכסטער אידעאל און קיין פרייז איז דערפאר ניט טייער. פאר ווענמען דאס איז ניט ווערטה, איז עס גאר ניט ווערטה, ניט אפילו די מינדעסטע אנשטריינגונג. וואס קלענער עס איז דאס ביסעל אידישקייט וואס איהר גיט אייער זוהן און טאכטער, אלץ וויינינער זיינען די שאנסען אז זיי וועלען אפילו דאס ביסעל האלטען. וואס מעהר איהר גיט זיי, אלץ זיכערער קענען זיין אייערע ערווארטונגען אז זיי וועלען עס האבען, ווייל וואס וויינינער איהר גיט זיי, אלץ שווערער איז עס פאר זיי, און וואס מעהר איהר גיט זיי, אלץ גרינגער איז עס פאר זיי צו היטען און צו האלטען.

דער יחיד און דער צבור

איך קום יעצט צו דער דריטער טענה פון די וואָס ווילען מאַכען דאָס יודענטהום "צוליעב די קינדער וועגען". זיי וואונדערן זיך ווען מען זאָגט זיי, אַז זיי טהוען קרום און זיי ענטפּערען: וואָלטען אונזערע קינדער געווען צדיקים און וואָלטען געהיט אַלע וויכטיגע זאַכען אמווייניגסטענס, דאַן וואָלטען די רייד פון די וואָס זיינען געגען ענדערונגען פיעלייכט געהאַט אַ ממשות, מען מאַכט קאַליע אונזערע קינדער. אָבער, מישטעהנס געזאָגט! וואָס עס איז דאָ פאַראַן ביי אונזערע קינדער קאַליע צו מאַכען?! יענע טרעטען מיט די פיס עיקרים: היטען ניט קיין שבת און עסען טרפות, ווען עס קומט זיי אויס, און פאַר אַזעלכע האָט מען עס מורא אַז עס זאָלען, חלילה, ניט דאַוונען מענער און פרויען צוזאַמען! פאַר אַזעלכע האָט מען עס מורא טאַמער וועט מען פאַר זיי אויסמישען די שוהל מיט אַ סווימינג־פּול!! די אַמעריקאַנער מר־בר־רבי־אשי'ס! פאַר זיי מוז עס זיין אַ הונדערט פּראָצענטיגער יודענטהום?

אום צו צייגען ווי גרונדלאָז דיעזע טענה איז, ווי זי האָט ניט קיין אינהאַלט און אַנהאַלט, וועלען מיר מוזען עטוואָס טיעפער אריינבליקען אין דער פראַגע: וואָס איז דער אונטערשיד ווען אַן איינצעלנער מענש טהוט אַ זאַך וואָס מען דאַרף ניט און ווען אַ כלל, אַ געמיינדע טהוט אַ זאַך, וואָס מען דאַרף ניט. מיר וועלען דאַרפען אויף אַ ווײַלע זיך אָפּשטעלען אויף דעם אונטערשיעד פון ניט היטען אַ געוויסע זאַך פון אַ רעליגיאָן און פון ענדערען די רעליגיאָן, זיי זיינען אַזוי ווייט איינע פון די אַנדערע ווי מזרח איז פון מערב. ווען מיר וועלען גוט דורכנעהמען אָט דעם איידעלען פונקט ערשטענס, פון צבור און יחיד און דאַן פון עובר זיין אויף דער תורה און ביטען די תורה, וועלען מיר קענען פאַרענטפערען קלאָהר די פראַגע וועלכע עס ווערט פאַרהאַנדעלט אין דיזען קאַפּיטעל.

דער איינצעלנער מענש וואָס היט ניט אַ געזעץ, טהוט דעם געזעץ אַליין קיין רעה ניט. דאָס הייסט, ער וואַרפט דעם

געזעץ ניט אום, ער רייסט איהם ניט ארויס פון דעם ווארצעל און ער פארניכטעט איהם ניט. דער געזעץ בלייבט געזעץ פאר דער געזעלשאפט און ער, דער איינצעלנער מענש, וואס היט איהם ניט, האט בלויז זיך ארויסגע׳גנב׳עט פון געזעץ, האט איהם אויסגעמידען, מיט אנדערע ווערטער: ער איז פון דעם געזעץ אנטלאפען, לאזענדיג דעם געזעץ שטעהן אויף זיין ארט. ער האט דעם געזעץ געבראכען, אבער נאר פאר זיך ניט פאר דער געזעלשאפט, ניט פאר דער וועלט. ער האט פון זיין זייט גאר ניט געטאהן, אום דאס געזעץ צו צושטערען פאר אנדערע. אדרבה, ער לאזט אנדערע זאלען איהם היטען וויפיעל זיי ווילען, ער וויל בלויז זיך אליין ארויסדרעהען פון דער פליכט, אבער ער וויל ניט אז די פפליכט זאל אין גאנצען אבגעשאפט ווערען און זאל ניט עקזיסטירען פאר קיינעם.

נאכמעהר: אפילו פאר זיך אליין וויל דער איינצעלנער מענש, וואס היט ניט א געזעץ, ניט מבטל זיין דעם געזעץ. ער נעהמט אויף זיך קיין שבועה אז ער וועט שטענדיג ברעכען דעם געזעץ, אז ער וועט עס קיינמאל ניט פאלגען. ער טהוט עס נאר אויף א ווײלע בשעת ער קען זיך אליין ניט גובר זיין, ער טהוט עס אין א מאמענט פון שוואכקייט און עס איז ניט אויסגעשלאסען, אז מארגען, איבערמארגען, וועט ער דעמזעלבען געזעץ היטען. כל־זמן ער האט דעם געזעץ, אלס אזעלכען, ניט געריהרט פון ארט, קען ער נאך אליין זיך אומקעהרען איהם צו היטען.

אנדערש איז עס ווען א געמיינדע בעשליסט אבצושאפען א געזעץ. דאן ווערט געענדערט די גאנצע געזעלשאפט. דאן ווערט דער געזעץ ארויסגעריסען אין גאנצען מיט׳ן ווארצעל און עס איז שוין מעהר ניטא קיין האפנונג, אז מען זאל קורמען צו איהם צוריק. דאס הייסט ניט מעהר, אז מען האט ניט געהיט א געזעץ, אז מען איז פון איהם אוועק. נאר עס הייסט, אז מען האט דעם געזעץ געטויטעט און ער איז אויף אייביג פארלארען. א געמיינדע אז זי טהוט א זאך וואס איז געגען טראדיציאן, וואס איז געגען א רעליגיעזען אדער געזעלשאפטליכען געזעץ, איז ניט דאס זעלבע וואס א יחיד טהוט. עס האט א גאנץ אנדערע בעדייטונג אוןביידע זאכען קענען אונטער קיינע אומשטענדען גאר ניט פארגליכען ווערען.

לאמיר זיך אויף א ווײלע פארשטעלען, אז אין א געזעלשאפט זיינען פאראן דריי פראצענט גנבים. ווערט דערמיט

דאָס געזעץ פון ניט־גנב'ענען ניט בטל, עס ווערט ניט בטל אפילו אז עס זאָלען זיין צעהן פּראָצענט וואָס זיינען ניט מקפּיד אויף יענעמס פאַרמעגען און אפילו צוואַנציג, דרייסיג, פופציג און אפילו זיבעציג אָדער אכציג. דאָס וועט הייסען, אז עס איז אַ צולאָזענער דור, וואָס איז אַראָב פון דרך־הישר צוליעב געוויסע סבות אין א געוויסע צייט. אַזוי לאַנג ווי עס שטעהט אין געזעץ־בוך אַז מען טאָהר ניט גנב'נען, הייסט עס, אַז די געזעלשאַפט אין אַלגעמיין האָט ניט אָבגעשאַפט דעם פאַרבאָט אויף גנבה. דאָס קען הייסען, אַז ראובן און שמעון און לוי און יהודה און די מעהרסטע פון דער געזעלשאַפט ווערען נ כ ש ל אין גנבה, אָבער ניט אַז גנב'נען איז אַנערקענט געוואָרען אלס אַ גוטע און ריכטיגע זאַך. אַזוי לאַנג ווי די געזעלשאַפט האָט אַלס צבור ניט אָפּגעשאַפט דעם געזעץ געגען גנבה און האָט ניט גע'פּסקנ'ט אַז מיינע איז דיינע און דיינע איז מיינע, איז נאָך דער יסוד עהרליכקייט ניט פאַרלעצט געוואָרען.

יעצט לאָמיר נעהמען דעם ביישפּיעל פון טרפות. אויב ראובן און שמעון א. ז. וו. עסען טרפות איז עס געוויס אַ גרויסער ברוך אין דעם אידישען געזעץ, אין דער אידישער טראַדיציאָן, אָבער דער עצם ענין פון כשרות איז דורך דעם ניט אַרויסגעריסען געוואָרען פון זיין פּלאַץ. דאָס הייסט נאָר, אַז ראובן און שמעון א. ז. וו. זיינען נ כ ש ל געוואָרען אין אַ זאַך וואָס זיי האָבען ניט געדאַרפט טאָהן און אפילו זיי אַליין האָבען זיך נאָך אויך ניט אין גאַנצען לייז־געריסען פון כשרות אויף אייביג, זיי קענען היינט ברעכען דעם געזעץ און מאָרגען קענען זיי איהם האַלטען, זיי קענען אַמאָל אוועקגעהן פון דעם ריכטיגען וועג און אַמאָל צוקומען צוריק. אַנדערש איז אָבער ווען דיזעלבע ראובן'ס און שמעון'ס א. ז. וו. פאַרזאַמלען זיך אין זייער געמיינדע און מען בעשליסט אז מען זאָל אָבשאַפען כשרות, ווייל מען דאַרף דאָס ניט האָבען. דאַן איז דער ענין פון כשרות געטויטעט געוואָרען. כל־זמן דיזעלבע מענשען האָבען געבראָכען דאָס געזעץ פאַר זיך יעדער בעזונדער, אַלס איינצעלנער מענש, איז נאָך ניט אַלעס געווען פאַרלאָרען, אַזוי שנעל אָבער ווי מען האָט עס געמאַכט אָפּיציעל איז אַלעס פאַרלאָרען.

און דאָ קומט דער געוואַלדיגער אונטערשיעד פון עובר זיין אויף דער תורה און בייטען די תורה. איינצעלנע מענשען

וואס טוען אנדערש ווי די רעליגיאן פאדערט זיינען עובר אויף דער תורה וועלכע בלייבט אבער אליין גאנץ, ווען א צבור מאכט א געוויסע ענדערונג פארניכטען זיי די תורה אליין. אומבייטען די תורה אויף אן אנדערע איז א גאנץ אנדער זאך ווי עובר זיין. עס זיינען פאראן פארשיע־דענע צייטען אין דער געשיכטע פון א רעליגיאן, עס זיינען פאראן צייטען אין וועלכע מען היט מעהר און צייטען אין וועלכע מען היט ווייניגער. אזוי לאנג ווי דער צבור האט ניט געענדערט די געזעצע אליין האט מען געזוכט א זכות אויף די עברינים, אויף די וואס האבען ניט געהיט, און מען האט געזאגט: ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא, און פושעי ישראל מלאים מצוות כרמון. אבער אזוי שנעל ווי מענשען האבען זיך ניט בענוגענט מיט דאס וואס זיי זיינען עובר אויף דער תורה נאר האבען געוואלט בייטען די תורה, אזוי שנעל ווי זיי זיינען געווארען קראים האט מען געזאגט אויף זיי דאס וואס מען האט געזאגט. אזוי שנעל ווי זיי זיינען געווארען רעפארמער האבען זיי איבערגעשניטען דעם שטריק וואס האט זיי פארבונדען מיט'ן אלטען אידענטום. און דאס איז דער ענטפער אויף דער נארישער פראגע וואס עס ווערט אפט געשטעלט פון דער רעפארמער זייט: וואס איז דער אונטערשיעד פון א ניט־רעפארמער וואס איז מחלל שבת און עסט טרפות און א רעפארמער וואס טוט עס? די תשובה איז זעהר איינפאך: דער ניט־רעפארמער טוט עס ביחידות און ער ווייס אז ער טוט אן עברה, און דער רעפארמער טוט עס בצבור און ער האלט אז ער טוט קיין עברה. דער ניט־רעפארמער איז א מחלל שבת, וועהרענד דער רעפארמער איז גאר קיין זאך ניט מחלל, ווייל ער האט דעם שבת אויס־געריסען פון זיין פלאץ. דער ניט־רעפארמער עסט טרפות, דאס הייסט אז ער ווייסט אז עס איז טרפות און אז ער איז עובר דערמיט אויף א געזעץ פון אידענטום, וועהרענד דער רעפארמער עסט שוין גאר, לויט זיין מיינונג, קיין טרפות ניט, ווייל ער האט דעם גאנצען זינן פון טרפות פארניכטעט.

און דא קומען מיר צום הויפט פונקט פון דער פראגע: מען זאל קיינמאל, ווען עס האנדעלט זיך פון א פלאן צו ענדערן אידישקייט ניט נעהמען קיין משל דערפון וואס עס זיינען פאראן א סך אידען וואס ברעכען די געזעצע פון דער אידישער רעליגיאן. דאס זיינען צוויי גאנץ בעזונדערע

זאכען. ברעכען אידישקייט אינדיווידועל איז איין זאך און ענדערן אידישקייט איז א צווייטע זאך. א איד וואס איז עובר אויף איין לא תעשה אדער אויף אן אנדערע, מיינט עס ניט אז ער וויל אן אנדער תורה און אן אנדער אידישקייט, דאס מיינט נאר אז ער איז ניט שטארק גענוג דורכצופיהרען דאס וואס א איד דארף דורכפיהרען אין לעבען, אבער ווען ער קומט אין שוהל דארף ער אזא שוהל ווי א ריכטיגער שומר־דת, ווען ער קומט אין שוהל איז ער א טהייל פון צבור און מעג דער צבור אפילו בעשטעהען פון א סך אזעלכע יחידים טאר ער אלס צבור זיך ניט ריהרען פון ארט. זאל דער איד וואס טוט ניט ריכטיג קומען צו דער אלטער תורה ווען ער קומט צו ערפילען אידישע פליכטען און זאל קיינער ניט פיהרען די תורה צו איהם. וואס אונזערע קינדער זאלען ניט טאן אלס איינצעלנע מענשען דארף זייער אידישקייט זיין פאלקאם ווען זיי קומען אלס א טייל פון דער געמיינדע, ווייל כל זמן די געמיינדע שטעהט אויף איהר פעסטען באדען איז נאך דא א האפנונג פאר זיי אויך. קוים אבער וועט איהר דער געמיינדע דעם צבור־לעבען ענדערען, איז אלעם פארלארען. מיר דארפען זארגען אז די שוהל אין וועלכער עס קומען אידען וואס זיינען עובר אויף געוויסע זאכע זאל זיין פונקט אזוי גאנץ, פונקט אזוי הייליג אידיש ווי א שוהל אין וועלכע עס וואלטען קומען לויטער צדיקים. אדרבה, וואס מעהר דער דור איז געשלאגען אין דעם לעבען פון דעם איינצעלנעם מענשען, אלץ מעהר נאך דארפען מיר היטען אז דער צבור־לעבען זאל זיין שטארק אידיש, גענצליך אידיש, ווייל קוים ריהט זיך דער צבור פון ארט איז אלעם פערלארען.

„טרעפען אין מיטען וועג“

די ערגסטע זאך אין דער פראגע וועגען די טאטעס וואס ווילען ענדערען דאס יודענטום צוליב די קינדער איז די טענה וועלכע מען הערט אפט ווען מען דיסקוטירט דיזע ענינים. די עלטערען וואס גלויבען אז זיי וועלען טאן א טובה דאס יודענטום ווען זיי וועלען די אמונה אנפאסען צו דער מאאס פון זייערע קינדער, זאגען אדער קלערען:

מיר מוזען געהן אנצוטרעפען אונזערע קינדער „האף־וועי“. מיר מוזען זיי אנטקעגען קומען, ווייל צו אונזער פלאץ וועלען זיי דאך סיי ווי סיי ניט צוקומען. וואס איז די פעולה אז מיר וועלען זיי רופען צו אונז ווען מען קען ניט ערווארטען אז זיי וועלען קומען. לאמיר ארויסקומען זיי אנטקעגען אויפ'ן מיטען וועג. זאלען אלטע און יונגע זיך צוזאמענטרעפען, מיר וועלען ארונטערלאזען א ביסעל פון אונזערע אידעען, זיי וועלען ארונטערלאזען א ביסעל פון זייערע אידעען און אזוי וועט דאס אמעריקאנער יודענטום קריגען זיין אייגענעם פנים.

און אנדערע לייגען נאך צו צו דער דאזיגער חקירה אזא סארט ארגומענט:

איז עס ניט א פאקט אז אונזער אידישקייט איז היינט אנדערש ווי די פון אונזערע טאטעס? איז עס ניט א פאקט אז אפילו אונזערע בעסטע ארטאדאקסען, אפילו אונזערע הונדערט־פראצענטיגע, אויב מען קען אזוי זאגען, זיינען אנדערש ווי עס זיינען געווען די ארטאדאקסען פון דער פריהערדיגער צייט? איז עס ניט א פאקט אז עס האט זיך געענדערט אפילו אין פרומסטען אידישען לאגער און ווען אונזערע ארטאדאקסישע זיידעס און עלטער־זיידעס וואלטען א קוק געטאן אויף אונזערע בעסטע ארטאדאקסען, אפילו אויף די וואס לאזען קיין זאך ניט ענדערען, וואלט זיי פינסטער געווארען אין די אויגען?!

איז דאך דערפון א בעוויז אז מיר קענען ניט פארלאנגען אז אונזערע קינדער און אייניקלאך זאלען זיין אזוי ווי

מיר זיינען, און מען קען דאָך אָננעהמען פאר א זיכערע זאך אז זיי וועלען זיין אנדערש, טו צו וואָס פאָדערען פון זיי דאָס אונמעגליכע וועלכע זיי וועלען געווים ניט נאָכגעבען? לאָמיר בעסער געהן זיי אנטקעגען און געפינען א פשרה אויף וועלכער מיר זאָלען זיך קענען פאראייניגען. לאָמיר געפינען א "קאָמאָן גראונד" אויף וועלכען מיר און זיי זאָלען קענען שטעהן. לאָמיר העלפען אויסצוארבייטען אזא סאָרט אידישקייט ווי זיי וועלען סיי ווי מוזען אויסארבייטען לויט די ענדערונגען וואָס וועלען קומען פון אונזער דור צו זייער דור.

אויף דעם גרונד פון דיזער טענה איז שוין געענטפערט געוואָרען אין די פריהערדיגע קאפיטלאך וואו עס איז בעוויזען געוואָרען די פאַלשקייט פון דעם בעגריף, אז דאָס וועלען די קינדער יאָ וועלען אָננעהמען און דאָס וועלען זיי ניט וועלען אָננעהמען. עס איז בעוויזען געוואָרען אז דוקא אין די הייזער וואו די פאָדערונגען זיינען געווען גרויסע האָט מען געהאַט מעהר ערפאָלג ווי אין די הייזער וואו די פאָדערונגען זיינען געווען קליינע. עס איז בעוויזען געוואָרען אז פונקט פארקעהרט, וואָס ווייניגער די פאָדערונגען זיינען, אַלץ ווייניגער זיינען די שאַנסען אז מען וועט געפינען בעלנים. וואָס מיר האָבען דאָ געוואָלט זאָגען איז צו ענטענטפערן אויף דער שיטה פון "האַף וועי", וועלכע האָט א סך אנהייננער אפילו צווישען אָרטאָדאָקסען און אויף דעם ארגומענט פון סיי־ווי־סיי וועלען דאָך מוזען קומען ענדערונגען פון איין דור צום צווייטען, וועלכער שיינט צו זיין דער ליעבלינגס ארגומענט אין דער פילאָזאָפי פון די ענדערער און איינער פון די הויפט־זיילען פון זייער געדאַנקען־גאַנג.

מיר קענען קיינמאָל ניט וויסען וויפיעל דער נעקסטער דור וועט קומען נאָהענט צום פאָלשטענדיגען יודענטום און וואו ער וועט זיך אָבשטעלען, צי ער וועט קומען ביז׳ן מיטען וועג און וועט זיך אוועקשטעלען און זאָגען: אָט ביז דאַנען געה איך און פון דאַנען וועט מען מיך ניט ריהרען פון אָרט, גענוג פאר מיר אידישקייט, עד כאן און מעהר וויל איך ניט! מיר קענען אויך ניט וויסען צי וועט ער אפילו קומען ביז פונקט האַלב וועג, אפשר וועט ער זיך אָבשטעלען ביי א פיערטעל, ביי א דריטעל וועג, און אפשר וועט ער געהן ביז דריי־פיערטעל, פיער־פינפטעל, אָדער ניין־צעהנטעל. דאָס איז דאָך

ניט א זאך פון וואג און מאאס פון ציפערן, פון קלארע חשבונות. עס האנדעלט זיך דאך וועגן גייסטיגע זאכען, און דעריבער איז דאך דא גיט לאגיש צו זאגען: איך וועל א ביסעל אראבלאזען פון מיין פרייז, דער צווייטער צד וועט א ביסעל אויפהויבען זיין אנבאט ביז מיר וועלען קומען צו אן אויסגלייך. איבערהויפט זאגט דער צווייטער צד קיין פרייז ניט און ער ווייס אליין ניט וויפיעל אייער "סחורה" איז ווערטה. ווען איהר זאלט איהם פרעגען, וועט ער דאך זאגען אז ער וויל עס גארניט. עס האנדעלט זיך דא ניט וועגען מסחר, נאר וועגען איינפלוס, און איינפלוס איז דאך א בלינדע זאך — ניט איהר ווייסט ווי ווייט אייער איינפלוס וועט געהן און ניט דער צווייטער צד ווייס וויפיעל ער וועט זיך לאזען בעאיינפלוסען. איינפלוס איז דאך ניט קיין געשעפט וואס איינער דארף א סחורה און דער צווייטער פארקויפט עס איהם. איינפלוס איז דאך א סארט גנבה.. איהר גנב'עט ביי יענעם די הארץ ווען ער ווייס גאר ניט דערפון, איהר נעהמט זיין נשמה איין א נעץ. איבערגעבען א רעליגיאן פון איין דור צום צווייטען איז דאך די ארבייט פון איבערגעבער וואס זוכט ארייגכאפען דעם צווייטען דור און איהם אויסקנעטען אז עס זאל פון איהם ארויסקומען דאס וואס דער קנעטער וויל. אין איינפלוס איז דאך ניטא מעהר ווי איין צד וואס איז אקטיוו — טא וואס איז דא שייך צו זאגען: דינגען זיך? מיט וועמען וועט איהר זיך דינגען? און אין דעם מאמענט ווען איהר פאנגט זיך אן צו דינגען, ווען איהר הויבט אן צו קלערען פאר דעם צווייטען צד, פארלירט איהר דאך שוין די הויפט־קראפט פון אייער איינפלוס, ווייל דער געזעץ פון איינפלוס איז, אז וואס שטארקער איהר זייט אליין פעסט פאר אייערס, וואס ברענענדיגער איהר זייט אין אייערע ווינשע, אלץ גיכער קענט איהר ווירקען, ווייל אייער ארבייט איז דאן מיט מעהר אייפער, מיט מעהר גאנצקייט און איהר קענט גיכער האבען ערפאלג.

ווי נאריש עס איז דארום צו שטעלען זיך בארעכנען אויף פראצענטען און מאכען קאנצעסיעס ווען קיינער פאדערט עס ניט, אין דער צייט ווען איהר דארפט אנשטריינגען אלע אייערע כחות צו געווינען אזוי פיעל ווי נאר איהר קענט געווינען א ווירקונג אויף דעם צווייטען דור! אפילו אויב איהר זאלט וויסען אז אייערע קינדער וועלען ניט געהן

מעהר ווי א העלפט פון אייער וועג, מוזט איהר סיי־ווי־סיי אלע אייערע קרעפטען ווידמען צו געווינען זיי אין גאנצען פאר אייער פראגראם, פאר דער ירושה וואס איהר האט אי־בערגענומען און איהר ווילט זיי לאזען. וואס מעהר איהר וועט פאדערען, אלץ מעהר האט איהר די מעגליכקייט צו ברייינגען זיי נעהנטער צו אייך, אדער ריכטיגער, צו דאס אמת'ע אידישקייט. איהר דארפט דעם נעץ אויסשפרייטען צו ארייינכאפען זיי אין גאנצען. אויב זיי וועלען שפעטער אראבווארפען א טהייל פון אייער איינפלוס, אדער זיי וועלען לכתחילה זיך לאזען בעאיינפלוסען נאר ביז א געוויסער מדרגה — דאס איז זייער זאך און איהר האט דערמיט גאר ניט צו טאן. איהר דארפט זיי אזוי פיעל געבען אז אונטער די ערגסטע אומשטענדען זאל עפעס בלייבען און די מאאס פון בלייבען איז שטענדיג אבהייננגיג אן דער מאאס פון גע־בען אין פאלגענדער ארדנונג: וואס מעהר געגעבען, אלץ מעהר קען מען ערווארטען זאל בלייבען; וואס ווייניגער גע־געבען, אלץ ווייניגער קען מען ערווארטען אז עס זאל בליי־בען. ביי אן אלטען גביר א יורד פארוואלגערט זיך נאך אפט זילבערווארג, שעהנע מעבעל וכדומה. אויב אונזערע קינדער וועלען זיין יורדים זאלען זיי כאטש קריגען א סך פון אונז, אום אז אין פאל פון אן אונגליק זאל כאטש ביי זיי עפעס בלייבען. האט ניט מיט אייערע קינדער קיין חשבונות ווי־פיעל זיי וועלען היטען און וויפיעל ניט, צי וועט זייער מיי־נונג שפעטער זיין אזוי ווי אייערע אדער ניט — לאזט עס פאר דער צוקונפט. איהר דארפט נאר וויסען איין זאך, אז וואס מעהר איהר וועט זיי געבען, אלץ מעהר שאנסען האט איהר צו בעאיינפלוסען זייערע מיינונגען אויף שטענדיג, און אויב זיי וועלען זייערע מיינונגען בייטען איז ערשט וויכטיג אז איהר זאלט זיי געבען דאס גאנצע אידישקייט וואס מעהר, אום עס זאל זיין פון וואס עס זאל זיך כאטש עפעס ביי זיי אבשטעלען. איהר טארט ניט זאגען: "האף ועי". איהר דארפט זאגען: דאס גאנצע וועג, און דאס איבריגע לאזט פאר דער צוקונפט.

און דא קום איך צו דעם פונקט פון די ענדערונגען וואס עס קומען פון דור צו דור. אדרבה! ווייל עס קומען אליין געוויסע ענדערונגען דורך דער קראפט פון לעבען איז נויטיג אז מען זאל קעמפפען געגען יעדע ענדערונג, איז נויטיג אז

מען זאָל שטעהן פאַר דאָס גאַנצע, אום אז עס זאָל זיין אַמ־וויניגסטענס א גלייכגעוויכט צווישעןביידע קרעפטען, די קראַפט פון גאַנצקייט פון יודענטום און די קראַפט פון געווי־סע אומשטענדען וואָס זוכען צו אונטערגראָבען די דאָזיגע גאַנצקייט. וואָס שטאַרקער עס זיינען אין א לאַנד און אין א צייט די כחות פאַר ענדערונגען, צוליב דער ארומיגער סביבה, צוליב עקאָנאָמישע אָדער קולטורעלע סבות, אלץ מעהר איז נויטיג פאַר די וואָס ווילען אז דאָס יודענטום זאָל ניט אונטערגעהן צו קעמפפען געגען יעדע קלענסטע סאָרט ענדערונג, אום אז די ענדערונגען וואָס וועלען מיט דער צייט קומען, זאָלען קומען אין אזא קליינעם אופן אז זיי זאָלען ניט ברענגען אין געפאַהר די גאַנצע עקזיסטענץ פון יודענטום. דאָרטען וואו עס זיינען פאַראַן קרעפטען פון צושטערונג, דאַרפען די קרעפטען פון אויפהאַלטונג שטעהן מעהר אויף דער וואַך, אום עס זאָל אין גאַנצען ניט אוועקגעריסען ווערען פון שטראָם. וואָס די כוואַליעס זיינען שטאַרקער ביי א טייך, אַלץ מעהר זוכט מען שטאַרק צו מאַכען דעם דאַם.

און דאָס איז אייגענטליך דער גרויסער אונטערשיעד אין דער טעאָרי פון רעפאָרם צו אָרטאָדאָקסי. אָרטאָדאָקסי האָט אין איהר גאַנצער געשיכטע געהאַט בלויז קליינע ענדע־רונגען וואָס האָבען איהר גאַנצקייט ניט געשטערט דערפאַר, ווייל זי האָט ענדערונגען ביטער בעקעמפפט. די רעפאָרם האָט אליין די ענדערונגען געמאַכט און האָט דערמיט פון יודענטום אַן אַנדער זאַך געמאַכט. עס קען ניט זיין קיין פאַלשערע טענה ווי די, אַז ווייל מיר זיינען פיעלייכט אין א געוויסען זינן אַנדערש ווי אונזערע זיידעס דאַרפען מיר מאַכען אַנדערש אונזער יודענטום. אויב מיר וועלען שטעהן ביים גאַנצען יודענטום, וועלען די קליינע שנויים וואָס וועל־לען לאַנגזאַם זיך אריינ׳גנב׳נען דאָס יודענטום ניט שאַדען. אויב מיר וועלען אָבער מאַכען ענדערונגען, ווערט דאָס יודענטום אַוועקגעריסען פון אָרט און עס געהט אין דעם וועג, אין וועלכען רעפאָרם איז געגאַנגען — צום אונטערגאַנג!

דער ערפאָלג פון דעם אַלטען דור

אין די לעצטע עטליכע קאַפּיטלאַך בין איך געווען בעשעפּטיגט צו צוואווארפען טיעף־איינגעוואָרצעלטע פאַלשע מיינונגען אין אַמעריקאַנעם יודענטהום וועגען שאַפען פאַר די קינדער אַן אמעריקאַנער אידישקייט, וועגען אנשטאט צו ברייגגען די קינדער צום אַלטען יודענטהום, זאָל מען דאָס אידישקייט ענדערן און פיהרען עס צו זיי. איך האָב פּרובירט אויפווייזען ווי פאַלש עס איז די חנחה, אַז מען קען געווינען די קינדער דערמיט וואָס מען וועט זוכען צוצופּאַסען צו זיי אַ סאָרט אידישקייט וואָס זאָל שטימען מיט זייער געשמאַק. איך האָב געזוכט צו בעווייזען, אַז וואָס מעהר די טאַטעס ווילען טרעפען דעם געשמאַק פון זייערע קינדער, וואָס מעהר זיי זוכען צו קומען אנטקעגען די קינדער און מאַכען "צוליעב זיי" קאָמפּראָמיסען אין יודענטהום אַלץ וויינינער האָבען זיי שאַנסען די קינדער צו געווינען.

עס איז געווען צו ערוואַרטען, אַז געגען אַזאַ שטעלונג זאָלען אַרויסגעפיהרט ווערען פאַרשיעדענע וויכוחים און אַלטע אַרגומענטען, וואָס שטעהען אויף טעות'ן וואָס זיינען אַריין אין די פליישׂ און בלוט פון דעם אידישען עולם זאָלען ווערען געבראַכט. איין אַרגומענט, וועלכער ווערט געהאַלטען אין דעם לאַגער פון די אָפּאָנענטען פון די אויבען־אויסגעדריקטע מיינונגען, איז ווערטה מען זאָל זיך אויף איהם אָבשטעלען. ער בעלאַנגט צו איינגעפעסטיגטע ניט־ריכטיגע מיינונגען וואָס זעהען פון אויבען־אויף אוים לאַגיש, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען אין גאַנצען פאַלש פון אָנפאַנג ביז ענדע. עס איז פון יענע אָנגענומענע קאָנווענציאָנעלע איינשמועסען, וואָס אַפּעלירען צום אויבערפלעכליכען בעאָבאַכטער און פיהרען אַראָב פון גראַדען וועג.

דער אַרגומענט איז פאָלגענדער :

אויב אַז פיהרען די קינדער אין פולע אידישקייט און זיי איבערגעבען אַלע טראַדיציעס פון אונזערע עלטערן איז דער בעסטער מיטעל ווי אַזוי אַנצוהאַלטען קינדער אין אידיש־

קייט, ווי אזוי צו פארמזעצען דעם שנור פון דעם טראדי־ציאנעלען יודעטהום, איז דאך די קשיא: פארוואס איז אויפגעשטאנען אין רוסלאנד אזא פרייער דור, וואס האט זיך אליין געהאדעוועט אויף דער פולער ארטאדאקסי? פאר־וואס האט ניט געהאלפען די לעהרע פון די עלטערן אויף אלע אידישע ראדיקאלען, וואס זיינען ערצויגען געווארען אין אן עכט־אידישע אטמאספערע? און פארוואס זיינען פאראן צווישען די אידישע עלטערן, וואס זיינען געקומען אין אמעריקא פון אזעלכע הייזער וואו דאס יודענטהום איז גע־ווען, אזוי פיעל אידען וואס האלטען וויניג פון אידישע טראדיציאנען? איז דאך דאס א בעוויז, אז פאדערען א סך פון יונגען דור איז ניט קיין גלייכע זאך, איז דאך א בעוויז אז ווען מען וויל איבערגעבען א פולע אידישקייט צו די קינ־דער ווילען זיי עס ניט אננעהמען, איז דאך דאס א בעוויז אז ווען טאטעס זוכען צו מאכען פון די קינדער פונקט אזעל־כע אידען ווי זיי זיינען, האבען זיי ניט קיין ערפאלג. עס ווע־רען דורך דעם צוטהיילט צוויי וועלטען צווישען דעם עלטערן דור און דעם אינגערן.

און אפשר — מענה'ן די וואס ברייגגען דעם דאזיגען אר־גומענט — און אפשר קען מען דערפון לערנען, אז דער חסרון פון די טאטעס איז געווען דאס וואס זיי האבען געוואלט צופיעל. אפשר קען מען נאך אלעמען דאך זאגען, אז ווען די טאטעס וואלטען פון אונז ניט פיעל פערלאנגט וואלטען מיר ניט אזוי פיעל אוועקגעווארפען. אלענפאלס אבער שיינט דאך צו זיין קלאהר — זאגען זיי — אז דורך דעם וואס די טאטעס זיינען גאנצע אידען, פולע אידען, ווילען ניט מאכען קיין קאנצעסיעס צו די קינדער, נאר זוכען די קינדער צו בעאיינפלוסען מיט זייער אייגענע פולע איבערגעבענקייט צום יודענטום — קען מען ניט רעטען די אידישקייט פון די קינדער, ווארים אויב יא, האט דער גאנצער פרייער דור וואס איז אויפגעצויגען געווארען אין אן עכט אידישע סביבה גע־דארפט געהן אין די וועגען פון די טאטעס!

אט דיזע מענה, שיינט צו זיין פארדעכענט ביי א סך פאר א שטארקע וואפען און זיי מיינען, אז זיי האבען דורך איהר געוואונען א גרויסען זיעג געגען די וואס שטעהען פאר דער פרינציפ, אז מען דארף קיין קאנצעסיעס ניט מאכען. דער אמת אבער איז, אז פון אלעם וואס קען געזאגט ווערען

פון דעם צד פון די קאָנצעסיאָניסטען, פון די אָראָבדינגער פון יודענטהום, פון די ענדערער פון אידישקייט, איז דיעזער אַרגומענט דער שוואַכסטער, ער האָט אבסאָלוט קיין זאַך אויף וואָס זיך אָנצושפּארען.

קודם־כל, ווער זאָגט עס אַז די גאַנצקייט פון דעם פריהערדיגען דור, פון די פֿולע אָרטאָדאָקסען, האָט ניט געווירקט אויף דעם נייעם דור? געוויס האָט עס געווירקט. אויב מיר האָבען היינט אידען, וואָס בויען שוהלען און געהען אהין, וואָס גרינדען תלמוד־תורה'ס און ישיבות, וואָס פיהרען מעהר אָדער ווייניגער א אידישען לעבען, איז דאָס אַלעס צו פערדאַנקען נאָר דעם פרומען דור, וואָס האָט ניט געמאַכט קיין קאָנצעסיעס און האָט ניט געמאַכט קיין פּשרות. וואָלטען אונזערע טאַטעס געמאַכט פּשרות מיט אונז, וואָלטען מיר שוין לאַנג ניט געהאַט דאָס ביסעל אידישקייט וואָס מיר פערמאָגען. וואו עס איז פאַראַן אַ פּונק וואָס טליעט פאַר'ן יודענטהום, קומט עס אין גאַנצען און אויסשליעסליך פון דער פֿולער, אָהן־פּשרות'דיגער אָרטאָדאָקסי פון דעם פאַריגען דור. אַלעס, אַלעס וואָס די אידען פאַרמאָגען אין יודענטהום, פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער, די ביסעל תורה וואָס עס איז דאָ אומעדום וואו די נפוצות ישראל געפינען זיך, די ביסעל ידיעה אין אונזערע אַלטע ספרים וואָס עס איז פאַראַן אין אַלע טהיילען וועלט, אפילו דאָס שפראד־פאַרמעגען און אונזער נאַציאָנאַלער לשון, אין קורצען, יעדער אידישער פונק, יעדער אידישער געדאַנק, יעדער אידישער געפיהל, קומט פון דעם איינציגען קוואַל פון דער פולער אָרטאָדאָקסי, פון יענעם דור וואָס האָט ניט געזוכט צו שאַפען אַזאַ אידישקייט וואָס זאָל געפעהלען ווערען די קינדער.

וואָס האָט יענער דור פון פולע אָרטאָדאָקסי געוואונען מיט זיין איינפלוס אויף דעם נייעם דור? אָט וואָס ער האָט געוואונען:

קודם־כל האָט ער אויפגעהאָדעוועט דעם יעצטיגען דור פון פולע אָרטאָדאָקסען. עס זיינען נאָך יעצט אויך פאַראַן אויף דער וועלט און אַפילו אין אַמעריקאַ אמת'ע אָרטאָדאָקסען, פולע אידען, אָהן פּשרות, און אין זיי, וויפיעל זיי זאָלען ניט זיין, ליעגט די גאַנצע לעבענס־קראַפט פון דער אידישער נאַציאָן. דאָס לעבען פון אידישען פאָלק ליעגט אין זיי און אין זייער קאַמפף צו אויפהאַלטען דאָס פולע יודענטהום אין

די ווייטערדיגע דורות. זיי געהען אַן מיט דעם קאַמפף, פיעלע פון זיי האָבען שוין זוכה געווען צו אויפהאָדערווען פולע אידען אפילו אויף דעם באָדען פון אמעריקא. מיט איין וואָרט, די אָרטאָדאָקסי, די אמת'ע, ניט די וואָס טראָגט דיעזען נאָמען און איז עס ניט, איז דער רעזולטאַט פון יענע גאַנצע אידען. און אפילו ווען די איבריגע זאַלען פון דער אָרטאָדאָקסי אוועקגעהן איז שוין דאָס יודענטום און דאָס לעבען פון דער אידישער נאַציאָן גערעטעט דורך דער אָרטאָדאָקסי אַליין. מען דאַרף זיך קיינמאָל ניט רעכענען מיט די וואָס געהען אַוועק, נאָר מיט די וואָס בלייבען. מען רעכענט דעם פאַרמעגען וואָס מען האָט און ניט דעם וואָס מען האָט פאַרלאָרען. אויב פון צעהן קינדער וואָס זיינען געוואָרען אויפגעצויגען אין דער אַלטער אידישער אַטמאָספערע זאָלען גאַנצע ניין אַלעם אוועקוואַרפען און בלויז איינער וועט בלייבען א פולער אָרטאָדאָקס, האָט דערמיט די פולע גאַנצע אָרטאָדאָקסי געהאַט א פאָלשטענדיגען זיעג, ווייל אהן איהר וואלט קיין איינער פון צעהן אויך ניט גערעטעט געוואָרען און אלעם וואלט געגאנגען פארלארען.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. דאָס ביסעל אידישקייט: א האַלב, א דריטעל, א פיערטעל, און נאָך ווייניגער וואָס איז געבליבען ביי די אַנדערע, ביי די ניין, איז אויך נאָר צו פערדאַנקען יענעם גאַנצען דור וואָס האָט ניט געמאַכט קיין קאָמפּראָמיסען. די ניין וואָס זיינען ניט געוואָרען קיין אָרטאָדאָקסען, זיינען ניט געקומען צו דער מדרגה פון די עלטערן, אָבער עטוואָס דערפון איז ביי זיי געבליבען. וואָלטען זייערע טאַטעס ניט געווען קיין גאַנצע אידען, וואָלטען זיי געווען פשרה־מאַכער, קאָמפּראָמיסלער ווי די קאָנסערוואַטיווע אידען זיינען, וואָלט ביי די קינדער גאָר ניט געבליבען. עס איז א גרויסער טעות פאַר אידען צו זאָגען: וואָס איז די פעולה וואָס מיין טאַטע האָט מיר אויפגעהאָדעוועט אין פולע אידישקייט, אַז איך בין יעצט אַזוי ווייט דערפון? דאָס איז פונקט ווי אימיצער וואָלט זאָגען: וואָס איז די פעולה וואָס איך האָב אין מיין יוגענד געלערענט אַזוי פיעל זאכען, אַז איך האָב כמעט דאָס גאַנצע פארגעסען? צו אַזא בעל־טענה ענטפערט מען: דו האָסט געלערענט, כדי דו זאָלסט האָבען פון וואָס צו פארגעסען, וואָלסטו ניט געלערענט וואָלסטו געווען נאָך א פיעל גרעסערער עם־הארץ ווי דו ביסט

יעצט ! אין אידישקייט איז אויך אזוי : וואס מעהר ארטאדאקסיש עס איז די סביבה אין וועלכער א אידישער קינד ווערט אויפגעצויגען אלץ מעהר סימנים פון אידישקייט בלייבט שפעטער ביי איהם ווען ערווארפט עס אוועק. אפילו די אוועקווארפער מוזען אויפגעצויגען ווערען אין פאלשטענגעם יודענטהום, ווייל אויב ניט, וועלען זיי אפילו קיין אוועקווארפער ניט קענען זיין, זיי וועלען פארשפארען אוועקצווארפען, ווייל זיי וועלען גאר ניט האבען.

עס איז בעקאנט דער ווארט פון דעם טאטען פון ״אחד־חעם״ (אשר גינצבורג), דער ראדיקאלער דיינקער, וואס איז געשטאנען נעגאטיוו צום טראדיציאנעלען יודענטהום. ער האט געזאגט, לויט ווי עס ווערט דערצעהלט : ״ווען מיין אשר צוברעכט, קרעכצט ער אמוויינינגסטענס דערביי״. עס ליעגט אין דיעזע ווערטער וואס ווערען דערצעהלט אין נאמען פון א פאלשטענדיגן ארטאדאקסישען טאטן פון א פרייען זוהן א טיעפע כונה : ווען דער זוהן צושטערט, קרעכצט ער, ווייל ער איז געהאדעוועט געווארען אין דער פולער ארטאדאקסישער אטמאספערע. וואלט דער טאטע ניט געוועזען דאס וואס ער איז געוועזן, וואלט דער זוהן אפילו ניט געקרעכצט ביי זיין ארבייט. ווען ניט די פולע ארטאדאקסי וואלטען ניט געוועזן אפילו די אידען וואס זיינען קיינע ארטאדאקסען, אין א פאר דורות וואלט אלעס פארשוואונדען.

און אזוי איז אין בעצוג צו די צוקונפט. די פולע ארטאדאקסי, אהן קאמפראמיסען, וועט קודם־כל ברייגנען א נייע פולע ארטאדאקסי. ווי קליין זי זאל ניט זיין אין צאהל, וועט זי אליין טראגען דאס אמת׳ע יודענטהום. וואס אנבעלאנגט צו די איבריגע, איז וואס פולער עס וועט זיין די אידישקייט וואס איהר וועט געבען צו אייערע קינדער, וועט זיך אלץ מעהר ביי זיי אבשטעלען, ווען זיי וועלען פון דער ארטאדאקסי אוועקגעהן. וואס וויינינגער איהר וועט זיי געבען אלץ וויינינגער וועלען זיי אידען זיין.

וואָס איז יודענטום? — אַ גלויבען!

מיינער א פריינד, א ראַדיקאַל, האָט מיר מיט גרויס פארוואונדערונג דערצעלט פאָלגענדעס:

עס איז א מאָדנע זאך וואָס איך קען ניט פארשטעהן. איך קום זיך אָפט צוזאמען מיט יונגע ראַבבים פון דעם קאָנסערוואַטיווען שניט און מען פאנגט אָן צו ריידען וועגען פערשידענע זאכען וואָס האָבען אַ דירעקטע פארבינדונג מיט רעליגיאָן, ווי השארת הנפש, געטליכע ענטפּלעקונג און עהנליכע ענינים, געפינט זיך ניט קיינער פון דער חברותא וואָס זאָל אפילו וועלען דיסקוטירען אָט דיזע פראגען. זיי זיינען פאָלשטענדיג זיכער און איבערצייגט אז — עס איז ניטאָ קיין השארת הנפש, ניטאָ קיין געטליכע ענטפּלעקונגען. עס פאַלט זיי אפילו גאָר ניט איין אז מען קען גלויבען אין דעם. אזוי פעסט זיינען זיי אין זייער אונגלויבען, אזוי שטארק זיינען זיי אין זייער אָבלייקענען. אַלעס איז ביי זיי אזוי פשוט, אזוי קלאָר אלעס על פי שכל, אלעס טרוקען ראציאָנאליסטיש ביי די דאָזיגע לעהרער אָדער צוקינפטיגע לעהרער פון רעליגיאָן ביי אידען, אז זיי קוקען מיט גרויס פערוואונדערונג אויף א מענשען וואָס זאָגט אז אפשר איז, נאָך אַלעמען, טאקע פאַראַן השארת הנפש און אפשר זיינען טאקע פאראן פארבאָרגענע כחות, גייסטיגע, פון וועלכע מיר האָבען קיין בעגריף. זיי קוקען אויף אזא מענשען מיט פארוואונדערונג אזוי ווי מען קוקט אויף עפּעס אן אונגאָרמאלער בריאה.

איהר וועט ניט גלויבען — זאָגט צו מיר מיין פריינד דער ראַדיקאַל — אז אין זייער סביבה בין איך דעריעניגער וואָס פארטהיידיגט, אזוי צו זאָגען, רעליגיעזע אנשויאונגען. דאָס הייסט: איך פארטהיידיג עס מיט דער טענה אז מען קען ניט וויסען אז די זאכען אויף וועלכע די רעליגיאָן איז אָנגעשפארט זיינען ניט ריכטיג. איך טענה צו זיי, אז עס זיינען ניטאָ קיינע בעווייזע אויף פארקעהרט — אפשר לעבט מען טאקע נאָכ'ן טויט, אפשר זיינען פאראַן העכערע זאכען ווי דאָס וואָס מיר ווייסען פון וויסענשאפט. קורץ: איך דער ראַדיקאַל פארשטעה דאָס וואָס מיסטיק מיינט, וואָס פאר־

באַרגענקייט מיינט, וואָס רעליגיעזע סודות קענען מיינען פאַר מאמינים. איך פאַרשטעה וואָס פאַר אַן אָרט אמונה האָט און וועט האָבען אין דער וועלט, אין דער מענשליכער הארץ און אין דעם מענשען'ס געפיהלען. איך האָב דרך ארץ פאַר אמונה אלס אַ כח. איך ווייס אַז מיט'ן שכל אליין קען מען ניט לעבען, וועהרענד די דאָזיגע סטודענטען פאַר ראַבבים, אָדער ראַבבים אליין, האָבען ניט קיין שום חוש פאַר דאָס רעליגיעזע, פאַר דאָס מיסטישע, פאַר אמונה בכלל און קענען עס אפילו ניט אָבשעצען. ביי זיי איז אַלעס קלאָר, ביי זיי איז קיין סודות ניטאָ. אַלץ ווערט ערקלעהרט לויט דאַרווין, לויט ענטוויקלונג, דורך געזעצע פון נאַטור, געזעצע פון סאָציאָלאָגיע. מאָראַל איז אַ געזעלשאַפטליכער קאָנטראַקט — איך זאָל דיר ניט טשעפּען און דו טשעפּע מיר ניט. נבואה איז בלויז פּאָעזי און סאָציאַלע אידעאַלען, תורה איז אַ ליטעראַרישע שאַפונג ווי אַלע אַנדערע. עס קומט אויס אַז איך, דער ראַדיקאַל, בין שוין פרימער פון זיי, האָב אַלענפאַלס אַ בעסערע פאַרשטענדיגונג פאַר רעליגיע ווי זיי. איך פרעג: ווי געהען עס אַזעלכע מענשען צו זיין פאַרשטעהער פון אַ רעליגיאָן, אַז עס פעהלט זיי אין גאַנצען דער גרונד דערצו, אַז זיי זיינען ניט פעהיג אפילו עס משיג זיין? ווי אַזוי קענען זיי רעליגיאָן פאַרשפּרייטען און וואָס פאַר אַ ווילדע ערשיינונג איז עס אַז זיי רופען זיך ראַבבים און דער עולם ערוואַרטעט פון זיי אַ רעליגיעזען וואָרט, וועהרענד זיי זיינען אין אמת'ן נאָר משכילים און קיין אַנדער זאַך?

מיין פריינד'ס פאַרוואונדערונג איז אַם פּלאַץ. איך האָב איהם דאַרויף קיין זאַך ניט געקענט ענטפערען ווי נאָר, אַז די קשיא אַארט מיר שוין לאַנג און אַז דאָס איז אַ ניט־נאָרמאַלער צושטאַנד אין דעם אידישען לעבען פון אַמעריקא. ער האָט אָנגעריהרט אַ זעהר וועהטאָגדיגען פונקט. דער עיקר פון דעם פונקט איז, אַז מען האָט ביי אונז פאַרביטען אמונה אויף עפּעס אַנדערש, אַ רעליגיאָן אויף גאַנץ אַנדערע זאַכען; מען האָט דעם יודענטום אַוועקגענומען פון דאָס וואָס ער איז, פון דאָס וואָס ער דאַרף זיין און געמאַכט פון איהם גאָר אַן אַנדער בעשעפעניש. דאָס יודענטום האָט ביי פיעלע אויפגעהערט אַן אמונה צו זיין; עס איז ביי זיי פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ זאַך וואָס דאַרף בעדיענען די געזעלשאַפטליכע אינטערעסען — און מעהר ניט.

ביי די אידען וואָס האָבען אויפגעהערט אין יודענטום צו גלויבען איז די אידישע רעליגיאָן פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר גערעכטיגקייט צווישען מענש און מענש. גערעכטיגקייט איז אַ שעהנע זאַך און אַ גרויסע זאַך, און איז טאַקע אַן עיקר גדול אין יודענטום, אָבער דאָס יודענטום אליין איז עס ניט. דאָס יודענטום שטעהט העכער אפילו פון גערעכטיגקייט, ווייל דאָס יודענטום איז אַ גלויבען, אַ גלויבען אין גאָט וואָס האָט די וועלט בעשאַפען, אַ גלויבען וואָס פילט אָן די הארץ מיט בענקשאַפט צו דאָס אונבעקאַנטע, צו די גרויסע סודות פון יצירה, צו דעם קוואַל פון לעבען, צו דאָס וואָס איז געווען איידער מיר זיינען געבאָרען און דאָס וואָס עס וועט זיין נאָך אונזער שטאַרבען.

ניט דער "צדק צדק תרדוף" האָט אונז געמאַכט פאַר אַ קעמפּפענדע פאָלק, נאָר דער "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ". דער כח פון אידען וואָס האָט אונז אויפגעהאַלטען איז ניט אין "הוי מגיעי בית בבית", נאָר אין "צמאה לך נפשי, כמה לך בשרי". ניט צוליעב גערעכטיגקייט און גוטע סאָציאַלע געזעצע זיינען אידען געשפּרונגען אין פייער און זיינען געשטאָרבען מיט שמחה, נאָר צוליעב דעם "שמע ישראל ד' אלקינו". דער איד וואָס איז געשטאָרבען, איז ניט געשטאָרבען על קדוש הצדק, נאָר על קדוש השם, און ער איז נעגאַנגען ניט צו דער גערעכטיגקייט נאָר צו גאָט.

און עס איז פאַלש צו זאָגען ווי די רעפאָרמער זאָגען, ווי די מעהרסטע פון די קאָנסערוואַטיווע ראַבבים זאָגען אָדער קלערען, אַז יודענטום איז גערעכטיגקייט און גערעכטיגקייט איז יודענטום, און דארום קען מען זיין אַ פאָהנענטרעגער פון יודענטום ווען מען רעדט און מען פּרעדיגט פון גערעכטיגקייט, כאָטש מען גלויבט ניט אין דאָס וואָס יודענטום פאָדערט אַז מען זאָל גלויבען. עס איז פאַלש צו האַלטען אַז אַ פּרעדיגער פון עטיקס, פון יושר און עהרליכקייט איז בערעכטיגט צו זיין אַ גייסטיגער פיהרער פון יודענטום. אויב אַזוי — האָט געדאַרפט פעליקס אַדלער זיין דער בעסטער איד אין אַמעריקא, אַנשטאָט וואָס עס איז אַ גרויסער צווייפעל אויב ער איז נאָך איד אין אַלגעמיין.

דאָס יודענטום איז קודם־כל אַן אמונה. פון דעם פונקט טאָר מען ניט אוועקגעהן. די אידישע תורה איז ביי אונז

הייליג נאָר דערפאַר, וואָס די אמונה זאָגט אונז אז זי איז געטליך. די אידען האָבען זיך ניט ארומגעקליבען ארום דער תורה דערפאַר, ווייל זיי האָבען אויסגעזוכט אלע געזעצע פון דער גאנצער וועלט, האָבען אלעם לאנג געפאָרשט און פאַרגליכען און זיינען געקומען צום בעשלוס אז די תורה האָט בע־סערע געזעצע ווי אנדערע. די אידען האָבען אָנגענומען די תורה דערפאר וואָס זי קומט פון גאָט. זיי האָבען איהר אָנ־גענומען נאָך איידער זיי האָבען געוואוסט וואָס דאָרטען שטעהען אזעלכע געזעצע אָדער אנדערע. זיי האָבען געזאָגט "נעשה ונשמע". איידער זיי האָבען געהערט וואָס דאָרטען טהוט זיך, האָבען זיי עס אַקצעפּטירט. אָט דאָס איז די אי־דישע טראַדיציאָן און אויף דעם איז געבויט די אידישע גע־שיכטע. ניט קיין קאַמפּף פאר א רייהע גוטע און קלוגע גע־זעצע פון גערעכטיגקייט, נאָר א קאַמפּף פאר גאָט'ס גלויבען. "כי עליך הורגנו כל היום" — פאר גאָט און ניט פאר גערעכ־טיגקייט, און נאָך אזעלכע זאַכען. אזוי איז געווען אין אלע דורות ביז אונז און אזוי וועט זיין ווייטער. אויב עס זאָל, חלילה, קומען א צייט אז אידען זאָלען ניט מעהר גלויבען אין יודענטום אלס אמונה נאָר זיי זאָלען בעוואונדערען די גוטע סאָציאלע געזעצע וואָס דאָרטען שטעהט, וועלען זיי זיך אראָבּרוקען פון דער סצענע פון דער וועלט און וועלען פער־שוואונדען ווערען. די בעוואונדערונג פון די סאָציאלע גע־זעצע פון דער ביבעל וועט ניט אָבהאלטען די אידען פון שמד און פון אונטערגאנג. די אידען וועלען זיך ניט האלטען ביים יודענטום דערפאר וואָס זייערע אור־אור־עלטערען האָבען "אויסגעקלעהרט" גוטע געזעצע פאר דער געזעלשאפט און האָבען עס לאנג שוין אוועקגעגעבען צו דער מענשהייט.

און די אלע דרשות פון "רייטשאָוסנעס" אלס דאָס יודענטום זיינען נוצלאָז. דאָס יודענטום איז ניט קיין "רייטשאָוסנעס" פּראָפּאַגאַנדאַ און ניט קיין צדק־קולטור; עס איז אַן אמונה, א רעליגיאָן אין וועלכער גערעכטיגקייט פארנעהמט א גרויסען פּלאַץ, אָבער איז ניט מעהר ווי א רע־זולטאַט פון דער אמונה. ניט די רעליגיאָן איז געוואָרען וויכטיג צוליב צדק, נאָר צדק איז געוואָרען וויכטיג צוליב רעליגיאָן, צוליב דעם וואָס עס איז געגעבען געוואָרען פון גאָט.

עס איז דארום קלאָר אז מענשען וואָס האָבען ניט קיין געפיהל פאר דאָס געטליכע, וועלכע זיינען ניט גענייגט צו גלויבען, וועמען עס פעהלט דער חוש פיר מיסטיציזם — מיט איין וואָרט: מענשען וואָס גלויבען ניט, האָבען ניט געטאָרט צוטרעטען צו דער פיהרערשאפט פון יודענטום וועלכע איז אָ רעליגיאָן און ניט א געזעלשאפט פאר "סאָשיאל ריסוירטש". פראָפעסאָר קאפלאַן האָט ניט קיין מאָראַלישע רעכט צו רופען זיך "ראבבי" און גילטען אלס רעליגיעזער פיהרער פון א געמיינדע ווערענד ער האָט מיט'ן יודענטום אלס גלויבען גאָר ניט צו טאָן. פונקט אזוי האָבען ניט קיין שום מאָראַלישען רעכט צו רופען זיך "ראבבי" זיינע תלמידים און אלע וואָס האָבען עהנליכע אידעען צו זיינע, וואָס קענען זיין אפשר סאָשיאל וואוירקערס, אָבער ניט האָבען צו טאָן מיט דער אידישער אמונה. זיי טהוען זיך אָן אין א מאַנטעל וואָס בעלאַנגט ניט צו זיי. זיי פאַרנעהמען פלעצער און זיי נעהמען געלד אונטער פאלשע פרעטענזיאָנען. זיי ריידען פון "איידיעלס אָוו דזשודאַאיזם" און מאַכען זיך ניט וויסענדיג פון דער אמונה פון דזשודאַאיזם. אזעלכע קענען דאָס פאָלק גאָר ניט געבען, ווייל אויב מען זאָל דאָס פאָלק עפּעס געבען, דאַרף מען איהם געבען אמונה — און דאָס האָבען זיי ניט.

וואָס איז העכער: גלויבען אָדער פאָלק?

עס איז פאַראַן נאָך אַ טענה, וועלכע מען בענוצט געגען דער אָרטאָדאָקסי און פאַר דער פערטהיידיגונג פון די פופציג־פופציג־פּראָצענטלער און אַלע אַנדערע, וואָס האַבען אוועקגעלאָזען דעם פעסטען יסוד פון אַלטען יודענטהום. איידער מיר געהען ווייטער מוזען מיר יענע טענה, וועלכע איז גרונדפאַלש, צואוואַרפען. דער אַרגומענט וועגען וועלכען מיר ריידען ווערט אַרויסגעבראַכט אויף פאָלגענדען אופן:

דאָס יודענטהום — זאָגען זיי — איז ניט דוקא אַ פעסט־בעשטימטע זאַך, וואָס קען אין קיין צייט און אונטער קיינע אומשטענדען ניט אָננעהמען קיין ענדערונג. ניין! דאָס יודענטהום איז ניט אַזאַ זאַך. עס איז אַ זאַך וואָס איז דורך און דורך פאַרבונדען מיט דעם לעבען פון דער אידישער נאַציאָן פון וועלכען דאָס יודענטחום איז דער אויסדרוק. דער עיקר אין יודענטהום איז דאָס אידישע לעבען, עס הייסט, דאָס וואָס דאָס אידישע פאָלק פיהלט און דיינקט און טהוט. דאָס וואָס עס קומט־פאָר אין דער אידישער פאָלקס־נשמה — אָט דאָס איז דער עיקר, דאָס וואָס דאָס פאָלק האָט געפונען פאַר גלייך איז דער עיקר דורך וועלכען אַלעס דאַרף ווערען געמאָסטען, ווייל דאָס יודענטהום איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי דער געוויסען פון דעם אידישען פאָלק. דערפאַר איז די מאָס דורך וועלכער מען דאַרף מעסטען אַ זאַך צו דאָס איז ריכטיג אָדער ניט ריכטיג קיין אַנדערע ווי די מאָס וועלכע דאָס פאָלק האָט עס אָנגענומען, האָט עס דאָס פאָלק אָנגענומען איז עס גוט, האָט עס דאָס פאָלק ניט אָנגענומען, טויג עס ניט. מיט אַנדערע ווערטער: דאָס יודענטחום אין אַ געוויסע צייט איז פונקט דאָס ווי דאָס פאָלס פיהרט זיך. אויב דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט צו לייגען געוויכט אויף אַ זאַך, וואָס מעג זיך זיין לכתחילה ניט פערלאָרען זיין ווערטה. האָט דאָס פאָלק אָנגעהויבען לייגען געוויכט אויף אַ זאַך, וואָס מעג זיך זיין לכתחילה ניט ריכטיג פון שטאַנדפונקט פון דאָס אָנגענומענע יודענטחום. ווערט די זאַך גופא אַ טהייל פון אידישקייט, ווייל אידיש־

קייט איז דער סך־הכל פון דאס וואס דאס פאלק האט אנגענומען. עס איז דארום ניט ריכטיג צו זוכען חשבונות און זאגען קרום אויף זאכען וואס די מאיאריטעט אידען האלטען עס איז גלייך. דאס פאלק, אדער מיט אנדערע ווערטער, די אידישע נאציאן, שטעהט העכער ווי אלע אויטאריטעטען. עס איז ניטא קיין אויטאריטעט העכער ווי דאס פאלק. וועלכער איז דער בעל־הבית איבער זיך אליין און איבער דאס וואס עס דארף געהאלטען ווערען אלס יודענטהום.

אט דיעזער ארגומענט ווערט געזאגט אמאל אפען און מעהר מאל פארשטעלט, אבער ער איז איינער פון די פונקטען ארום וועלכען עס דרעהט זיך די פילאזאפיע פון די וואס שטעהען אויף א האלבען וועג און ער פארדיענט דארום מען זאל זיך אויף איהם אבשטעלען.

די וואס זאגען דיעזען ארגומענט ארוים זיינען שוין אוועק פון דעם שטאנדפונקט, אז דאס יודענטהום איז א רעליגיאן, דער פונקט וועלכען מיר האבען בעטראכט אין פריהערדיגען קאפיטעל. זיי האבען שוין פארווארפען דעם פרינציפ אז דאס יודענטהום איז א גלויבען. ווארום, אויב זיי וואלטען געהאלטען דאס יודענטהום אלס אן אמונה, וואלטען זיי ניט געקענט זאגען אז דאס פאלק איז א בעל־הבית איבער דער אמונה. זיי האלטען, אז דאס יודענטחום איז ניט מעהר ווי א געזעלשאפטליכע איינפיהרונג, אז די תורה איז א געזעלשאפטליכער דאקומענט און ניט מעהר און רעכענען דארום, אז עס איז ניט שטארקער ווי אירגענד וועלכער געזעלשאפטליכער אבמאך, וואס אזוי לאנג ווי מען וויל איהם האלטען האט ער א בעדייטונג און אזוי שנעל ווי מען וויל איהם אוועקווארפען,ווארפט מען איהם אוועק. איבער א געזעלשאפטליכען אבמאך איז דאס פאלק, די געזעלשאפט דער בעל־הבית. די געזעלשאפט האט עס געמאכט און די געזעלשאפט קען עס פארניכטען. און דארום אויב אימיצער האט אויפגעהערט צו בעטראכטען דאס יודענטהום אלס אן אמונה איז פארשטענדליך פארוואס ער האלט אז דאס וואס דאס פאלק וויל איז אידישקייט און דאס וואס פאלק וויל ניט איז ניט קיין אידישקייט.

אויב אבער אימיצער האלט וועגען דאס יודענטהום אלס דאס וואס עס איז אין אמת'ן—אלס א גלויבען, דאן איז אונמעגליך צו האבען אזא מיינונג וועגען דעם כח פון פאלק אי-

בער דאָס יודענטהום. א פאָלק האָט ניט קיין שום כח איבער זיין אמונה, ניט דאָס פאָלק גיט זיין קראַפט צו דער אמונה, נאָר די אמונה גיט איהר קראַפט צום פאָלק. דער קוואַל פון גלויבען איז ניט אין פאָלק, נאָר אין דאָס געטליכע און דאָס וואָס עס איז העכער ווי די מענשליכע געזעלשאַפט. אַן אמונה איז ניט קיין קאָנטראַקט צווישען מענשען, וואָס האָט אַ בע־דייטונג נאָר צום כח פון די צדדים וואָס האָבען דעם קאָנט־ראַקט געמאַכט. אַן אמונה פרעגט ניט קיין הסכמה פון די וואָס גלויבען און נעהמט פון זיי ניט קיין אויטאָריטעט. אַן אמונה, איז ביי די וואָס גלויבען אין איהר, אַן אַבסאָלוטער אמת, אַלץ איינס צו מענשען זיינען דערצו מסכים אָדער ניט. מעג אפילו קיינער ניט מסכים זיין צו דאָס וואָס די אמונה זאָגט, איז זי ביין גלויביגען דער פעסטער אמת. מעג דער גאַנצער דור דיינקען אַנדערש ווי די אמונה פאָדערט, הייסט עס אַלץ ביי דעם גלויביגען אַז די אמונה איז ריכטיג און דער גאַנצער דור איז אַראָב פון דרך־הישר. די גאַנצע וועלט קען זיין קרום, קען זיין אונגערעכט, קען זיין פאַרדאַרבען און מען נעהמט עס ניט אין חשבון ווען עס האַנדעלט זיך וועגען די אמת׳ן פון דער אמונה, וועלכע בלייבען אייזערנע אמת׳ן אפילו קיינער זאָל זיי ניט וועלען אָננעהמען.

קיינעם פאַלט ניט איין צו רעכענען, אַז דערפאַר וואָס די גאַנצע וועלט איז געווען "פול מיט רויב" אין נח׳ס צייטען, איז דאַן רויב געווען די ריכטיגע זאַך. עס איז געווען גענוג איין מענש אין א גאַנצען דור וואָס האָט געהאַט די אמת׳ע אמונה, אַז דער גאַנצער דור זאָל פאַראורטהיילט ווערען אַלס אַזעלכע וואָס איז אַראָב פון וועג, און אפילו אַז עס וואָלט ניט געווען קיין איינער וואָלט אויך די אמונה ניט געוועזן דאָס וואָס אַלע מענשען האָבען געפיהלט, געטראַכט און גע־טאָהן. דער אמת וואָלט געבליבען אמת אפילו אויב קיינער וואָלט דערפון ניט געהאַלטען און דער עיקר וואָלט געבליבען עיקר אפילו אַז אַלע זאָלען ניט האַלטען פון איהם. דאָס איז דער שטאַנדפונקט פון רעליגיאָן און קיין אַנדער שטאַנדפונקט קען ניט זיין. דער גאַנצער כח פון רעליגיאָן איז וואָס זי פאַר־דערט געהאָרכזאמקייט ניט מיט דעם כח פון מענשען, ניט פון דעם כח פון געזעלשאַפט, נאָר מיט דעם כח פון דאָס וואָס איז העכער פון מענש, פון דעם כח איבער וועלכען מענ־שען האָבען קיין קאָנטראָל און די געזעלשאַפט האָט ניט קיין דעה. פאַרקעהרט: די געזעלשאַפט מוז זיך בויגען. ניט מיט

דעם כח פון פאָלק קומט דער נביא, נאָר מיט דעם כח פון "כה אמר ד'", דאָס פאָלק האָט דאָ גאָר ניט אַריינצוזאָגנס. עס איז דאָרום קלאָהר, אַז ביי יענע אידען ביי וועמען דאָס יודענטהום איז דאָס וואָס עס דאַרף זיין: אַן אמונה, קען גאָר קיין רייד ניט זיין פון אַזאַ שיטה, אַז דאָס וואָס דאָס פאָלק וויל, איז יודענטהום און דאָס וואָס דאָס פאָלק וויל ניט, איז עס ניט.

אַ בליק אויף דער געשיכטע פון דער אידישער נאַציאָן קען יעדען איבערצייגען ווי פאַלש עס איז אויך פון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט אָט די אידעע אַז דאָס יודענטהום אין יעדער צייט איז דער סך־הכל פון די געפיהלען און פון די מחשבות פון דער נאַציאָן. עס קען ניט זיין קיין פאַלשערע זאַך ווי דיעזע. דאָס יודענטהום האָט זיך קיינמאָל ניט גערעכענט מיט די געפיהלען און מחשבות פון דער אידישער נאַציאָן ווען די דאָזיגע געפיהלען און מחשבות זיינען געווען געגען די פּרינציפּען פון יודענטהום. די אידישע נאַציאָן האָט קיינמאָל קיין דעה ניט געהאַט איבער'ן יודענטהום און האָט איהם ניט געקענט פיהרען אין איהר וועג. אויב עס וואָלט אַזוי געווען דער פאַל וואָלט שוין די אידישע רעליגיאָן לאַנג פאַרשוואונדען.

עס איז זיכער, אַז ווען די אידען האָבען געמאַכט דעם עגל האָט די אידישע נאַציאָן געוואָלט דיענען צו אַ קאַלב איידער האָבען די אידישע אמונה. די וואָס האָבען געזאָגט: "קום עשה לנו אלקים", האָבען געווים פאַרטראַטען די מיינונגען און די אַנשויאונגען פון גאַנצען אידישען פאָלק אויסער אַ גאַנץ קליינע הייפעל. און לויט די מיינונגען פון די וואָס האַלטען דאָס פאָלק אַלס דעם דעה־זאָגער איבער יודענטהום איז אין יענעם מאָמענט דער עגל געווען דאָס אידישקייט, אָבער עס איז ניט אַזוי געווען, די גאַנצע אידישע נאַציאָן איז "אָראָב פון דרך", לויט די ערקלעהרונג פון דער תורה, די אידישע נאַציאָן קען נאָך זיך דאָס יודענטהום ניט שלעפּען, צו זיי היטען אָדער זיי היטען ניט, צו זיי זיינען מסכים אָדער זיי זיינען ניט מסכים, צו טוען זיי אַזוי אָדער זיי טהוען אַנדערש, בלייבט דאָס יודענטהום ווי עס איז געווען. ניט דאָס וואָס אידען טוהען, ווערט יודענטהום, נאָר וואָס זיי דאַרפען טאָהן איז יודענטהום.

אַ צווייטער ביישפּיעל: אין דער צייט ווען עס זיינען געווען אויפ'ן באַרג כרמל פיער הונדערט נביאים פאַר'ן בעל

און איין נביא פאר דער אידישער אמונה איז די אידישע נאַציאָן געשטאַנען מיט'ן בעל. דאָס אידישע פאָלק איז געווען אויף דעם פאַלשען וועג. לויט די וואָס שטעלען דאָס פאָלק העכער ווי די אמונה, איז דער וועג פון די נביאי־הבעל געווען דער אמת'ער וועג, ווייל דאָס פאָלק האָט דאָך אזוי געדיינקט, דאָס פאָלק האט דאך אזוי זיך געפיהרט. און דאך ווייסען מיר, אז דער אמת איז געווען דוקא ניט אויף דער זייט פון פאָלק, נאָר אויף דער זייט פון די איינצעלנע מענשען. דאָס וואָס די אידישע נאַציאָן האָט דאמאלס אנגענומען איז געווען פאַלש און ניט אידיש און דאָס וואָס דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט אָננעהמען איז געווען דער אמת.

דערפון איז צו זעהן ווי גרונדלאָז, ווי ניט לאָגיש, ווי ניט היסטאָריש איז די מיינונג, אז דאָס פאָלק האָט א כח צו גוטהייסען אָדער צו פערוואַרפען אַ זאַך אין יודענטהום. די וואָס בעהויפּטען עס זיינען שוין אליין ווייט אוועק פון דעם בעגריף וואָס אידישקייט איז, זיינען שוין אוועק פון דעם היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, אז דאָס יודענטהום איז קודם־כל אן אמונה און ניט קיין געזעלשאַפטליכער אַפּמאַך.

די וואָס שטעלען דאָס פאָלק העכער פון דער אמונה און מאַכען איהם פאר'ן בעל־הבית איבער'ן גלויבען, ברייננגען די גרעסטע געפאַהר אין דעם לאַגער פון יודענטהום. ווייל דערמיט נעהמען זיי אוועק די אויטאָריטעט פון דער אמונה, וועלכע קען ניט עקזיסטירען אויב זי האָט ניט די העכסטע אויטאָריטעט, און זיי נעהמען אוועק פון דאָס יודענטהום זיין גאַנץ בעדייטונג, ווארום אויב עס זאָל זיין אַבהענגיג אָן די שטימונג פון פאָלק, האָט עס מעהר ניט קיין שום כח און איינפלוס.

איינער פון הונדערט

מיר קומען יעצט צום וויכטיגסטען פונקט פון דעם סדר־הכל פון יודענטהום אין אמעריקא : די ערציהונג פון נייעם דור, דאס איבערגעבען פון יודענטהום פון די הענד פון די אידען וואס זיינען אהער געקומען פון אנדערע לענדער צו די וואס זיינען דא געבוירען אדער געהאדעוועט געווארען.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז די אידישע נאציאן קען ניט לעבען אהן אן אייגענע סקול. אפילו נאציאנען וואס זיינען איינגעווארצעלט אין זייער באדען, וואס האבען זייערע אייגענע רעגיערונגען און וואס לעבען אליין אין זייערע לענדער און האבען ניט פאר זייערע אויגען די געפאהר פון אויסמישען זיך מיט אנדערע און אונטערגעהן — אפילו זיי קענען ניט אנהאלטען זייער עקזיסטענץ אין דעם ריכטיגען זינן פון דאס ווארט, אויב זיי זאלען ניט האבען זייער סקול, וואו דער גייסט פון דעם קינד ווערט אויסגעגאסען אין דעם פורעם פון דאס פאלק. וואס איז שוין פאראן צו רעדען וועגען דער אידישער נאציאן, וואס לעבט אויף א פרעמדען באדען, ארומגערינגעלט פון א פרעמדע אטמאספערע, א מינאריטעט צווישען א מאיאריטעט פון אנדערע, אין א סביבה פון א פרעמדער קולטור, וואס סטראשעט כסדר צו פארשלינגען דאס יודענטהום און די אידען און זיי אויסמעקען פון לעבען !

דאס יודענטהום איז שטענדיג געווען, איז יעצט און וועט זיין א זאך פון שטודירען, פון לערנען. דער סוד פון דער אידישער עקזיסטענץ איז אין דעם ווארט "ושננתם". לערנען און ווידער לערנען, אהן א סקול קען מען ניט לערנען. אהן אן אייגענע סקוהל איז אבסאלוט אונמעגליך פיר אירגענד וועלכע סארט אידישע עקזיסטענץ. די אידישע געשיכטע, איבערהויפט אין די לעצטע צוויי טויזענד אהר, איז א נעשיכטע פון לערנען אין סקולס. נאך איידער דער בית־המקדש איז חרוב געווארען האט מען ביי אידען איינגעארדענט א סארט פאבליק־סקוהל סיסטעם און אומעטום האבען אידען ניט געמאכט קיין איינציגען שריט אהן דער

סקוהל. אנפאנגענדיג מיט דער עלעמענטארער סקוהל פאר קינדער און ענדיגענדיג מיט דער העכסטער סארט סקוהל פון דעם סקוהלס־סיסטעם : די ישיבה. עס איז בלויז פאראן איין קוואל פון וואנען דאס יודענטהום קען שעפען לעבען און דאס איז די סקול, דער חדר. עס איז דארום קלאהר, אז ווען מיר ווילען זיך נאכפרעגען וועגען דעם צושטאנד פון יודענטהום אין א געוויסע לאנד, קומט די ערשטע פראגע : וואס טהוען די אידען פון דער לאנד מיט זייערע קינדער, אום צו מאכען זיי פאר אידען ? אדער מיט אנדערע ווער־טער : וואס איז דער צושטאנד פון דער אידישער סקוהל אין דער דאזיגער לאנד ? און לויט דעם ענטפער אויף דער דאזיגער פראגע קען מען האבען דעם ענטפער אויף דעם מצב פון גאנצען יודענטהום אין יענער מדינה.

אלזא, ווי שטעהט עס מיט דער אידישער סקול אין אמעריקא ? וואס האבען דא די אידען אויפגעטאהן אויף דעם פעלד פון אויפהאדעוועז זייערע קינדער אלס אידען דורך דעם אידישען חדר ?

לאמיר פריהער זיך נעהמען צו טרוקענע סטאטיסטיק. אויף אזוי וויט ווי עס איז פאראן סטאטיסטיק וועגען דער זאך. די "דזשואיש עדיוקיישאן אסאסיאיישאן" האט איצט פארעפענטליכט ציפערען וועגען די צאהל קינדער וואס קריגען אידישען אונטערריכט אין נויארק. דיעזע ציפערען צייגען, אז זיבען און צוואנציג פון יעדע הונדערט אידישע קינדער קריגען אונטערריכט אין אידישע למודים אין נויארק. דאס הייסט, אז די צאהל פון די קינדער וואס לערנען עטוואס אדער וואס לערנען מעהר איז א ביסעל מעהר ווי א פיערט־חלק פון דעם אלגעמיינעם צאהל פון אידישע קינדער. מיט אנדערע ווערטער, אויף יעדע דריי אידישע קינדער וואס געהען אין פאבליק סקוהל געהט איי־נער אין א אידישע סקוהל, אדער געהט צו אידישען אונטער־ריכט אין אלגעמיין. די ריעזיגע מאיאריטעט, דריי־און־זיבעציג פון הונדערט, לערנען אבסאלוט גאר ניט !

דאס אליין איז שוין טרויעריג גענוג ! ווען אפילו אז די זיבען און צוואנציג וואלטען אלע געגאנגען אין אן איי־גענע אידישע סקוהל און וואלטען דארטען געקראגען א פאל־שטענדיגען אידישען אונטערריכט, פון וועלכען מען קען ווע־רען א וויסענדער און פיהלענדער איד, וואלט אויך דער צו־

שטאנד געווען א שלעכטער, האבענדיג אין זינען, אז דריי און זיבעציג קריגען גאר קיין אונטעררי‏כט, דריי און זיבע־ציג אונוויסענדע אויף זיבען און צוואנציג וויסענדע איז א געוואלדיגער פראצענט פון אונוויסענהייט. וואס קען רויט מאכען פון שאנדע דעם פנים פון יעדער נאציאן איבערהויפט די אידישע אויף וועלכע עס איז געזאגט "וכל בניך למודי ה'". וואס קען ווערען פון א יודענטהום אין לאנד וואס בלויז איין טאטע אין פיער וויל זיין קינד זאל א איד בלייבען און אינטערעסירט זיך איהם איבערגעבען די אידישקייט וואס ער אליין האט געקראגען ? !

אזא מין צושטאנד קען ברייננגען צו פעסימיסטישע גע־דאנקען און צו גרויס צווייפעל אין דעם צוקונפט פון אמע־ריקאנעם יודענטהום אפילו אויב די זיבען און צוואנציג, וואס קריגען אידישען אונטערריכט זאלען זיין צופריעדענ־שטעלענד אלס קינדער וואס האבען אן ערציהונג אין א אי־דישע סקוהל. אבער דאס בילד ווערט פיעל דונקעלער ווען מען נעהמט זיך ווייטער צו דער סטאטיסטיק פון דער "דזשואיש עדיוקיישאן אסאסיאיישאן" און מען בעטראכט וואס פיר א פארט אידישע לעהרע האבען אייגענטליך אט די זיבען און צוואנציג, וואס האבען יא געקראגען אונטער־ריכט, ארויסגעקראגען פון זייער אונטערריכט. די דער־מאהנטע אסאסיאיישאן דערצעהלט, אז פון די זיבען און צוואנציג פון הונדערט זיינען בלויז פיערצעהן געגאנגען אין תלמוד תורה'ס און ישיבות, ווערענד די איבעריגע דריי־צעהן פראצענט האבען געלערענט אין סאנדעי סקולס, פריי־וואט א. ז. וו.

א סאנדעי סקוהל הייסט נים א אידישע סקוהל אפילו אז מען זאל דארטען לערנען תורה, און עס זאל דארטען זיין די בעסטע סיסטעם, און די לעהרערס דארטען זאלען זיין די בעסטע אידען, וואס עס זיינען נאר דא אויף דער וועלט. צוליעב דעם פשוט'ן טעם, אז לערנען איין טאג איז וואד אידישקייט איז ווי א טראפען אין א ים. די למודים פון יו־דענטהום זיינען גרויס און פיעל און מען קען אין איין מאל אין וואך גאר נים אויסלערנען, און די סביבה ארום איז אזוי נים אידיש, די קולטור אין וועלכער דער אמעריקאנער אי־דישער קינד האדעוועט זיך אויף איז אזוי מעכטיג, אז עס איז אונמעגליך דאס צו בעקעמפפען מיט איין מאל אין דער

וואָד אפילו אויב דער איינמאָל זאָל זיין געוואוידמעט צום יודענטהום אין דעם בעסטען זינן פון דאָס וואָרט.

וואָס איז שווין פאָראַן צו ריידען ווען עס איז קלאָהר פאַר אַלעמען, אַז די סאַנדעי־סקול איז ליידיג אין אינהאַלט און האָט ניט קיין שום האַפט און בעדייטונג אפילו אין דער צייט ווען דער אונטעררעכט געהט אָן. אפילו דאָס ביסעל וואָס עס ווערט דאָרטען געזאָגט איז עס אויך קיין אידיש־קייט ניט, עס איז אין גאַנצען אַ רעפאָרמירטע טויטע זאַך. וואָס האָט אַזאַ טעם און אַזאַ ממשות ווי די "אידישקייט" פון אַ יוניאָן פרייער בוק. מען קען די סאַנדעי־סקולס מיט אַ גאַנץ רוהיגען געוויסען אוועקשטעלען אויף דעם חשבון פון פערלוסט און בעצייכענען זייער בעדייטונג אין יודענטום אַלס נול. צו דער פראַגע פון אַן א י י ג ע נ ע אידישע סקוהל וואָס זאָל אויפהאָדעווען אידען האָט עס ניט צו טאָן.

עס בלייבען דאָרום אויף'ן חשבון בלויז פיערצעהן אי־דישע קינדער פון הונדערט וואָס האָבען אַ אידישע סקוהל. די וואָס לערנען אין תלמוד־תורה'ס און ישיבות. זעקס און אַכציג פון הונדערט האָבען קיין אידישע סקוהל. פיערצעהן קינדער פון הונדערט איז אַ מורא'דיג קליינער פראָצענט פיר אירגענד וועלכער אומה, ביי אַזאַ אומה ווי אונזערע, וואָס די סקול איז דאָס לאַנד, די פעסטונג, דאָס לייב און דאָס לע־בען, די נ ש מ ה, איז פיערצעהן פראָצענט אַ סימן פון אַ שרעקליכען באַנקראָט, אַ באַנקראָט פון זעקס און אַכציג פראָצענט אין דער אויפגאַבע פון שאַפן אַ נייעם אידישן דור, וואָס זאָל טראָגען דאָס וואָס מיר האָבען אהער געבראַכט פון אונזערע אור־אור־עלטערען, איז אַ זעהר שלעכטער פונקט ווען מען מאַכט אַ סך־הכל. דער קרעדיט פון אַזאַ יודענטהום מיט זעקס און אַכציג פראָצענט ניט בעצאָהלטע חובות דאַרף זיין זעהר קליין.

דאָס וואָלט אַלץ געוועדט געווען ווען לכל־הפחות די פיערצעהן וואָס האָבען אַ אידישע סקוהל וואָלטען עס גע־האָט אין דער פולער מאָס און וואָלטען פון איהר געקענט אַרויסנעהמען דאָס אידישקייט וואָס זיי דאַרפען אַרויסנעה־מען, אום זיי זאָלען קענען זיין פאָלשטענדיג אידען. אַ אידי־שע סקוהל חייסט אַזעלכע, וואָס נעהמט אַריין דאָס קינד און האָט איהם אין גאַנצען, האָט זיין גאַנצע צייט, זיין גאַנ־צע קאָפ, זיין גאַנצע האַרץ, זיין גאַנצע ענערגיע און זיין גאַנ־

צע נשמה. אַ אידישע סקוהל הייסט אַזאַ סקוהל וואָס זי איז איינע ביין קינד און איז ניט אַ צולייג צו אַן אַנדערע, אַן צוטשעפּעניש אין דער ענדע פון טאָג, ווען מען האָט שוין אַן אַנדער סקוהל ד י א מ ת ׳ ע ס ק ו ה ל דורכגע־מאַכט. אַ אידישע סקוהל הייסט וואו דער אידישער קינד געפינט זיך אין אַ אידישע אַטמאָספערע דעם גאַנצען טאָג. און ניט וואו דער קינד קומט אין "צווייטעל גלגול" נאָכדעם ווי ער איז אַ גאַנצען טאָג געווען אין אַן אַנדער וועלט. מען קען ניט דינען קיין צוויי געטער און האָבען די פולע טריי־הייט צו ביידען. מען קען ניט האָבען צוויי סקולס און ליעב האָבען ביידע גלייך, איינע מוז ווערען אַן עיקר, דאָס צווייטע אַ טפל. עס איז זעלבסטפערשטענדליך. אַז די אין־דער־פריה׳דיגע ניט־אידישע סקוהל ווערט דער עיקר און די פאַר־נאַכטיגע אידישע ווערט אַ טפל און אַ ניט־אַנגענעהמער טפל דערצו.

ווען אמווייניגסטענס — זאָגען מיר — די פיערצעהן פון הונדערט וואָלטען געגאַנגען אין אַ ריכטיגע אידישע סקוהל, וואָס זאָל געבען דעם אידישען קינד אַ גייסטיגע היים, וואָלט מען כאָטש געקענט זיך טרייסטען, אַז פיערצעהן פון הונ־דערט זיינען ביי אונז געראַטעט. די ציפערען אָבער זאָגען אונז, אַז פון די פיערצעהן גֵעהען דרייצעהן אין תלמוד־תורה׳ס, דאָס הייסט פאַרנאַכטיגע "צוגעלייגטע" סקוהלס. און בלויז איין פּראָצענט געהט אין דער אידישער סקוהל ווי אַזוי זי דאַרף זיין, אין ישיבות. דאָס הייסט מיט קלאָהרע ווערטער: אַז פון הונדערט אידישע קינדער אין נויאָרק האָט בלויז א י י ן קינד אַ אידישע סקול אין פולען זינן פון וואָרט. דאָס הייסט, אַז דאָס יודענטהום פון נויאָרק גיט אַ פולע אידישע ערציהונג נאָר צו איין קינד פון הונדערט. און צו ניין און ניינציג גיט זי עס ניט!

דריי סאָרטען אידישע סקולס

איין פּראָצענט פון די אידישע קינדער אין אמעריקא האָבען א פולע אידישע סקול, אנשטאט הונדערט פּראָצענט פון אידישע קינדער, וואָס האָבען געהאט א פולע אידישע סקוהל אין דער אַלטער היים. דרייצעהן פּראָצענט פון אידישע קינדער אין אמעריקא האָבען א דריט־חלק אָדער א פיערט־חלק פון א אידישע סקוהל — אָט דאָס איז דער קאַפּיטאַל מיט וועלכען די אידען פון אמעריקא טרעטען אריין אין דעם צווייטען יובל פון דער נייער געשיכטע פון אידען אין אמעריקא, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען ארום דעם אָנפאַנג פון די אכציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט. אָט דאָס איז אונזער גייסטיגער פאַרמעגען אויף דעם פעלד פון ערציהונג, אָדער ריכטיגער, אויף דעם פעלד פון יודענטהום, ווייל אָהן ערציהונג איז קיין יודענטהום ניטאָ און קען ניט זיין.

יעצט איז צייט צו אָבשטעלען זיך און מאַכען אַ אונטערזוכונג וועגען אָט די פיערצעהן קינדער פון הונדערט, וואָס קריגען יאָ א אידישע ערציהונג. קריגען זיי אַ ערציהונג אזוי ווי זי דאַרף זיין פון שטאַנדפּונקט פון יודענטהום, אָדער ניט ? ווערט די מיליאָנען דאָלארס, די ענערגיע און די צייט וואָס די אידען אין אמעריקא לייגען אריין אין ערציהונג בענוצט פיר דעם צוועק צו וועלכען די אידישע ערציהונג מוז שטרעבען ?

אום צו ענטפערען אויף דיעזער פראַגע מוזען מיר זיך אָבשטעלען אויף אַ אַנדער פראַגע : וואָס איז טאַקע דער צוועק פון דער אידישער ערציהונג ? צו וואָס ווערט זי אונטערנומען און צו וואָס וויל זי דערגרייכען ?

געוויס זעהט־אוים אַזאַ שאלה נאַריש פאַר א ריכטיגען אידען. ווער ווייס עס ניט, אַז דער צוועק פון דער אידישער ערציהונג איז צו לערנען די קינדער די אידישע רעליגיאָן, צו איבערגעבען זיי די תורה און מצוות און דאָס גאַנצע אידישקייט וואָס מיר האָבען גע'ירשנ'ט ? ווער ווייס עס ניט אַז דער "חדר" וואָס האָט אויפגעהאַלטען אונז אין אַלע צייטען

האט געהאט איין צוועק, צו בעקענען די קינדער מיט דער תורה, אום זיי זאלען איהר היטען? ווער וויס דאס ניט, אז דער חדר איז די רעליגיעזע אידישע סקוהל, און ווער וויס דאס ניט, אז קיין אנדער צוועק ווי צו מאכען די קינדער פאר רעליגיעזע אידען האט דער חדר ניט געהאט און קען ניט האבען, פונקט ווי דאס גאנצע אידישע לעבען איז געגרינדעט אויף דער אידישער אמונה, אזוי איז די אידישע סקוהל גע־גרינדעט אויף דעמזעלבען באזיס. איין בליק אין דער אידי־שער געשיכטע איז גענוג דאס צו איבערצייגען.

ליידער אבער איז דיעזער אמת ניט קיין אמת פאר אלע־מען. קיינער לייקענט ניט אין דער אידישער גאס, אז דער צוועק פון דער אידישער סקוהל איז געוועזען אין דער גאנצער צייט פון דער געשיכטע א רעליגיעזער. אבער עס זיינען פאראן אנדערע וואס גלויבען, אז וויטער דארף עס אזוי שוין ניט זיין. זיי גלויבען אין אנדערע צוועקען פאר דער אידישער סקוהל, פאר דער אידישער ערציהונג. זיי ווילען מאכען פון דער אידישער סקוהל אן אנדער זאך ווי דאס וואס זי איז געווען. דער תכלית פון אונזערע על־טערען איז ניט זייער תכלית. זיי ווילען געבען דער אידישער סקוהל, דער אידישער ערציהונג, אן אנדער ריכטונג, אדער אנדערע ריכטונגען, ווי זי האט געהאט אין דער גאנצער אי־דישער געשיכטע. און איידער מיר טרעטען־צו צו דער אונ־טערזוכונג וועגען דער פראגע: צי ערפיהלט די אידישע ער־ציהונג אין אמעריקא (אין תלמוד־תורה׳ס און ישיבות) איהר אויפגאבע, און צי איז זי טריי צו איהר צוועק, מוזען מיר פריהער זעהן וואס זיינען די ריכטונגען אין דער אידישער ערציהונג אין אלגעמיין אין דער יעצטיגער צייט און וואס זיינען די צוועקען וועלכע ווערען געזוכט היינט אין פארשיע־דענע לאגערן אין דער אידישער ערציהונג. דאס וועט אונז געבען די מעגליכקייטען צו קריגען אונזער בעשלוס וועגען דער אידישער ערציהונג אין אמעריקא.

עס זיינען יעצט פאראן אין דער אידישער וועלט דריי סארטען אידישע סקוהלס, וואס האבען דריי בעזונדערע אי־דישע צוועקען און ווילען, יעדע פון זיי, דערגרייכען א בע־זונדער תכלית און זוכען דארום פארשיעדענע מיטלען, אום צו זייער תכלית צו דערגרייכען. די דריי סארטען סקוהלס פאר־טרעטען דריי בעזונדערע אנזיכטען אויף אידישע ערציהונג.

נאָך מעהר ווי דאָס: זיי פאָרטרעטען דריי פארשיעדענע בליקען אויף דעם יודענטהום, דריי פארשיעדענע בליקען אויף דער אידישער געשיכטע, אויף דער פערגאַנגענהייט, געגענוואָרט און צוקונפט און זיינען געבויט אויף דריי פארשיעדענע פילאָזאָפיען, וועלכע קענען צוזאַמען ניט אויפגעגאָסען ווערען.

1\. די אָרטאָדאָקסישע סקוהל. זי איז די יורש'טע פון דער אַלטער אידישער טראַדיציאָנעלער סקוהל, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין די צייטען ווען אידען זיינען נאָך געזעסען אויף זייער לאַנד און האָט בעגלייט דעם לעבען אויף שריט און טריט אין אלע טהיילען פון דער וועלט, וואו דער איד איז געקומען. דאָס איז די סקוהל, וואָס האָט אונז ארויסגעגעבען אַלע אידישע פיהרער פון אַלע צייטען, וואָס האָט אויפגעשטעלט תנאים, אמוראים, גאונים, רבנים, תלמידי־חכמים, לומדים, בעלי־בתים, וואָס זיינען בני־תורה, פשוט'ע אידען, עהרליכע און פרומע און דעם גאַנצען אידישען המון אויף וועלכען דאָס אידישע לעבען האָט זיך געהאַלטען. דאָס איז די סקוהל וואָס האָט אויסגעהאָדעוועט גבורים וואָס זיינען געגאַנגען אין פייער על קידוש־השם, וואָס האָט אויסגעשמידט דעם אידען'ס עקשנות און געמאַכט איהם מוטיג צום אייביגען קאַמפף פאַר'ן אמת, פאַר'ן אידישען גלויבען. דאָס איז די סקוהל, וואָס האָט דורכגעפיהרט דעם אידישען פאָלק דורך אַלע געפאַהרען און האָט אונז געמאַכט פאַר דער גרעסטער נאַציאָן אין גייסט וואָס מיר זיינען. דאָס איז די סקוהל, וואָס האָט געשאַרפט אונזער מח, וואָס האָט ענטוויקעלט אונזערע גייסטיגע כחות און האָט ארייגעגאָסען שטאָל אין אונזערע אָדערן, אַז מיר זאָלען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבשרעקען. דאָס איז די סקוהל וואָס האָט אונז געגעבען אַלעם וואָס מיר פאַרמאָגען: אַ פייערדיגע אמונה, אַ מעכטיגע לעהרע, מדות און הויכע אידעאלען, גבורה צום קאַמפף און אַן איינבעזיעגבאַרען ווילען. דער צוועק פון דיעזער סקול איז תורה, אמונה, אידישקייט. די מיטלען זיינען צוגעפאַסט צום צוועק און האָבען דעם צוועק גוט געדיענט.

אין דער אָרטאָדאָקסישער סקול זיינען פאַראַן פארשיעדענע טיפען. עס געהען אין דעם אריין, צום ביישפיעל, די סקוהלס פון מזרחי אין ארץ־ישראל, וואו מען לערענט עברית־בעברית, אין די תלמוד־תורה'ס פון אַלטען ישוב, וועלכע ווערען געפיהרט אין גאַנצען אויפ'ן אַלטען שטיי-

גער, עס געהען אריין די חדרים אין פוילען, אזעלכע סקולס ווי די מזרחי'סטישע תחכמוני אין ווארשא, אין סקולס פון אגודת ישראל אין פוילען, "יבנה" סקולס אין ליטא, די קי־שענעווער גימנאזיע, וואס איז עקסטרים ארטאדאקסיש און מען לערענט דארטען אלע וועלטליכע למודים אויף העברע־איש. עס געהען אין דעם אריין סקולס אין פראנקפורט־אם־מיין פון דעם ברויער'שען שנים. אבער דיעזע אלע אונטער־שיידען זיינען ניט וויכטיג אין דאס, וואס עס איז נוגע צום עיקר, צו דעם צוועק פון די סקוהל. דיעזע אלע אינ־סטיטוציאנען וואס זעהען אוים וויים איינע פון די אנדערע, זיינען אנדערש איינע פון די צווייטע נאר אין בעצוג צו מע־טאדען און אין געוויסע פעלע פיעלייכט אויך אין בעצוג צו דער מאס פון געוויסע למודים, ווי צום ביישפיעל, אז אין א טהייל פון זיי לערענט מען מעהר תנ"ך ווי אין אנדערע און אין א טהייל פון זיי לערענט מען מעהר גמרא ווי אין אנדע־רע. אבער עס איז ניט קיין חלוק צווישען די אלע שולען וואס זיינען ארטאדאקסיש אין דאס וואס אנבאלאנגט צום הויפט פרינציפ, אז די אידישע סקוהל איז א רעליגיעזע סקוהל. אין דעם זיינען די מזרחי'סטישע סקוהלס פאלשטענדיג אויף איין באזים מיט די סקוהלס פון אגודת ישראל.

2. די נאציאנאלע סקוהל, אדער "בית ספר לאומי". דיעזע סקוהל איז ניט מעהר ווי פינף און צוואנציג־דרייסיג יאהר אלט, און איז א רעזולטאט פון יענעם סארט נאציא־נאליזם וואס אנערקענט ניט די רעליגיאן אלס דעם עיקר פון דעם אידישען עקזיסטענץ. דער צוועק פון דער אידישער ער־ציהונג איז, לויט די אנהייגגער פון דער נאציאנאלער סקול אדער "בית ספר לאומי", צו אויפהאדעווען אידישע נאציא־נאליסטען, ניט אויפצוהאדעווען אידען וואס היטען דעם אי־דישען דת. די אידישע סקוהל, לויט זייער מיינונג, דארף ניט זיין פארבונדען מיט קיין רעליגיעזע קדושה. עס דארף זיין א וו א כ ע ד י ג ע סקוהל, וואס האט מיט רעליגיאן ניט צו־טאהן. עס דארף זיין אזא סקוהל, וואס זאל זיין אנדערש ווי די אידישע סקוהל וואס אידען האבען זייט טויזענדער יאה־רען. דערמיט, וואס זי, די נייע נאציאנאלע סקוהל, שטעלט אוועק דעם עיקר , דעם גאנצען עיקר פון זיין א איד, ניט אויפ'ן דת, נאר אויף'ן נאציאנאליזם. א גוטער איד אין זיין בעסטע פארם איז דער וואס קען העברעאיש און האט ליעב ארץ־ישראל, און ער איז ניט מחויב צו האבען קיין שום

שייכות מיט פארערונגען פון א רעליגיעזען חאראקטער. דאס יודענטהום שטעהט אויף דער העברעאישער שפראך און אויף א ליעבשאפט צו ארץ־ישראל, קיין אנדערע פליכטען האט א איד ניט צו ערפילען, אויב ער וויל זיין א פאלשטענדיגער איד אין זיין העכסטען און בעסטען בעגריף. ניט נאר דארף די סקוהל ניט זיין קיין רעליגיעזע און דארף דעם קינד ניט צוגרייטען צו היטען דעם אידישען דת, נאר פארקעהרט, דאס קינד דארף ווערען ערצויגען אין אזא גייסט, אז ער זאל וויסען און פיהלען, אז דאס וואס ער דארף מיטנעהמען פון סקוהל אין לעבען איז לאומיות און קיין אנדער זאך, און די סקוהל אליין צייגט דעם קינד אז מיט'ן דת רעכענט מען זיך ניט. מיט איין ווארט: ניט נאר איז די נאציאנאלע סקול א שולע וואס האט ניט קיין רעליגיאן, וואס האט ניט קיין יודענטהום, נאר זי איז אויך א שולע, וואס ערציהט די קינדער אין א גייסט, וואס איז ג ע ג ע ן רעליגיאן, גע־גען יודענטהום. זי וויל אויפהאדעווען אן אנדער אידישע נאציאן, וואס זאל זיין אנדערש ווי די וואס איז געווען ביז יעצט. זי וויל שאפען א נייע אידישע אומה ביי וועל־כער די רעליגיאן זאל נישט זיין דער פונדאמענט פון איהר נאציאנאלען לעבען און עקזיסטענץ, ווי עס איז געווען ביי אידען ביז יעצט. זי וויל ערציהען אזא סארט אידישע פאלק ביי וועמען דער ניט־רעליגיעזער נאציאנאלער געדאנק, יענער סארט נאציאנאליזמוס, וואס האט מיט דת און גלויבען קיין שייכות, זאל פארנעהמען דעם פלאץ פון יודענטהום. די נאציאנאלע סקוהל טהיילט פארנאנדער דעם אידישען נא־ציאנאליזמוס און די אידישע רעליגיאן, וועלכע זיינען, לויט דער אידישער אמונה און לויט דער אידישער געשיכטע איין זאך, נעהמט אן בלויז דעם נאציאנאליזמוס און שטויסט ארויס די רעליגיאן. די נאציאנאלע סקוהל איז דארום, לויט איהרע פרינציפען און אויפפאסונג, אנטי - רעליגיעז און שטעהט אין פולען קאנטראסט צו דער אידישער ארטאדאק־סי, צו דער אידישער טראדיציע און צום יסוד פון אידישען חנוך ווי ער איז געווען ביז יעצט אנגענומען ביים אידישען פאלק. צו דיעזער סקוהל בעלאנגען די בתי ספר הכללים פון ארץ־ישראל און די "תרבות" שולען אין פוילען און אנדערע לענדער.

3. די אידישיסטישע סקוהל — איבער איהר וועלען מיר שפעטער ריידען.

פון דרויסען תלמוד תורה
אינוועניג תלמוד לשון

מיר האָבען אין פריהערדיגען אַרטיקעל אַרומגערעדט די דריי סאָרטען סקולס וואָס זיינען פאַראַן יעצט אין דער אידישער גאַס, די אָרטאָדאָקסישע, די נאַציאָנאַלע, און די אידישיסטישע. מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אויף די ערשטע צוויי און האָבען בלויז דערמאָנט פאַרבייגעהענדיג די דריטע — די אידישיסטישע. וועגען דער לעצטער איז ניטאָ פיעל צו ריידען. זי איז דורך און דורך געגען דער אידישער רעליגיאָן, געגען אירגענד וועלכען פאָרם פון יודענטום און איז נאָך דערצו פול מיט שנאה געגען דער אידישער נאַציאָנאַלשפּראַך: העברעאיש, און איז אויך געגען ציון. דער אידישיזמוס איז אַ בעוועגונג וואָס איז געציעלט אויסצורייסען די אידישע אמונה מיט'ן וואָרצעל, אוועקנעהמען די קינדער פון דעם גלויבען פון זייערע עלטערען און צוזאַמען מיט דעם פאַרטרייבען פון דער אידישער גאַס די שפּראַך, מיט וועלכער דאָס יודענטום איז אויף אייביג פאַרבונדען, די שפּראַך פון תנ"ך און פון אַלע ספרים וואָס האָבען אויפגעהאַלטען די אידישע נאַציאָן. די אידישיסטישע סקול איז אַ סקול צו פאַרניכטען דעם יודענטום.

נאָכדעם ווי מיר ווייסען שוין וועגען די דריי בעזונדערע סקולס וואָס עס געפינען זיך ביי אידען יעצט, קענען מיר צוגעהן צו דער הויפּט־פראַגע וועלכע אינטערעסירט אונז: ווי שטעהט עס מיט די דריי סקולס אין אמעריקא? ווי האַלט עס דאָ מיט דער אָרטאָדאָקסישער סקול, מיט דער נאַציאָנאַלער פון דעם סאָרט פון תרבות און מיט דער אידישיסטישער? מיר וועלען פריהער פאַרטיג ווערען מיט דער לעצטער — מיט דער אידישיסטישער.

די אידישיסטישע סקול איז די אינגסטע אין אַמעריקא. זי איז געשאַפען געוואָרען אַלס אָפּאָזיציע צו די תלמוד־תורה'ס וועלכע אידען האָבען אָנגעהויבען גרינדען מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק. קיין גרויסען ערפאָלג האָט

דיזע סקול ניט, אָבער מען קען ניט איגנאָרירען דעם שאָדען וואָס זי מאַכט. די אידישיסטען האָבען אַ נעץ פון סקולס איבער'ן לאַנד און זיי געלינגט אַפט אַריינצוקריגען פרויען אַלס אונטערשטיצער פון דער אידישיסטישער סקול. טהייל־ווייז געלינגט עס זיי, דערפאַר ווייל ביי פרויען זעהט אויס די פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר אידיש אַלס אַ שטיק אידישקייט אין זיך אַליין. זיי פאַרשטעהען ניט וואָס פאַר כוונות עס זייַנען בעהאַלטען הינטער דעם אידישיזם; זיי ווייסען ניט וואָס פאַר אַ סכנה עס ליעגט אין דעם וואָרט "אידישיזם". ביי זיי קומט אויס אַז, אדרבה, אויב מען לערנט אידיש שרייבען און זינגען אין אַ סקול איז עס אַ גוטע זאַך, און דער נאָמען אַליין — "די אידישע סקול" — דיענט צו פאַרדעקען דעם וואָלף פון פאַרניכטונג אונטער אַ שעפּסענע פעל.

די וויכטיגערע פראַגע אָבער אין דער אידישער ערציהונג איז: ווי שטעהט עס דאָ מיט דער אָרטאָדאָקסישער סקול, און ווי האַלט זי אין איהר קאַמפּף מיט דער נאַציאָנאַלער סקול? וואָס איז דאָ שטאַרקער אין אַמעריקאַ — די סקול וואָס דאַרף ערציהען קינדער צו אידישקייט אָדער די "תרבות", און ווי אַזוי ווערט געפיהרט די קאָנקורענץ צווישען דיזע צוויי געגנערישע סקולס, צווישען די צוויי געגנערישע סאָרטען פון ערציהונג?

עס איז מערקווירדיג אַז ווען מען רעדט אין אַמעריקאַ וועגען אַ תלמוד־תורה אָדער אַ שולע הערט מען ווייניג די פראַגע: וואָס איז דאָס פאַר אַ תלמוד־תורה אָדער שולע: אַן אָרטאָדאָקסישע אָדער אַ נאַציאָנאַלע־"תרבות'ישע"? איהר הערט מעהר די פערהעלטניסמעסיג אונוויכטיגע פראַגע: איז עס אַן עברית־בעברית סקול? איז עס אַן עברית־באידיש סקול אָדער אַן עברית־באַנגלית סקול? ריכטיג ווי די מעטאָדע אין וועלכער מען לערענט וואָלט געווען די וויכטיגסטע זאַך אין דער ערציהונגס־פראַגע אין יודענטום. עברית־בעברית צי ניט עברית־בעברית איז ניט די הויפּט־פראַגע. דער פאַקט וואָס די נאַציאָנאַלע ניט־רעליגיעזע אָדער אַנטי־רעליגיעזע סקול ווערט געפיהרט אויסשליסליך אין עברית־בעברית מאַכט ניט דיזע שיטה פאַר אַנטי־אָרטאָדאָקסיש. די אָרטאָדאָקסישע מזרחי סקולס אין ארץ־ישראל זיינען דורכאויס עברית־בעברית'דיגע אוֹז, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיינען פאַראַן סקולס אפילו פון דער אגודת ישראל וואָס לערנען עברית־בעברית. די אָרטאָדאָקסי אין חנוך

ליעגט ניט אין עברית־באידיש, ווי אנדערע וואָס זיינען ניט קלאָר אין דער פראַגע מיינען. די וואָס מיינען אזוי, מישען אויף צוויי בעזונדערע זאכען אינאיינעם. זיי זעהען אז צוויי־שען די סקולס וואו מען לערענט עברית־בעברית זיינען פאַראַן א סך ניט־ארטאָדאָקסישע סקולס. זיי זעהען אז די לעהרער וואָס זיינען געשטימט געגען א רעליגיעזען גייסט אין דער סקול זיינען אלע עברית־בעברית׳ניקעס — קומען זיי צום פאַלשען שלוס, אז עברית־בעברית איז שולדיג אין דעם. אין אמת׳ן אָבער זיינען דאָ פאראן צוויי ערשיינונגען וואָס האָבען זיך צוזאמענגעטראָפען, אָבער זיינען ניט פאַרבונדען איינע מיט די אנדערע: אלע ניט־ארטאָדאָקסישע לעהרער זיינען עברית־בעברית׳ניקעס, ווייל זיי האלטען אז דער היפּט־צוועק, דער איינציגער צוועק פון דער אידישער ערציהונג איז אויסצולערנען די קינדער העברעאיש: און אזוי ווי זיי רעכענען אז מיט דיזער מעטאָדע לערענט מען בסער אויס העברעאיש, און ווייל אין אַלגעמיין איז די שפּראַך ביי זיי דער גרויסער עיקר, איז נאַטירליך אז זיי האָבען זיך גענומען צו דיזער שיטה. מען קען אָבער זיין א פאַלשטענדיגער אָרטאָדאָקס אין חנוך און האלטען אַז דער עיקר איז תורה און ניט די העברעאישע שפּראַך און אין דער־זעלבער צייט זיין א חסיד פון עברית־בעברית, אויב מען גלויבט אז עס איז די בעסערע שיטה פון דעם ריין־פּעדאַגאָגישען שטאַנדפּונקט.

עס איז דאַרום קלאָר אז אנשטאט צו ריידען וועגען דער מעטאָדע פון דער סקול, דאַרף מען ריידען וועגען דעם גייסט פון דער סקול, וועגען דער פּראָגראַם לויט וועלכער זי פיהרט זיך, לויט דעם צוועק וועלכען זי האָט זיך געשטעלט און די אַלע פראַגען ווערען איינגעשלאָסען אין איין איינציגער פראַגע: וועלכע סקולס אין אמעריקא זיינען אָרטאָדאָקסישע און וועלכע זיינען נאַציאָנאַל־תרבות׳יסטישע? וועלכע האָבען דעם צוועק צו ערציהען די קינדער אין אידישקייט און וועלכע האָבען דעם צוועק זיי צו מאַכען פאַר העברעער נאַציאָנאַליסטען? ווי גרויס איז די צאָהל פון אָרטאָדאָקסישע סקולס אין אַמעריקא און ווי גרויס איז די צאָהל פון נאַציאָנאַל־תרבות׳יסטישע? דאָס איז די שאלה פון אלע שאלות, די לעבענס־פראַגע פון אידישען חנוך אין אַמעריקא.

עס איז אָבער אויף דיזער שאלה שווערער צו ענטפערען דאָ אין אַמעריקא ווי עס איז אין אַנדערע לענדער. איהר

קענט וויסען אין ארץ-ישראל אין איין מינוט, וויפיעל און וועלכע שולען זיינען ארטאדאקסישע, און וויפיעל און וועלכע זיינען נאציאנאל-העברעאישע. איהר קענט וויסען אין פוילען, וועלכע סקול איז אן ארטאדאקסישע און וועלכע בעלאנגט צו דער תרבות. אזוי איז אויך אין ליטא. אין אמעריקא קענט איהר עס ניט טאן. איהר געהט אריין אין אן ארטאדאקסישע תלמוד-תורה וואס בעלאנגט אפילו צו א פרומע שוהל און איהר זעהט אז עס איז ניט קיין ארטאדאקסישע אינסטיטוציאן, אז דער לערנען דארטען איז ניט דאס וואס עס דארף זיין אין אן ארטאדאקסישע סקול און דער עיקר, אז דער צוועק איז ניט צו לערנען דארטען הויפטזעכליך אידישקייט נאר די העברעאישע שפראך און קולטור. עס טראגט דעם נאמען "תלמוד-תורה" און עס איז אין אמת'ן א בית-ספר לתלמוד לשון וספרות ולאומיות, און עס קען גיכער בעלאנגען צו דער "תרבות"-שולע ווי צו דער ארטאדאקסישער.

און דאס איז די הויפט-צרה אין דער אמעריקאנישער אידישער ערציהונג. וואס מען וויים ניט קלאר וואס איז וואס. אלעס איז צוזאמענגעמישט. עס איז דאסזעלבע ווי אין דעם פאל פון דאס קאנסערוואטיווע יודענטום, וועלכע איז רעפארם און וויל גילטען אלס א סארט ארטאדאקסי. אין דעם ענין פון ערציהונג איז די אויסמישונג נאך אן ערגערע. די לאגע איז אזא, אז מאנכע וועלען זאגען אז די תלמוד-תורה'ם און היברו סקולס פון אמעריקא זיינען אלע ארטאדאקסיש און בעלאנגען צו דעם ארטאדאקסישען קלאס. אזוי גלויבען די מעהרסטע פון די עלטערען. אין אמת'ן אבער זיינען ארטאדאקסישע תלמוד-תורה'ם און היברו סקולס אין אמעריקא זעהר ווייניג אין צאהל. זיי זיינען אלע כמעט אין גאנצען, פון נויארק ביז סאן פראנציסקא, פיעל נעהנטער צו די נאציאנאל-קולטורעלע "תרבות"-שולען, ווי צו דאס וואס מען קען אנרופען ארטאדאקסישע שולען.

וואס האט דא פאסירט אין אמעריקא אז דאס וואס איז אבגעטהיילט אין אנדערע לענדער אין אידישע ערציהונג, איז אין אמעריקא ניט אבגעטהיילט? פארוואס האבען מיר דא ניט קיין נאציאנאל-קולטורעלע סקולס בעזונדער און ארטאדאקסישע סקולס בעזונדער, ווי מיר האבען אין ארץ-ישראל, אין פוילען, אין ליטא, א. ז. וו.? ווי איז עס געקומען אז וועהרענד אין אנדערע לענדער ווייסען די טאטעס

צו וואָס פאַר אַ סאָרט סקול זיי שיקען זייערע קינדער. ווייסען די פיהרער און דאָס גאַנצע אידישע פובליקום צי אַ סקול איז אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָדער זי איז אַן אָרטאָדאָקסישע. ווייס מען עס דאָ ניט?

דער ענטפער דאַרויף איז, אַז די אַמעריקאַנישע אידישע ערציהונגס־סקול, ווי זי איז יעצט, איז אַ רעזולטאַט פון צוויי קעמפפענדע עלעמענטען, פון וועלכען איין עלעמענט פאַרטרעט דעם אָרטאָדאָקסישען שטאַנדפונקט און דער צווייטער פאַרטרעט דעם נאַציאָנאַל־קולטורעלען. דאָ האָט פאַסירט אַ מערקווירדיגע זאַך: די עלטערען ווילען האָבען אַן אָרטאָדאָקסישע סקול, די לעהרערס ווילען אַ תרבות'דיגע נאַציאָנאַל־קולטורעלע, און פון דער מלחמה — מעהר אַז אונבעוואוסטזיניגע ווי אַ בעוואוסטזיניגע — איז ארויסגעקומען אָט די תלמוד־תורה אָדער היברו סקול אין אַמעריקא, וועלכע איז פון אויבען אָרטאָדאָקסיש, אָבער אין עצם איז זי תרבות'יסטיש נאַציאָנאַל־קולטורעל.

דער קאמפף צווישען די טאטעס און די לעהרער

מיט א יאהר פופצעהן צוריק בין איך געלאדען געווארען צו א קאנוועגשאן, אדער קאנפערענץ, פון לעהרערס אין ניו־יארק. ווען איך בין אריין אין האלל און האב זיך געזעצט אויף מיין פלאץ, האב איך זיך איינגעהערט צו דאס וואס דער רעדנער האט געזאגט און האט געקראגען דערפאר ווארימע אפלאדיסמענטען פון די פערזאמעלטע.

דער רעדנער האט בעהויפטעט, אז די לעהרערס דארפען זוכען מיטלען ווי אזוי ניט צו דערלאזען אז די טאטעס זאלען זיך מישען אין די תלמוד־תורה'ס. ער האט געשילדערט די געפאהר וואס עס שטעהט־פאר פאר'ן חנוך, אויב מען וועט לאזען די טאטעס זאגען דעות אין ערציהונג. די טאטעס ווילען די קינדער זאלען דאווענען און זיי ווילען מען זאל לערנען סדור. מען דארף די טאטעס אנווייזען דעם פלאץ וואו זיי באלאנגען. זיי זיינען קרעמער, פעדלער, ארבייטער א. ז. וו. האבען זיי זיך ניט וואס צו אריינמישען אין חנוך,, זיי ווייסען ניט וואס ערציהונג איז, דאס איז ניט זייער פאך. ערציהונג איז אונזער זאך, עס בעלאנגט צו די לעהרער און מען דארף די טאטעס ניט לאזען אריינזאגען אין דעם ענין. אין דעם זעלבען זינן האבען גערעדט אלע רעדנער, איינער נאכ'ן אנדערען.

ווען מען האט מיר גערופען ריידען האב איך אויסגעדריקט מיין ערשטוינען אויף דער שטעלונג פון די לעהרער צו דעם אינטערעס וואס די טאטעס נעהמען אין ערציהונג. איך האב אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם פאקט, אז אין אמעריקא זוכען די סקוהל־אויטאריטעטען צו פאראינטערעסירען די עלטערן אין דער סקוהל, און ווען מיר זיינען אזוי גליקליך אין דיזען הינזיכט, אז די עלטערן האבען ביי אידען פון שטענדיג־אן געהאט א גרויסען אינטערעס אין דעם "חדר" און וואס מען לערענט דארטען, אזוי אז זיי פלעגען די קינדער "פארהערען" אלע שבת, און אויב זיי האבען עס ניט געקענט אליין טאהן, פלעגען זיי עס בעטען ביי אנדערע

צו טאָהן פאַר זיי — ווען די אידישע טאַטעס וואָס שיקען זייערע קינדער אין די תלמוד תורה'ס ווילען וויסען וואָס מען לערענט דאָרטען מיט זייערע קינדער, איז עס א זאַך וואָס דאַרף בעגריסט ווערען און די לעהרערס דאַרפען זיין צופרידען דערמיט און זוכען צו אַרבייטען האַנד־אין־האַנד מיט די טאַטעס.

איך האָב געזעהן, אַז מיינע ווערטער פאַלען אויף טויבע אויערן. די לעהרער האָבען ניט געוואָלט הערען א פאַרטהיידיגונג אויף די וואָס מישען זיך אין ז י י ע ר ע, די לעהרערס, עסקים. דאָס האָט מיר אָבער ניט געשטערט צו געהן אין דער רעכטליכער זייט פון דער פראַגע און האָב בעהויפּטעט, אַז דער בעל־הבית איבער דער ערציהונג איז אויף קיין פאַל ניט דער לעהרער, נאָר דער טאַטע. די פליכט צו ערציהען קינדער איז אויפ'ן טאַטען. אייגענטליך דאַרף ער אליין געבען דעם אונטעררי‌כט פאַר זיין קינד, נאָר אַזוי ווי ער קען עס ניט טאָהן, צוליעב פאַרשיעדענע אורזאַכען, דינגט ער דעם לעהרער אַלס זיין פערטרעטער און ער גיט איהם, דעם לעהרער, איבער די אַרבייט וואָס ער, דער טאַטע, דאַרף טאָהן. דער לעהרער איז אַלזאָ ניט מעהר ווי א שליח, אַן אַנגעשטעלטער, וואָס דאַרף טאָהן דאָס וואָס דער וואָס האָט איהם אַנגעשטעלט, וויל פון איהם. די סקוהל אויטאָריטעטען ביי יעדער אומה־ולשון זיינען ניט מעהר ווי די וואָס פיהרען־אוים דאָס וואָס דער שטאַאט, וועלכער פאַרטרעט די עלטערען, פאָדערט פון איהם אין נאָמען פון די עלטערן. ביי אידען אין אמעריקא זיינען דארום זעלבסטפערשטענדליך די טאַטעס און די דירעקטאָרען פון די תלמוד־תורה'ס די בעלי־בתים איבער'ן חנוך און ניט די לעהרער. און אויב די טאַטעס ווילען זייערע קינדער זאָלען קענען דאַוונען, דאַרף געטאָהן ווערען אַזוי ווי זיי ווילען, און אויב די טאַטעס ווילען אַז דער סידור זאָל פאַרנעהמען א גרויסען טהייל פון דעם פּראָגראַם פון דער אידישער סקוהל, דאַרף עס אַזוי זיין. זיי שיקען די קינדער אין תלמוד־תורה, צאָהלען געלד פאַר דעם צוועק וואָס זיי ווילען און ניט פאַר דעם צוועק וואָס די לעהרער ווילען. אויב דער טאַטע וויל אַז מען זאָל לערנען מיט דעם קינד געוויסע זאַכען פון סידור אנשטאַט פון א מעשה־ביכעל מיט א חתול און א כלבה, מוז עס זיין ווי דער טאַטע וויל און ניט ווי דער לעהרער וויל. מיינע ווערטער האָבען ארויסגערופען א שטורם פון פּראָטעסטען: סטייטש! איך נעהם־

צו די דעה איבער חנוך ביי דעם מורה וואס דארף ערציהען דאס פאלק צו א נייעם לעבען און גיב עס אוועק צו די טאַטעס, וואס פארטרעטען דעם אלטען שטאנדפונקט און וואס ווייסען ניט פון חנוך א. ז. וו.

איך האב דאן צום ערשטען מאל געהאט די געלעגענהייט צו זעהן דעם קאמפף צווישען די לעהרער און די טאטעס אין אמעריקא, די מלחמה צווישעןביידע עלעמענטען אין חנוך, אין איהר פולסטער ביטערקייט. עס איז ביי מיר נאך קלאַרער געווארען דאס וואס איך האב שוין פריהער געוואוסט, אז דא האנדעלט זיך ניט איבער אן עקשנות ווער עס זאל זיין ווער אין דער סקוהל, דער טאטע אדער לעהרער. נאר עס האנדעלט זיך וועגען א פיעל טיעפערע פראגע, עס האנדעלט זיך וועגען א קאמפף פון צוויי עלעמענטען פון וועלכע ביידע האבען צוויי בעזונדערע צוועקען אין חנוך, ביידע האבען צוויי בעזונדערע בליקען אויף דער סקוהל, וואס זי דארף געבען דעם קינד, ביידע האבען צוויי בעזונדערע אנשויאונגען אויף דער זאך וואס רופט זיך אידישע ערציהונג. איך האב איינגעזעהן, אז דער קאמפף איז ניט קיין קאפריז און איז ניט עגאאיסטיש פון קיין צד. עס איז א מחלוקת לשם־שמים, און דארום איז סופה להתקים, ווייל יעדער צד מיינט עהרליך און גוט, ער מיינט אבער א גאנץ אנדער זאך ווי דער צווייטער וויל.

דער טאטע וויל א סקוהל פאר רעליגיאן, וואו די קינדער זאלען לערנען אידישקייט. ער וויל די פארטזעצונג פון דער היסטארישער אידישער סקוהל, וועלכע איז שטענדיג געווען א שולע פיר'ן גלויבען, פיר'ן יודענטהום.

דער לעהרער, (איך רייד וועגען דער מאיאריטעט, עס זיינען נאטירליך דא אויסנאהמען), וויל א סקוהל פאר העברעאיש און לאומיות, ער וויל האבען אין סקוהל וואס ווייניגער רעליגיאן. ער וואלט געווען צופריעדען, אז עס זאל דארטען דערפון גאר ניט זיין. דער טאטע וויל האבען בעוואוסטזיניג אדער אונבעוואוסטזיניג א סקוהל פון דעם ערשטען סארט פון די דריי סארטען וועלכע מיר האבען אויסגערעכענט; אן ארטאדאקסישע סקוהל. דער לעהרער וויל בעוואוסטזיניג א סקוהל פון דעם צווייטען סארט, וועלכע מיר האבען אויסגערעכענט: ער וויל א "תרבות'יסטישע" סקול.

אין ארץ־ישראל, אין פוילען, ליטא א. ז. וו. וואלטען אזעלכע טאטעס און אזעלכע לעהרער ניט געווען צוזאמען.

די טאַטעס וואָלטען געשיקט זייערע קינדער אין אַן אָרטאָ־דאָקסישע סקוהל. און דיעזע לעהרער וואָלטען געוועזען לעה־רער אין אַ תרבות׳יסטישע סקוהל, וואו זיי וואָלטען געהאַט טאַטעס וואָס וואָלטען מיט זיי מסכים געוועזען. אין אמעריקא זיינען אָבער די אומשטענדען אַנדערע. עס זיינען פאַראַן ווייניג טאַטעס וואָס ווילען נאַציאָנאַלע תרבות׳יסטישע סקוהלס און וואָס זאָלען אַזעלכע גרינדען. די טאַטעס פון אמעריקא, די ביסעל וואָס גיבען זיך די מיהע צו שיקען זייע־רע קינדער אין די תלמוד־תורה׳ס און עהנליכע סקוהלס, טהוען עס צוליעב דערזעלבער אורזאַכע, וואָס זיי געהען אין שוהל, וואָס זיי קויפען כשר׳ע פלייש. זיי טהוען עס צוליעב ריין־רעליגיעזע מאָטיווען, זיי ווילען געבען זייערע קינדער אויף אַזוי וויט ווי זיי קענען, אַ ביסעל אידישקייט, רעלי־גיעזע אידישקייט אין דעם העכסטען זינן פון דאָס וואָרט. די לעהרער האָבען דאַרום ניט פאַר זיך קיין אַנדערע סקוהלס וואו צו אונטעררירכטען ווי די תלמוד־תורה׳ס, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען צוליעב רעליגיעזע צוועקען. דאַרום קומט עס אויס, אַז לעהרער וואָס דאַרפען זיין אין ראַדיקאַלע נאַציאָנאַל תרבות׳יסטישע סקוהל זיינען אין אָרטאָדאָקסישע תלמוד־תורה׳ס וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרען פיר אַן אַנ־דער צוועק ווי דער וועלכען די לעהרערס ווילען דורכפיהרען. אָדער מיט אַנדערע ווערטער : די לעהרערס, אַנגעהמענדיג שטעלען אין סקוהלס וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען פאַר רעליגיעזע צוועקען, ווילען דיעזע סקוהלס פערוואַנדלען אין נאַציאָנאַלע תרבות׳יסטישע סקוהלס, וועהרענד די טאַטעס ווילען אַ גאַנץ אַנדער זאַך. אונטער דיעזע אומשטענדען ווען עס זיינען פאַראַן אין סקוהל צוויי צוועקען, צוויי שיטות, צוויי וועלט־אַנשויאונגען, ווען מענשען וואָס ווערען אַנגע־שטעלט פאַר אַ געוויסען צוועק האָבען אַן אַנדער צוועק פאַר זייערע אויגען, קען ניט פאַרמידען ווערען, אַז עס זאָל זיין אַ קאַמפף צווישען די וואָס גרינדען, האַלטען־אויס די סקול, שיקען אַהין זייערע קינדער און צווישען די וואָס לערנען מיט די קינדער, מאַכען די פּראָגראַמעס און שאַפען די אַטמאָס־פערע פון דער סקוהל, צווישען די טאַטעס און די לעהרער.

ווען דער טאַטע אָדער די באָארד און דירעקטאָרס פער־לאַנגען מען זאָל לייגען גרויס געוויכט אויף די ברכות, ווייסען זיי גאַנץ גוט וואָס זיי ווילען. די ברכות זיינען זעהר וויכטיג אין דעם אידישען רעליגיעזען לעבען, אַז דאָס קינד קען מאַ־

כען אַ ברכה, איז דאָס אַ גרויסע געווינס פאַר׳ן טאַטען און עס איז געוויס פון שטאַנדפּונקט פון אידישקייט אַ גרויסער פּונקט אין די סקול־ערציהונג. דער לעהרער וואָס איז זעהר ווייט פון אַזאַ שטאַנדפּונקט און וואָס ביי איהם איז דער צוועק פון סקוהל צו קענען העברעאיש און זיין נאַציאָנאַליס־טיש, איז נאַטירליך זעהר קאַלט צו ברכות. דער טאַטע וואָס וויל סידור וויים גוט וואָס ער וויל, ער וויים, אַז דער סידור איז דער איינציגער ספר וואָס ער קען האָפען, אַז זיין זוהן וועט בענוצען און וויל אַז ער זאָל אין איהם זיין ב׳הבנ׳ט, אַז ווען דער זוהן קומט אין שוהל זאָל ער קענען געפינען וואָס ער דאַרף, זאָל ער קענען פאַרשטעהן וואָס מעהר פון דאָס וואָס ער יועט זאָגען. קורץ: דער טאַטע וויל אַז זיין זוהן זאָל ווערען אין סקוהל אַ שטיקעל איד, אַז די סקוהל זאָל איהם צוגרייטען צו דער שוהל און די אַלע אַנדערע זאַכען קומען שפּעטער אין בעטראַכט. דער לעהרער קימערט זיך ווייניג, אָדער גאָר ניט, וועגען די זאַכען וואָס זיינען ביים טאַטען דער עיקר. ביי איהם איז אַ העברעאישער שיר פון טשערניכאָווסקי וויכטיגער ווי אַלעס נאָך וועלכעס דער טאַ־טע יאָגט זיך. ניט ווילענדיג אָבער מוז מען דאָך דעם טאַטען, די דירעקטאָרען, עטוואָס נאָכגעבען, לערענט מען ברכות כמו שכפאם שד. טהוט מען מאַנכע אַנדערע פאָדערונגען פון די עלטערן געצוואונגענערהייד און אַזוי איז אַרוים דער פּנים פון דער תלמוד תורה אין אַמעריקע, וועלכע איז ניט אַזוי אַנטי־רעליגיעז, אַזוי ווי די אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע סקוהל אין ארץ־ישראל, אַזוי ווי תרבות־שולע אין פּוילען, ליטא און לאַטוויא, נאָר זי איז מיט ווייניגע אויסנאַהמען, ניט קיין רעליגיעזע סקוהל, קיין אָרטאָדאָקסישע, אָפּט זאָגאַר אַנטי־אָרטאָדאָקסיש, און בעלאַנגט גיכער צו דער תרבות׳יסטישער ווי צו דער אָרטאָדאָקסישער.

פיער ביישפּיעלע

איך וויל ברייננגען עטליכע פאַקטען, וועלכע קענען וואַרפען אַ ליכט אויף דער ערציהונג אין אַ גרויסע טהייל פון אונזערע סקוהלס, און קענען געבען אַ בעגריף וועגען דעם גייסט אין וועלכען אַ גרויסע צאָהל פון אונזערע ערציהונגס־אַנשטאַלטען ווערען געפיהרט.

פאַר די פאַקטען וואָס איך ברייננג גאַראַנטיר איך פיר זייער פאָלשטענדיגער אמת'דיגקייט.

1. אין אַ שטאָדט אין די סויטה איז געווען אַ סכסוך וועגען אַ תלמוד־תורה. איין צד האָט זיך געקלאַגט, אַז די תלמוד־תורה איז ניט לויט דעם גייסט פון רעליגיעזען יו־דענטהום. דער צווייטער צד, די פיהרער און דער פּרינציפּאַל פון תלמוד־תורה, האָבען נע'טענה'ט, אַז מען דאַרף ניט האַ־בען קיין בעסערען אונטעררימכט אין יודענטהום ווי די תלמוד תורה גיט. און אום צו ווייזען ווי גוט עס שטעהט די תלמוד־תורה אין אידישקייט, האָט זיך דער צד וואָס פיהרט די תלמוד־תורה בעריהמט, אַז ביי זיי קענען די תלמידים פון צוועלף יאָהר אחד־העם'ס "תורה שבלב" כמעט אויסענ־וויינינג.

עס איז איבריג לאַנג זיך אָבצושטעלען צו קלאָר מאַכען, אַז אחד העם'ס "תורה שבלב" איז פון דעם ערשטען וואָרט ביז דעם לעצטען געגען רעליגיעזען יודענטהום, געגען דער תורה, געגען דער טראַדיציאָן, געגען דער אָרטאָדאָקסי און געגען דעם גאַנצען צוועק פיר וועלכען אַ תלמוד־תורה איז געמאַכט געוואָרען. עס איז געווען דער אַרטיקעל "תורה שבלב", וואָס האָט אויפגערעגט דער אָרטאָדאָקסי און האָט געשאַפען די שפּאַלטונג ביי די חובבי־ציון צווישען די אָר־טאָדאָקסען און צווישען די קולטוריסטען ("תרבות"). דער "תורה שבלב" איז די קאָנסטיטוציאָן, אַזוי צו זאָגען, פון דעם סאָרט נאַציאָנאַליזמוס, וואָס האָט זיך אָבגעטהיילט פון רעליגיאָן. די פּראָפּאַגאַנדא פון "תורה שבלב" צווישען קינ־דער איז אַ פּראָפּאַגאַנדא געגען יהדות, געגען דעם אידישען דת.

איך זאָג ניט אַז מענשען האָבען ניט קיין לעגאַלע רעכט צו מאַכען סקוהלס פאַר קינדער, וואו מען זאָל זיי לערנען אין אַ גייסט וואָס איז געגען דער אידישער טראַדיציאָן, אויב זיי זאָגען עס אָפען, אָבער איך זאָג, און יעדער עהרליכער מענש וועט מסכים זיין מיט מיר, אַז קיין מענש האָט ניט קיין רעכט אַריינצוברייננגען אין אַ סקוהל וואָס די עלטערען האָבען געמאַכט פאַר רעליגיעזע צוועקען, אַזאַ אונטעררירכט וואָס איז געגען דעם צוועק פאַר וועלכען די סקוהל איז גע־גרינדעט. קיינער האָט קיין רעכט צו געבען אידישע קינדער, וועמען די טאַטעס שיקען אום צו קריגען אַ ביסעל אידיש־קייט, דאָס וואָס עס וואָרצעלט־אויס אידישקייט, לויט דעם בעגריף פון די עלטערן. קיינער האָט קיין רעכט אַריינצו־ברייננגען אחד־העם אלס אַ טעקסט־בוך אין אַ תלמוד־תורה. דאָס הייסט, מיסברויכען דעם צוטרויען פון עלטערען און געבען זייערע קינדער אַן ערציהונג, וואָס איז פונקט־קאַפויר ווי די וואָס זיי ווילען ! ווייל די עלטערען וואָלטען זייערע קינדער ניט געשיקט אין אַ תלמוד־תורה, וואו מען לערענט ״תורה שבלב״, אויב זיי וואָלטען געוואוסט וואָס ״תורה שבלב״ איז. אָבער די עלטערען ווייסען ניט, און אין די באָארדס אָוו עדיוקיישאָן געהן אַריין מעהרסטענס אַזעלכע העברעער, וואָס ווילען ניט אַז תלמוד־תורה׳ס זאָלען זיין רעליגיעזע סקוהלס און דיינקען אַנדערש ווי די טאַטעס און ווי די מנדבים. און די אָרטאָדאָקסען וואָס זיינען אין די באָארדס אָוו עדיוקיישאָן, ווייסען אויך ניט אָפט וואָס אחד־העמ׳יזם מיינט און וואָס ״תורה שבלב״ מיינט. פרומע אי־דען זיינען ניט מחויב צו זיין קלאָהר אין די ספרי־השכלה, זיי קלעהרען : פאַרוואָס ניט ? אַן אַרטיקעל אין לשון־קודש וואָס הייסט ״תורה״, אדרבה, וואָס קען עס שאַדען ? און אַזוי שמוגעלט מען אַריין דעם אַנטי־רעליגיעזען אונטער־ריכט אין תלמוד־תורה אָדער אפילו אין ישיבה אַריין.

2. אַ נייער פרינציפאַל וואָס איז אָנגעקומען אין אַ תלמוד־תורה אין נויאָרק האָט עקזאַמינירט איינע פון די העכערע קלאַסען אין דעם אנשטאַלט וועלכען ער האָט אי־בערגענומען. אין פערלויף פון דעם שמועס מיט איינעם פון די תלמידים האָט דער פרינציפאַל, ריידענדיג, נאַטירליך, אין העברעאיש, דערמאָהנט דאָס וואָרט ״יהודי״ אין בעצוג צו דעם תלמיד מיט וועלכען ער האָט גערעדט. דער תלמיד האָט

גלייך ערקלעהרט, קורץ און שארף: "אני לא יהודי — אני עברי!" דער פרינציפאל האט דעם תלמיד געפרעגט פון וואנען האט ער עס גענומען, אז עס זיינען פאראן צוויי אידישע נאציאנען, איינע וואס בעשטעהט פון אידען און איינע וואס בעשטעהט פון "עברים"? האט איהם דער תלמיד געענטפערט, אז דער פריהערדיגער פרינציפאל האט איהם אזוי געלערנט.

און דא איז ווידער אמאל דיזעלבע געשיכטע. דא ווערט אויך מיסברויכט דער צוטרויען פון טאטען און מען ברייננט אריין געפעהרליכע פאר'ן רעליגיעזען יודענטהום אידעען, ווייל דער געוועהנליכער עולם איז ניט קלאהר אין דיעזע זאכען. ווען א טאטע אדער אן ארטאדאקסישער בעל־הבית, אפילו פון באארד אוו עדיוקיישאן, הערט אזא מין תשובה פון א קינד אין תלמוד־תורה, וועט ער ניט דורכנעהמען די געפאהר וואס עס איז פאראן אין דער ערקלעהרונג. ער וועט קלעהרען, אז דאס איז א טעות פון קינד וואס מיינט אז "יהודי" איז אנדערש ווי "עברי". פון וואנען זאל ער, דער ארטאדאקסישער איד, וויסען, אז די מעהרסטע וואס רופען זיך "עברים" זיינען געגען ארטאדאקסישען יודענטהום? פון וואנען זאל ער וויסען, אז די מעהרסטע וואס לייגען דעם געוויכט אויף דעם ווארט "עברים" מיינען דערמיט, אז זיי געהען צוריק א פאר טויזענד יאהר און קניפען אן די אידישע געשיכטע צו דער צייט איידער עס איז געווען אריין אין פאלק דאס וואס זיי רופען גלות־יודענטהום. אונטער'ן ווארט גלות־יודענטהום, מיינענדיג די שמירת מצוות המעשיות? פון וואנען זאלען זיי וויסען, אז ביי די וואס רופען זיך "עברים" בעשטעהט דאס יודענטהום בלויז אויף העברעאיש אליין, און אז ביי זיי איז א איד וואס ער איז ניט קיין העברעאיסט, אין זייער בעגריף פון דאס ווארט. מעג ער היטען כל־התורה, מען ער זיך מוסר־נפש זיין פאר'ן יודענטום, מעג ער זיין קלאר ש"ס און פוסקים, ספרא, ספרי, מכילתא, ראשונים און אחרונים, פאררעכענט פאר א ניעדריגערע מדרגה ווי דער וואס איז "מדבר עברית" עטליכע הונדערט ווערטער? ביי זיי איז אן "עברי" א העכערע מדרגה ווי ר' מאיר שמחה און ר' יצחק אלחנן, וועלכע זיינען געווען, לויט זייער מיינונג, גלות־אידען, אבער ניט קיין "עברים". אדרבה, דער ווארט "עברי" ווערט גענוצט אין א

פּאָרט געגענזאַץ צו די וואָס היטען די אידישקייט. אָבער דער בעל־הבית ווייס ניט די אַלע זאַכען, ער ווייס ניט וואָס פאַר א אידעען מען פּלאַנצט איין אין זיינע קינדער.

די לעהרער ווייסען אָבער יא. אונזערע לעהרער זיינען א הויך־קולטיווירטער עלעמענט, אידעאַליסטיש געשטימט, שטאַרק בעוואוסטזיניג, האָבען א גרויסע מאָס אידישע ביל־דונג, זיינען גייסטיג שטאַרק ענטוויקעלט און גוט בע'הבנ'ט אין אַלע איינצעלהייטען פון די דאָזיגע פראַגען, זיי ווייסען וואָס זיי ווילען, אָבער מאַכען עס ניט קלאָהר צו די עלטערן. און דערפאַר איז דער קאַמפּף צווישען זיי און די טאַטעס א ניט־גלייכער, איין צד ווייס די "גיים" דורך־און־דורך און דער אַנדער צד איז נאַאיוו און ווייס ניט, אַז מען גיט איהם א גאַנץ אַנדער סחורה ווי די וואָס ער וויל. די טאַטעס זיינען אין דעם קאַמפּף כמעט ווי הילפלאָז.

3. א לעהרער אין אַן אָרטאָדאָקסישע ערציהונגס־אַנ־שטאַלט אין נויאָרק האָט גערעדט א שטונדע פאַר די קינדער וועגען חנוכה. אַלעס איז געווען אין זיין לעקטשור: אידישע גבורים, וואָס נעהמען דעם שווערד פאַר דעם פאַטערלאַנד, רעוואָלוציאָנערען וואָס ברעכען די קייטען פון שקלאַפעריי, העלדען וואָס מאַרשירען אונטער דער פאָהן אין קאַמפּף פאַר דאָס אידישע פאָלק א. ז. וו. נאָר איין "קלייניגקייט" האָט געפעהלט אין דער חנוכה־ערקלעהרונג, וואָס דער לעהרער האָט געגעבען: עס האָט געפעהלט, אַז אנטיוכוס האָט גע־וואָלט די אידען מעביר על דת זיין, און אַז די וואָס האָבען אויפגעהויבען די פאָהן פון רעוואָלוציאָן זיינען געווען פרומע אידען, "חסידים" ווי זיי ווערען אָנגערופען אין די ספרים. דער לעהרער האָט ניט פאַרגונען דעם יודענטהום דעם כבוד איהם אריינצומישען אין א גלאָררייכען קאַמפּף, האָט ער צוליעב דעם געגעבען א פאַלשע אויסטייטשונג פון דעם חשמונאים קריעג, אַבי די רעליגיאָן זאָל דאָרטען ניט זיין. אנשטאַט צו וואַרעם מאַכען די הערצער פון די אידישע קינ־דער פאַר דער אידישער אמונה דורך דעם בײשפּיעל פון די חשמונאים, וואָס האָבען געקעמפּפט געגען די וואָס זיינען געקומען "להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך", ווי עס האָט בעדאַרפט געטאָהן ווערען אין א אידישע סקוהל, האָט דער לעהרער געגעבען דעם גאַנצען ענין אַזא קאָליר, אַז עס זאָל זיך ניט אַרויסצייגען פאַר די קינדער, אַז דער אידי־

שער נאַציאָנאַליזמוס און די אידישע רעליגיאָן איז איין זאך, וואָס אונזערע קולטוריסטען און "תרבות"־אידעאַליס־טען ווילען ניט צוגעבען. פאַרשטעלען נאַציאָנאַלע אידישע גבורים אלס פרומע אידען, איז אַ זאך וואָס דער לעהרער האָט ביי זיך ניט געקענט פועל'ן.

4. אַ לעהרער אין אַ סקוהל אין דער וועסט האָט גע־לערענט מיט די קינדער פון זיין קלאַס שמואל א'. אזוי ווי ער איז געקומען צום פּלאַץ ווי גאָט האָט גערופען שמואל'ן ווען ער איז געוועזן אין "היכל ה' אשר שם ארון אלקים". געפינט ער פאַר נויטיג צו ערקלעהרען די קינדער, אז גאָט האָט ניט גערופען שמואל'ן, נאָר עס האָט זיך איהם געדאכט אז מען רופט איהם. אזוי "ערקלעהרט" מען דעם תנ"ך פאַר אידישע קינדער, וועמעס עלטערען עס שיקען זיי צו קריגען אַ רעליגיעזען אונטערריכט אין תלמוד־תורה. אזוי ווערט דער תנ"ך "פאַרטייטשט" פאַר די קינדער וואָס קומען שעפּען אין תלמוד־תורה רעליגיעזע בעגייסטערונג. אין פיעלע פעלע העלפט די תלמוד־תורה צו דערווייטערען אַ קינד פון גלויבען, דורך די ערקלעהרונגען און אויסטייטשונגען פון אונזערע לעהרער.

איך האָב געבראכט דיעזע פאַקטען נאָר אלס ביישפּיעל פון דעם גייסט וואָס עס הערשט אין אונזערע תלמוד־תורה'ס. ווען איך זאָל ברייגנען אַלעס וואָס איז מיר בעקאַנט אויף דיעזען פעלד, וואָלט עס פאַרנומען זעהר פיעל. איך האָב זיך נאָר אָבגעשטעלט אויף די פיער ביישפּיעלע, ווייל זיי זיינען, נאָך מיין מיינונג, פאַלשטענדיג גענוג צו געבען אַן השגה פון דעם יסוד אויף וועלכען דער חנוך (אויסער וואָס עס זיינען פאַראַן אויסנאַהמען) אין אמעריקא איז געגרינ־דעט. דער יסוד איז דער ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלער וואָס שטעהט נעגאַטיוו צו רעליגיאָן. עס איז קלאָהר אז מיט אַלע מיליאָנען וואָס די אידישע ערציהונג קאָסט אין אמעריקא מיט דעם צוועק צו פאַרטזעצען אידישקייט, האָבען מיר דאָ ניט (אוי־סער אין אויסנאַהמספעלע) קיין סקולס פאַר'ן יודענטום אין דעם אמת'ן זינן ווי דאָס וואָרט דאַרף פאַרשטאַנען ווערען. מיר האָבען דאָ ניט קיין רעליגיעזע סקוהל, קיין אָרטאָדאָק־סישע סקוהל.

וואָס מען לערענט און וואָס מען לערענט ניט

ווען דער צוועק פון דער אידישער סקול איז אמעריקא איז ביי די לעהרער אַן אנדערער ווי ביי די טאַטעס, ווי מיר האָבען פריהער בעוויזען אין די פריהערדיגע קאַפּיטלען, איז דער פּראָגראַם פון דער אידישער סקול — די תלמוד תורה — אין אמעריקא, ווי ער איז איינגעפיהרט און דורכגעפיהרט פון אונזערע לעהרער, אַנדערש ווי ער וואָלט געדאַרפט זיין. אויב די סקולס וואָלטען געדיענט פאר דעם צוועק פאר וועל־כען זיי דאַרפען דיענען: צו איינפלאַנצען רעליגיאָן אין די הערצער פון די קינדער.

א סקול פאר רעליגיאָן האָט אַן אנדער פּראָגראַם און אַ סקול פאר א שפּראַך האָט אַן אנדער פּראָגראַם. אין דער ערשטער לייגט מען געוויכט אויף אנדערע למודים, און אין דער צווייטער לייגט מען געוויכט אויף אנדערע. פיעלע למודים וואָס פאַרנעהמען די צייט ביי די קינדער פון אונ־זערע תלמוד־תורה׳ס דערפאר ווייל מען האלט דאַרטען אַז די שפּראַך איז דער עיקר, וואָלטען אין גאנצען ניט געקענט אריינגעהן אין פּראָגראַם אויב די לעהרער וואָלטען געהאל־טען די תלמוד־תורה פאר אַ רעליגיעזע סקול; און פארקעהרט, פּיעלע למודים וואָס זיינען יעצט ניטאָ אין די תלמוד־תורה׳ס דערפאר ווייל דער רעליגיעזער זייט פון דער סקול ווערט פאַרקוקט, וואָלטען פארנומען א גרעסערען פּלאַץ אין דעם פּראָגראַם אויב אונזערע תלמוד־תורה׳ס וואָלטען געווען רע־ליגיעזע סקולס ווי זיי האָבען געדאַרפט זיין.

וואָלטען אונזערע תלמוד־תורה׳ס געווען דאָס וואָס זיי דאַרפען זיין לויט זייער נאָמען, וואָלט מען זיך דאַרטען ניט אָבגעגעבען מיט אזוי פיעל ביכלאַך וואָס נעהמען אוועק די צייט און גיבען דעם קינד גאָר ניט פון דעם שטאַנדפּונקט פון אידישקייט. אזוי ווי אָבער דער עיקר אין די תלמוד־תורה׳ס איז העברעאיש און רעליגיאָן ווערט ניט גענומען אין אָנבעטראַכט, איז דאַרטען א מעשה־ביכעל אלץ איינס ווי אַ חומש און מען פארנעהמט דעם קינד אַ סך צייט איי־דער מען ברייננגט איהם צום חומש, אין מאנכע פּלעצער

נעחמט עס יאָהרען. אין דיזער בעציהונג איז לעצטענס די
לאַגע אַ ביסעל בעסער געוואָרען, אָבער עס ווערט נאָך אַלץ
פיעל צייט פארשווענדעט אין אונזערע תלמוד־תורה׳ס אויף
למודים וואָס האָבען מיט׳ן רעליגיעזען אונטעררי‏כט ניט צו
טאָן.

אין איינעם פון די העכערע און בעסערע ערציהונגס־
אַנשטאַלטען אין נויאָרק בין איך, אין פערלויף פון אַ בעזוך,
געוואָהר געוואָרען אז די קינדער פון דרייצעהן—פיערצעהן
יאָהר וואָס ענדיגען די סקול ווייסען לחלוטין גאָר ניט פון
תהלים, דאָס הייסט מען האָט זיי אין די גאַנצע זיבען יאָהר
וואָס זיי האָבען דאָרטען געלערנט, ניט געלערנט אפילו
איין קאַפּיטעל תהלים! זיי האָבען ניט קיין בעגריף פון דעם
דאָזיגען ספר; זיי האָבען ניט געלערנט אפילו די קאַפּיט־
לאַך וואָס געהען אריין אין דאַוונען, האָבען ניט קיין שום
בעגריף פון דער מאַכט און שעהנקייט פון הלל. קורץ: דער
תהלים וואָס איז דער טיעפסטער רעליגיעזער אויסדרוק פון
דער אידישער נשמה, דער ספר וואָס האָט אויפגעריהרט די
מענשהייט און וואָס איז שטענדיג געווען דער בעגלייטער
פון יעדען אידען וואָס איז דעם אידענ׳ס חבר אין ליידען
און פריידען, דער תהלים אין וועלכען עס זיינען אויסגעגאָ־
סען די טיעפסטע געפיהלען פון רעליגיעזען בייגקשאַפט צו
גאָטהייט, אין וועלכען די התלהבות פון דער גלויבענדער
זעעלע האָט עררייכט די העכסטע מדרגה, דער תהלים וואָס
איז די קרוין פון דער אידישער שירה — איז אַ פרעמדע זאַך
אין דער אידישער סקול!

ווען איך האָב געפרעגט די אורזאַכע דערפון, האָט מען
מיר געענטפערט אז עס איז ניטאָ קיין צייט דערצו. און פונ־
דעסטוועגען האָב איך געפונען אז מען לערענט מיט די קינ־
דער שירים פון היינטיגע העברעאישע משוררים און מען לע־
רענט שטיקער פון דער היינטיגער העברעאישער ליטעראַ־
טור. אויסבייטען דעם תהלים אויף מענדעלי מוכר ספרים
און אפילו אויף ביאַליק, אויסבייטען דעם מזמור לדוד ה׳
רועי לא אחסר אויף דעם "אל הצפור" אָדער גאָר אויף אַן
איבערזעצטע שטיקעל פון שלום אַש! אויסבייטען "אשרי
האיש" אויף אַ שטיקעל טשערניכאָווסקי!

מען דאַרף ניט ארויסלאָזען פון זינען דעם פאַקט אז
די צייט וויפיעל אידישע קינדער לערנען אין אַ תלמוד־תורה
אין אַמעריקא איז זעהר, זעהר קליין. יעדע מינוט, ממש

יעדע מינוט מוז אויסגענוצט ווערען צו העלפען דעם קינד צו דעם תכלית פאר וועלכען אונזערע אינסטיטוציאָנען פון לערנען זיינען געבויט: צו איינפלאַנצען אין קינד אידישקייט און איהם געבען אזוי פיעל וויפיעל עס איז נאָר מעגליך פון יודענטום. יעדע צייט וואָס ווערט אוועקגעריסען פון דעם אונטעררירכט פאר'ן יודענטום, ווי עס ווערט אויסגעדריקט אין אונזערע ספרי־קודש, און אוועקגעגעבען פאר ליטעראַטור איז אַן עברה געגען דעם צוועק פון אונזערע סקולס. די צייט פון אונזערע קינדער מוז זיין הייליג און קען ניט פארווענדעט ווערען פאר זאכען וואָס זיינען ניט קיין עיקרים. דער תנ"ך, תלמוד, די גרעסטע ספרים וואָס זיינען געשאפען געוואָרען נאָכ'ן תלמיד וועלכע האָבען אויפגעהאלטען דעם יודענטום און אידישע היסטאָריע — דאָס איז א ריעזיגער מאטעריאל וואָס אפילו פאר א טהייל דערפון איז ניטאָ גענוג צייט פאר אונזערע קינדער אין דער אידישער סקול. ווער קען אוועקנעהמען די צייט דערפון און אוועקגעבען פאר היינטיגע מחברים?! ניט די סקול וואָס איז געגרינדעט געוואָרען פאר דער אידישער רעליגיאָן דארף עס האָבען און ניט זי דארף עס טאָן. אויב די קינדער וועלען שפעטער וועלען זיך בעקענען מיט דער העברעאישער ליטעראַטור, זאָלען זיי עס טאָן. די סקול האָט דארויף ניט קיין צייט. עס איז ניט איהר אויפגאַבע און אין א געוויסען הינזיכט איז עס געגען איהר אויפגאַבע. די סקול דארף געבען דעם אידישען קינד די יסודות פון דת, די שירה פון דת, און א שליסעל צו די מעשים פון דת. און דאָס וואָס ווערט איינגעשלאָסען אין דעם בעגריף פון תלמוד־תורה. די אידישע קינדער דארפען קענען וואָס מעהר חומש און נ"ך. וויסען וואָס מעהר פסוקים אויסענווייניג. וואָס עס קומט פון א סך לערנען, און וויסען וואָס מעהר מאמרי חז"ל און וויסען וואָס מעהר געדאַנקען איבער'ן יודענטום פון דעם שטאַנדפונקט פון אידישע טראַדיציאָן.

אזוי ווי אָבער די מעהרסטע פון אונזערע לעהרערס און פרינציפּאלס זיינען מחולק אין דעם עיקר און האַלטען ניט די תלמוד־תורה פאר א רעליגיעזע סקול, נאָר פאר א נאַציאָנאַלע, וועמעס הויפּט־צוועק עס איז העברעאיש און קולטור. האַלטען זיי די נייע ליטעראַטור פאר א גרויסען עיקר אין דעם אידישען חנוך. (אין די קלאַסען פון אונזערע תלמוד־תורה'ס זעהט איהר נאָר בילדער פון ראַדיקאַלע משכילים.

און זעהר זעלטען אדער גארניט קיין בילדער פון גאוני־ישראל, כאטש מיר דאכט זיך אז זיי האבען א נעהנטערע שייכות מיט'ן יודענטום ווי למשל י. ל. פרץ.)

דאס פארשווונדען צייט אויף דער העברעאישער ליטעראטור איז א געוואלדיגער טעות אפילו פון דעם שטאנד־פונקט פון פעדאגאגיע אליין. די וואס האדעווען זיך אויף'ן תנ"ך קענען מעהר העברעאיש ווי די וואס גיבען אוועק זייער צייט אויף דער נייער ליטעראטור. פונקט ווי די קראפט פון יודענטום ליעגט אין אונזערע אלטע אוצרות, אזוי ליעגט דארטען די קראפט פון דעם לשון. וואס מעהר צייט אונזערע קינדער וועלען געבען פאר תורה אין דעם ריכטיגען זין פון דאס ווארט און אין דעם רעליגיעז־טראדיציאנעלען זין, אלץ בעסער וועלען אונזערע קינדער קענען העברעאיש. און קענען העברעאיש מיינט ניט קענען ריידען דוקא און שרייבען דוקא, נאר קענען און וויסען אויף אזוי פיעל וויפיעל עס איז מעגליך פון אונזערע אלטע קוואלען. ניט נאר האבען אונזערע אלטע חדרים און ישיבות ארויסגעגעבען העברעער אין דעם העכערען זין פון דאס ווארט, דאס הייסט: אידען וואס קענען לשון־קודש, ביי וועמען די ספרים און די שפראך פון יודענטום זיינען געווארען פלייש פון זייער פלייש און בלוט פון זייער בלוט, נאר אין דער צוקונפט וועט אויך אזוי זיין. העברעאיש און לשון קודש וועלען בלייבען ביי די וואס לערנען אם מעהרסטען חומש, נ"ך און גמרא. עס איז קלאר פון דיזען שטאנדפונקט אז אין א תלמוד־תורה וואו די צייט פאר לערנען איז אזוי באשריינקט, דארף ניט נאר אויסגעלאזען ווערען די נייע ליטעראטור, נאר עס דארף געלייגט ווערען וויינעגער געוויכט אויף דעם ענין פון לערנען די שפראך אלס א שפראך. קיין חעברעער וועלען די אמעריקאנער קינדער פון א תלמוד־תורה געוויס ניט זיין, אויסער פיעלייכט איין זעהר ווינציגע אויסנאהמען. עס וועט ביי זיי בלייבען העברעאיש אלס שפראך ניט מעהר ווי עס בלייבט ביי די אמעריקאנער קינדער פראנצויזיש אדער שפאניש, וועלכע זיי "נעהמען־אויף" אין די סקולס. דאס וואס עס קען ביי זיי יא בלייבען איז די ביסעל תורה וואס זיי וועלען קריגען דורך לערנען און ווידערהאלען דאס געלערענטע ביז וואנען עס ווערט א טהייל פון זייער נשמה. אזוי לאנג ווי דער עיקר אין א תלמוד־תורה איז שפראך, וועלען די תלמידים אפילו די שפראך אויך ניט קענען. אזוי שנעל ווי דער עיקר

פון א תלמוד־תורה ווערט לערנען, וועלען זיי די שפּראַך ממילא קענען אזוי פיעל וויפיעל זיי וועלען קענען. די שפּראַך וויסענשאפט אליין מאכט עס קלאָר אז געדיינקען א שפּראַך וואָס מען וויל ערלערנען קען מען אם בעסטען ווען מען לערענט אין די גרויסע ווערק פון יענעם לשון, אין די ווערס וואָס זיינען גרוים צוליעב זייער הויכען, הייליגען אינהאַלט.

די בעסטע לעהר־מעטאָדען זיינען די ספרי־קודש. דערפאר, ווייל זיי זיינען הויך און מעכטיג, ווייל זיי האָבען אַן ערהאַבענעם אינהאלט. די נייע נאציאָנאל־קולטור רעלע סקול וואָס שטעהט ניט אויף דעם באזים פון רעליגיאָן איז א דורכפאל אין ארץ־ישראל און אומעדום. זי האָט קיין זאך ניט געגעבען דעם אידישען יונגען דור. אפילו אין שפּראַך איז זי הינטערשטעליג. און וואָס שנעלער מיר וועלען אין אַמעריקא מאכען אונזערע תלמוד־תורה׳ס פאר תלמוד־תורה׳ס אנשטאָט שפּראַך־סקולס, אלץ גיכער וועלען מיר קומען צו דעם צוועק: צו האָבען א אידישע ערציהונג. ווי זי דארף זיין, אין אמעריקא.

די ראסען־טעאריע

אין איינעם פון די פריהערדיגע קאפיטלען האב איך אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם טעות וואס מאנכע האבען צו מיינען, אז דאס יודענטהום איז הויפטזעכליך א שיטה פון סאציאלע גערעכטיגקייט, ווערענד אין אמת'ן איז דאס יודענטהום הויפטזעכליך א רעליגיאן. סאציאלע גערעכטיגקייט איז א וויכטיגער פונקט אין דער אידישער רעליגיאן, אבער דאס איז ניט די אידישע רעליגיאן אליין. די רעליגיאן איז העכער און ברייטער ווי סאציאלע גערעכטיגקייט, מען קען דאס יודענטהום ניט בעטראכטען ווי א סאציאלע בעוועגונג, און אויך ניט ווי אן עטישע קולטור. די אידישע נאציאן, וואס האט אזוי פיעל געאפפערט פאר יודענטהום, האט עס ניט געטאהן צוליעב די אידעאלען פון סאציאלע גערעכטיגקייט און אויך ניט וועגען די עטישע פרינציפען. נאר צוליעב דעם ווייל דאס יודענטהום איז ביי אידען אן א מ ו נ ה, מען האט זיך מקריב געווען פאר דער אמונה, און ממילא זיינען גערעטעט געווארען די אידעאלען פון סאציאלע גערעכטיגקייט און די אידישע עטיק, וועלכע זיינען מיט דער אידישער אמונה פארבונדען. און אזוי ווי עס איז געווען אין דער פערגאנגענהייט אזוי וועט עס זיין אין דער צוקונפט ; דאס יודענטהום וועט שטעהן אזוי לאנג ווי לאנג עס וועט לעבען אלס רעליגיאן. אויב עס זאל שוואך ווערען די רעליגיעזע זייט פון יודענטהום, וועט עס ניט קענען עקזיסטירען אלס א שיטה פון סאציאלע גערעכטיגקייט, און אן עטישע קולטור.

אבער, פונקט דעמזעלבען טעות וואס עס מאכען די רעפארמער און די קאנסערוואטיווע, וואס שטעלען אוועק דאס יודענטהום אויף סאציאלע אידעאלען און אויף עטיקס, מאכען אויך די וואס ווילען אוועקשטעלען דאס יודענטהום אויף נאציאן, אויף ראסע, אדער דאס וואס מען רופט אויף העברעאיש, אויף "לאומיות". די מאיאריטעט פון אונזערע לעהרער בעלאנגען צו די וואס מאכען אט דיעזען טעות, זיי האלטען, אז דער עיקר פון יודענטהום איז די נאציאן, די

ראַסע, די "לאומיות" און די איבריגע זאַכען זיינען אַ טפל, אָדער אפילו קיין טפל אויך ניט. און דיעזער טעות ווערט אריינגעטראָגען אין אונזערע תלמוד־תורה'ס, וועלכע זיינען מעהרסטענס בלויז סקולס פאר דער לעהרע פון דער אידישער ראַסע, פאר לאומיות און ניט פאר'ן יודענטהום אין דעם רעליגיעזען זינן, וועלכער איז דער זינן אונטער וועלכען דאָס יודענטהום דאַרף פאַרשטאַנען ווערען.

דער טעות פון מאַכען "לאומיות" אָדער ראַסע פאר דעם עיקר פון אַלע עיקרים אין יודענטהום קומט פון דעם פאַלשען פונדאַמענט אויף וועלכען די אידעע פון דער "תרבות העברית", אָדער די אידעע פון אחד־העם'יזם איז געגרינדעט געוואָרען. די אידעע, אַז אַלעס שטעהט אין דער היסטאָריע אויף ראַסע, אַז דער סוד פון אַלעס ליעגט אין דער בלוט, האָבען מאַנכע געהאַלטען אַלס "וויסענשאַפטליך" מיט אַ דור צוריק. די ראַסען־טעאָריע, ווי עס איז אויסגעטייטשט געוואָרען ביי אונזערע קולטוריסטען, איז קיינמאָל ניט געווען וויסענשאַפטליך בעגרינדעט. יעצט האָט עס די וויסענשאַפט אויף אַזוי וויט ווי מען קען ריידען פון וויסענשאַפט אין אַזעלכע ענינים, אין גאַנצען צוריקגעוואָרפען.

לאָמיר פאַרנאַנדערנעהמען דאָס וואָס אונזערע קולטוריסטען, די וואָס ווילען אויפהאַדעווען אַ נייע אידישע נאַציאָן, וואָס זאָל ניט שטעהן אויף דער אידישער רעליגיאָן, נאָר אויף דער ראַסען־טעאָריע, פאַרשטעהען אונטער דעם וואָרט לאומיות.

זיי האַלטען, אַז די אידישע נאַציאָן וויל דוקא לעבען און עקזיסטירען אַלס נאַציאָן אַחן קיין אַנדער אורזאַכע ווי נאַציאָנאַליזמוס אַליין. די אידישע נאַציאָן קעמפפט, ליידט איז זיך מוסר נפש כדי אַ נאַציאָן צו זיין. ווער צווינגט איהר דערצו ? די נשמה פון דער נאַציאָן ! וואָס איז די נשמה פון דער נאַציאָן ? דאָס איז דער כח צו וועלען לעבען, צו וועלען עקזיסטירען. קורץ : די אידישע נאַציאָן וויל לעבען, וויייל דער חושק צום לעבען טרייבט איהר צו וועלען לעבען. און זי, די דאָזיגע נאַציאָנאַלע נשמה, וואָס טרייבט די נאַציאָן צו וועלען לעבען, קלעהרט אויס אַלע מאָל נייע מיטלען דורך וועלכע דעם לעבען אויפצוהאַלטען. עס איז געווען אַ צייט ווען זי האָט בענוצט די רעליגיאָן אַלס מיטעל פאר איהר עקזיסטענץ. ווען עס וועט ניט זיין די רעליגיאָן וועט די נאַציאָנאַלע נשמה אויסקלעהרען עפּעס אַן אַנדער זאַך מיט

וועלכער זיך צו אונטערשטיצען. עס שאַדט גאָר ניט, אַבי די נאַציאָנאַלע נשמה לעבט, און די דאָזיגע אַלמעכטיגע נאַציאָנאַלע נשמה ליעגט אין אונזער בלוט אין דער ראַסע. רעליגיאָן אָבער איז אַ זאַך וואָס קען אַמאָל יאָ זיין וויכטיג פיר דער נאַציאָן און אַמאָל ניט. מען דאַרף, לויט דיעזען שטאַנדפּונקט, די רעליגיאָן ניט האָבען אין דער אידישער סקוהל, מען דאַרף ניט אויפהאָדעווען קיין רעליגיעזע אידען, נאָר ראַסען־אידען, אידען וואָס זאָלען וויסען פון לאומיות און ניט מעהר.

די גאַנצע זאַך פון אַנהויב ביז'ן סוף איז ניט ריכטיג. עס איז געבויט אין גאַנצען אויף פאַלשע הנחות. עס איז גאָר ניטאָ קיין נשמה פון אַ נאַציאָן, וואָס טרייבט עס צום שטענדיגען לעבען. פאַרוואָס שווייגען די נשמות פון די נאַציאָנען וואָס מישען זיך אוים מיט אַנדערע נאַציאָנען און געהען אונטער ? פאַרוואָס זיינען אַזוי פיעל ראַסען פאַרשלונגען געוואָרען אין אַנדערע ראַסען און די ראַסען־בלוט פון די אויסגעמישטע האָט גאָר דיעזע ניט געשטערט ? ראַסען האָבען זיך אייביג געמישט וואו זיי קומען זיך צוזאַמען און זיי מישען זיך היינט אויך. און אויב דאָס בלוט פון אַנדערע ראַסען „קעהרט ניט קיין וועלטען" געגען אויסמישונג און שרייט ניט געוואַלד, אַז די ראַסע מוז לעבען וויי־טער אַלס אַזעלכע, טו מיט וואָס איז די אידישע ראַסע אַנדערש ? אַ כח וואָס קיין אַנדער בלוט האָט ניט, קען דאָך אין אידישע בלוט אויך ניט זיין. עס איז דאָך געוויס ניט קיין וויסענשאַפטליכע שיטה צו זאָגען, אַז די אידישע בלוט האָט עפּעס אַזאַ נאַטור וואָס קיין אַנדער בלוט האָט ניט. און ווידער, האָבען דאָך שוין די אידען אַליין בעוויזען, אַז זייער בלוט שטערט זיי ניט צו אויסמישען זיך מיט אַנדערע. וואו איז אַהינגעקומען די ראַסען־נשמה פון די עשרת השבטים ?

דער וויסענשאַפטליכער אמת איז גאָר אַ פשוט'ער : ראַסע און נאַציאָן זיינען ניט קיין הייליגקייטען פיר וועלכע מען קעמפּפט. אידען זיינען געבליבען אידען, ווייל זיי האָבען ניט געוואָלט אָוועקוואַרפען זייער אמונה, זיי האָבען זיך געלאָזען טויטען איידער צו בייטען זייער רעליגיאָן. עס איז ניט איינגעפאַלען קיינעם פון די אידישע מאַרטירער צו לאָזען זיך טויטען צוליעב די אידישע בלוט, אָדער די אידישע ראַסע, אָדער די אידישע נאַציאָן. זיי זיינען געשטאָרבען, ווי זיי אַליין האָבען געוואוסט און געזאָגט, על קדוש

השם. אין דעם שמע ישראל אין וועלכען אַ אידישער מאַרטירער גיט אָב זיין פייערליכע ערקלעהרונג פאַרוואָס ער גיט אַוועק זיין לעבען, איז ניטאָ קיין וואָרט וועגען בלוט, ראַסע און נאַציאָן, עס איז דאָ די ריין-רעליגיעזע ערקלעהרונג פון ה׳ אחד ! די אידישע געשיכטע זאָגט אונז דייטליך, אַז די אידען האָבען געקעמפּפט פאַר זייער אמונה און פאַר קיין אַנדער זאַך ווי זייער אמונה, און קעמפּפענדיג פאַר זייער אמונה איז די אידישע נאַציאָן ממילא געבליבען לעבען. ווען ראובן און שמעון און לוי האָבען זיך אַלע געהאַלטען ביי זייער רעליגיאָן, האָט די אידישע נאַציאָן ניט געקענט אונטערגעהן. וואָלטען ראובן און שמעון און לוי ניט געגלויבט אין דער אידישער רעליגיאָן וואָלט קיין געדאַנק וועגען נאַציאָן, בלוט און ראַסע זיי ניט געשטערט פון צו אויסמישען זיך מיט זייערע שכנים.

און דאָס וואָס עס איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט וועט זיין אין דער צוקונפט, די אידען וועלען לעבען אַזוי לאַנג ווי די אידישע רעליגיאָן וועט זיך אָבהאַלטען פון אַסימילאַציע. אויב זיי זאָלען אויפהערען צו גלויבען אין דער אידישער רעליגיאָן און צו האַלטען איהרע געבאָטען, וועלען זיי זיך אויס׳שמד׳ן, שונאי-ישראל, און קיין שום נאַציאָנאַלע חשבונות וועלען זיי ניט אָבהאַלטען, אַזוי ווי נאַציאָנאַלע חשבונות און בלוט-חשבונות האָבען קיינמאָל ניט אָבגעהאַלטען קיין מינאָריטעט פון אַסימילאַציע און אַזוי ווי עס האַלט-ניט אָב אידישע נאַציאָנאַליסטען פון נעהמען גוי׳שע ווייבער, זיך גאָר ניט קימערענדיג וואָס נעהמענדיג אַ גוי׳שע ווייב טרייסלען זיי אויף דאָס וואָס זיי רופען די נשמה פון דער נאַציאָן און מאַכען סאַליע די קדושה פון דער ראַסע.

און פונקט ווי דאָס יודענטהום מוז זיך וועהרען געגען די וואָס מיינען, אַז סאָציאַלע גערעכטיגקייט איז דאָס יודענטהום, און די וואָס מיינען, אַז עטישע קולטור איז דאָס יודענטהום, אַזוי מוז מען זיך וועהרען געגען די וואָס זאָגען, אַז נאַציאָנאַליזמוס איז דאָס יודענטהום. אַזוי ווי סאָציאַלע גערעכטיגקייט און עטישע קולטור זיינען בלויז אַ טהייל פון יודענטהום, אַזוי איז נאַציאָנאַליזמוס בלויז אַ טהייל פון יודענטהום, אַלע טהיילען פון יודענטהום זיינען אָנגעבונדען אָן דעם עיקר, אָן דער אידישער רעליגיאָן אַליין, וועלכע איז העכער פון יעדען טהייל בעזונדער און פון אַלע טהיילען צוזאַמענגענומען.

אירגענד װעלכע פּראָבע װאָס עס װערט געמאַכט צו אָװעקשטעלען אין צענטער פון יודענטהום עטװאָס װאָס איז ניט די רעליגיאָן אליין, מעג עס זיין די סאָציאַלע גערעכטיג־קייט פון די רעפאָרמער, די עטישע קולטור, אָדער די נאַ־ציאָנאַלע קולטור, איז געגען דעם אמת פון דער אידישער גע־שיכטע, געגען די ריכטיגע אויפפאַסונג פון יודענטהום און געגען דעם עיקר אויף װאָס עס הייננט דאָס לעבען פון דער אידישער נאַציאָן.

אָװעקצושטעלען די אידישע ערציהונג אויף נאַציאָנאַליזם אנשטאט רעליגיאָן, אויף דער ראַסען־טעאָריע אנשטאט אי־דישקייט, צו פערװאַנדלען די אידישע סקוהל, װאָס האָט אונז אויפגעהאַלטען טויזענדער יאָהרען פון א רעליגיעזע שולע אין א ראַסען־שולע, מיינט צו ברייננען אן איבערקעה־רעניש אין דער אידישער געשיכטע און ברייננען אין געפאַהר דאָס גאַנצע יודענטהום. און עס מיינט אויך אַרונטערצו־װאַרפען די אידישע סקוהל צו אַ פּיעל ניעדריגערע מדרגה װי די אויף װעלכע זי איז געשטאַנען ביז יעצט ביים אידישען פאָלק.

אום עס קלאָהר צו מאַכען װעלען מיר מוזען בעטראַכטען פון װאַנען די ראַסען־טעאָריע שטאַמט און װאָס עס איז דער אידישער טראַדיציאָנעלער שטאַנדפּונקט װעגען ראַסע אין פאַרבינדונג מיט דער אידישער נאַציאָן.

דאָס יודענטום און די ראַסען־טעאָריע

אין נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען זיך די אידעען פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזמוס שטאַרק פאַרשפּרייט צווישען די אינטעליגענטע שיכטען פון די אייראָפּייאישע נאַציאָנען. די דאָזיגע אידעען האָבען נאַטירליכערווייזע געווירקט אַבצואַשוואַכען, אין געוויסע הינזיכטען, דעם שאַרפען נאַציאָנאַל־געפיהל פון די אייראָפּעאישע פעלקער. אַלס אַ רעאַקציע געגען דער דאָזיגער כוואַליע פון קאָסמאָפּאַליטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזמוס איז געבאָרען געוואָרען אין אייראָפּאַ די פאַרשאַרפטע ראַסען־טעאָריע מיט דער טענדענץ צו פאַרשטאַרקען דעם נאַציאָנאַל־געפיהל אויף דער העכסטער מעגליכער מדרגה, אום צו פאַרהאַלטען דעם גאַנג פון די קאָסמאָפּאָליטישע געפיהלען און געדאַנקען וואָס האָבען דאַן געהאַלטען אין וואַקסען.

דער פראַנצויז, גאָבינאָ, האָט געגעבען אַ נייע אויסטייטשונג צו דאָס וואָרט ראַסע, אין אַ ווערק אין וועלכען ער האָט ערקלעהרט, אַז דער גאַנצער גאַנג פון דער געשיכטע פון אַ נאַציאָן ווענדעט זיך אויסשליסליך אין די בלוט וואָס עס רינט אין די אָדערן פון דער דאָזיגער נאַציאָן, און אַז דאָרום זיינען פאַראַן ניעדעריגע נאַציאָנען מיט ניעדריגע בלוט אין זייערע אָדערען און הויכע נאַציאָנען מיט הויכע בלוט אין זייערע אָדערען. די גוטע זאַכען וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען ביי דער מענשהייט זיינען געקומען פון די הויכע ראַסען און פאַרקעהרט, אַלעס וואָס איז שלעכט, איז געקומען פון נידעריגע.

אין די לעצטע צעהנדליגע יאָהרען פון נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט האָט דייטשלאַנד דורכגעלעבט אַ שטאַרקע כוואַליע פון עקסטרימען נאַציאָנאַליזמוס, וואָס האָט אריינגעטריבען אין שאָוויניזמוס. דאָס איז געווען נאָך דער פאַראייניגונג פון דייטשלאַנד און נאָך דעם זיעג איבער די פראַנצויזען. עס איז געווען נויטיג צו בעווייזען, אַז ניט נאָר איז "דייטשלאַנד איבער אַלעס", נאָר אַז די דייטשע בלוט איז העכער ווי אַנדערע בלוטען. וואַגנער האָט אַרויסגעפיהרט די

אלטע דייטשע אור־געטער פון זייער פארגעסענהייט און האט זיי אוועקגעשטעלט מיט זייער גאנצע ווילדקייט אין דעם צענטער פון דייטשער קולטור. עס האט געהייסען, אז אלעס דארף זיך אומקעהרען צו דעם אור־שטאם, צו דעם ערשטען קוואל פון דער ראסע. וואגנער'ס איידים, דער ענג־לענדער, הויסטאן סטיוארט טשעמבערליין, האט זיך "פאר־טיעפט" אין דער ראסען־טעאריע פון גאבינא און האט דער־פון געשאפען זיין בוך, וועלכער איז געווארען די הויפט־קוועלע פון "וויסענשאפטליכען" אנטיסעמיטיזמוס.

הויסטאן סטיוארט טשעמבערלעין האט זיך אוועקגע־שטעלט אויף דעם שטאנדפונקט, אז עס איז פאראן א סארט בלוט, וואס פיהרט צו אלעס וואס איז נידעריג און עס איז פאראן א סארט בלוט וואס פיהרט צו אלעס וואס איז הויך און ערהאבען. די ראסע, וואס פארמאגט די הויכע בלוט איז דער געשיכטע פון נאציאנען, איז די דייטשע. אלעס וואס עס איז פאראן אויף דער וועלט שעהנעס, גרויסעס און ער־האבענעס קומט פון דייטשע בלוט, פון דער דייטשער ראסע אדער פון דער ראסע פון וועלכער די דייטשען שטאמען. בלאנדע מענשען פון דער גערמאנישען שבט האבען זיך גע־פונען אפילו אין בבל, אין מצרים, אין די אור־אלטע צייטען און זיי, די דאזיגע בלאנדע מענשען ("גערמאנען") האבען עס אויסגעקלערט די גרויסע זאכען אין די באבילאנישע און עגיפטישע ציוויליזאציאנען און צו זיי דארף די מענשהייט זיין דאנקבאר פאר אל־דאס־גוטע פון דער געשיכטע.

אבער פונקט אזוי ווי די דייטשע בלוט פארטרעט דאס בעסטע אין דער געשיכטע, איז פאראן נאך א סארט בלוט וואס פארטרעט, פארקעהרט, דאס ערגסטע אין דער געשיכ־טע, און דאס איז דאס אידישע בלוט. אזוי ווי די דייטשע ראסע האט אלעס געזוכט אויפצובויען, אזוי האט די אידישע ראסע געזוכט אלעס צו פארניכטען, ווייל א איד קען ניט זיין עהרליך, קען ניט זיין מוטיג, קען ניט זיין גוט, קען קיין גו־טעס ניט שאפען, ער קען צוליעב זיין בלוט נאר שאדען מא־כען, נאר קאליע מאכען. ער פארטרעט אלעס וואס איז ני־דעריג, פאלש און געמיין. און אזוי געהט עס אן דער קאמפף צווישען די הויכע בלוט פון די דייטשען מיט די נידעריגע בלוט פון די אידען אין דער גאנצער וועלט־געשיכטע, און אומעדום טהוט עס אן צרות. די אונטערשטע שורה איז, אז א איד איז אן אונגליק פאר דער וועלט און אז אפילו אז א

איך אַסימילירט זיך, אָדער שמד'ט זיך, קען פון איהם קיין גוטעס ניט אַרויסקומען, ווייל זיין בלוט לאָזט איהם ניט צו ווערען אַ נוצליכער מיטגליעד פון דער געזעלשאַפט. אַט דאָס איז די שיטה פון טשעמבערלעין, דער טאַטע פון מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזמוס און אויך דער טאַטע, אינדירעקט, פון דער שיטה פון די נאָרדיקס, וואָרים די שיטה פון די נאָרדיקס איז געבויט אויף דער מיינונג, אַז נאָר אַ געוויסע סאָרט בלוט איז כשר, די בלוט פון די נאָרדיקס, די איבעריגע איז טריף און פסול. צווישען די פסול'ע פאַרנעהמט, נאַטירליך, דעם ערשטען פּלאַץ די אידישע בלוט. אַזוי איז פון דער עקסטרימער ראַסען־טעאָריע אַרויסגעקומען דער פאַרביסענער יונקעריזם פון דייטשלאַנד : דער גיפטיגסטער סאָרט אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּאַ און דער "נאָרדיק'יזמוס" אין אַמעריקאַ, וואָס טראָגט האָס צו אַלעמען וואָס האָבען אַנדערע ווי די נאָרדישע בלוט אין זייערע אָדערן.

וואָס איז דער שטאַנדפּונקט פון יודענטהום איבער דער פראַגע פון ראַסע, בלוט און נאַציאָן ?

דאָס יודענטהום האָט קיינמאָל ניט מבטל געווען די וויכטיגקייט און דעם כח פון דער נאַציאָן. די נביאים זיינען מיט זייער גאַנצען קאָסמאָפּאָליטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם געווען נאַציאָנאַליסטען און האָבען געגלויבט אין דער אייבינקייט פון דער אידישער נאַציאָן. אָבער זיי האָבען קיינמאָל ניט געמאַכט פון ראַסע אַ אָבגאָט, האָבען קיינמאָל ניט געדיענט צו בלוט. דאָס יודענטהום גלויבט ניט, אַז עס זיינען פאַראַן כשר'ע בלוטען און טריפה בלוטען, הויכע בלוטען און ניעדריגע בלוטען, דאָס יודענטהום גלויבט ניט, אַז אימיצער איז צוליעב זיין געבורט ניעדריג, אָדער ער איז צוליעב זיין בלוט הויך. דאָס יודענטהום גלויבט אין מעשים און אויפפיהרונגען. און יעדער מענש איז, לויט דעם אידישען גלויבען, אַ בעל־הבית איבער זיינע מעשים. די עהרליכע מענשען אפילו פון די אומות העולם האָבען עולם־הבא, לויט דעם אידישען בעגריעף.

אמת, דאָס יודענטום בעטראַכט די אידישע נאַציאָן אַלס אַן אויסערוועהלטע פון אַלע פעלקער, אָבער ניט אין דעם זינן ווי די דייטשע שאָוויניסטען בעטראַכטען די דייטשע פאָלק אַלס אַן אויסערוועהלטע, דאָס הייסט, צוליעב די דייטשע בלוט. די אידען זיינען יחסנים ניט צוליעב זייער בלוט, וואָס זאָל זיין העכער ווי די בלוט פון אַנדערע פעלקער, נאָר צוליב

דעם וואס די אידען היטען די תורה. אונזער גרויסקייט ליגט
ניט אין דער ראסע, נאר אין דעם גלויבען. וואס מיר האבען
און אין די געזעצע וועלכע מיר האלטען. אין יענער תפלה
אין וועלכער עס ווערט גערעדט אם שארפסטען פון דער
אויסערגעוועהלטקייט פון דער אידישער נאציאן, אין דעם
"אתה בחרתנו". שטעהט בפירוש געשריבען, אז מיר זיינען
אויסגעוועהלט צוליעב די מצוות ("וקדשתנו במצוותיך
וקרבתנו — — לעבודתך"). הערען־מיר־אויף צו היטען די
מצוות, הערען מיר אויף צו האלטען די תורה, זיינען מיר
אוים יחסנים און אוים "עם הנבחר", אונזער בלוט איז ניט
אנדערש ווי די בלוט פון אירגענד וועלכע אנדער נאציאן.
ניטא קיין הויכע בלוט און קיין ניעדריגע בלוט. זאל א איד
אוועקווארפען זיין אמונה און ער איז אוים יחסן מיט זיין
בלוט וואס ער האט אין זיינע אדערן, זאל א גוי מארגען אנ־
נעהמען דעם אידישען גלויבען ווערט ער גלייך א טהייל פון
דעם עם־הנבחר, ער זאגט "אלקי אבותינו, אלקי אברהם
יצחק ויעקב" און איז א זוהן פון דער אידישער נאציאן ווי
אלע אנדערע אידען. זיין בלוט מאכט איהם ניט קליין, מאכט
איהם ניט ביליג, ווייל אמונה שטעהט העכער ווי ראסע, אי
דעען זיינען וויכטיגער, ווי די פראגע וואס פאר א סארי
בלוט עס רינט אין אימיצענס אדערן. די גמרא דערצעהלט
אונז: מיט שטאלץ, אז די וואס שטאמען פון סיסרא, פון
סנחריב און המן זיינען געזעסען און געלערענט תורה, און עס
איז פאראן א לעגענדע, אז רבי עקיבא אליין, אויף וועמען
עס ווערט געזאגט, אז ער איז ווערטה געווען אז די תורה
זאל געגעבען ווערען דורך זיין האנד, איז געווען א גר. קיי־
נעמס בלוט, קיינעמס אבשטאמונג איז ניט קיין שטערונג
פאר איהם צו דערגרייכען צו דאס גרעסטע, אויב נאר זיינע
מעשים זיינען ריכטיגע. ניט די געבורט פון מענשען בעי־
צייכענט דאס וואס ער איז, נאר דער וועג אויף וועלכען ער
געהט.

עס איז קיין צווייפעל, אז דער אידישער שטאנדפונקט
איבער דער ראסע איז דער העכערער, דער נאבעלערער און
דער מעהר אידעאליסטישער. ס'איז פיל נאבעלער צו שטאלצי־
רען מיט אידעען, מיט געדאנקען, ווי מיט די בלוט וואס
רינט אין אימיצענס אדערן. א יונקער, וואס קלינגט מיט די
שפארען און שרייט „איך דען גערמאנע". א נארדיק וואס
איז מבזה אלעמען וואס שטאמט ניט פון די וואס זיינען גע־

קומען מיט די ערשטע פּילגרימס, איז אבשטויסענד, איז פון מאָראַלישען שטאַנדפּונקט א נידעריגער מענש. יעדע לעהרע וואָס איז געבויט אויף ראַסע, אויף בלוט, קען ניט מאַכען דעם מענשען העכער, נאָר נידעריגער, שאָוויניזם, ראַסען־שאָוויניזם, איז אַ שלעכטע זאַך אין דער געזעלשאַפט און א שעדליכע זאַך, אויב מען בויט דאַרויף א שיטה אין ערציהונג.

לאָמיר זיין אויפריכטיג און לאָמיר ניט האָבען איין מאָס פאר זיך און איין מאָס פאר יענעם. אויב אן ערציהונג וואָס איז געבויט אויף אן עקסטרעמע ראַסען־טעאָריע איז ניט גוט פאר אנדערע פעלקער, איז עס ניט גוט פאר אונז אליין. מיר קענען ניט כשר'ן ביי זיך דאָס וואָס מיר פסל'נען ביי יענעם. מיר טאָרען ניט איבערטרייבען אין דעם ענין פון ראַסע, אויב די ראַסע זאָל ווערען אין אונזער ערציהונג דער קווינט־עסענץ פון דער אידישער נשמה, דער אלף און דער תיו פון דער אידישער קולטור, וועלען מיר נידעריג זינקען. עס וועט זיין אן אָבווייכונג פון אונזער אמת'ן נאַציאָנאַלען גייסט, פון דעם גייסט פון יודענטהום, וועלכער האָט געגעבען דעם ראַסען־געפיהל זיין פלאַץ וואָס עס קומט איהם, אָבער ניט מעהר ווי עס קומט איהם. ראַסע איז אַ ג ע פ י ה ל, אָבער ניט קיין אידעאַל. און אן ערציהונג מוז האָבען אידעאַלען. און אַן ערציהונג וואָס דאַרף אויפהאָדעווען אידען, דאַרף געווים האָבען אידעאַלען. און דאָס קען מען נאָר געפינען ווען אונזער ערציהונג וועט זיין דאָס וואָס עס איז שטענדיג געווען: א רעליגיעזע.

די סקוהל, וועלכע שטעהט הויפּטזעכליך אויף "לאומיות" איז אַ ראַסען־סקוהל. וואָס מיר דאַרפען האָבען איז א יודענטהום־סקוהל, וואָס זאָל אָנפּייערן די האַרץ פון אידישען קינד מיט ליעבשאַפט פאר דער אידישער רעליגיאָן און פאר דער אידישער נאַציאָן צוזאַמען.

דער סך־הכל פון דעם סך־הכל

אין דיזען לעצטען אַרטיקעל פון דער סעריע וועל איך פּרובירען אונטערציהען די אונטערשטע שורה פון אַלעם וואָס איז געזאָגט געוואָרען פריהער, אום צו זעהן ווי שטעהען מיר דאָ אין דיזער לאַנד ביי דער ענדע פון פופציג יאָהר ארבייט פאַר'ן יודענטום אויף אַ פרישען באָדען.

דאָס יודענטום האָט דאָ געהאַט צוויי שטערונגען פון אינעווייניג, די רעפאָרם און דער ראַדיקאַליזם. דער ראַדיקאַליזם האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף אַ גרויסען טהייל פון דעם אַריבערגעקומענעם דור און דער איינפלוס האָט זיך נאַטירליכערווייזע אָבגעשפּיגעלט אויף דער אידישער הויז און דאָס האָט געפיהרט אַז דער דאָזיגער טהייל פון אידען וואָס האָבען בעלאַנגט צום ראַדיקאַלען פליגעל, האָבען זייערע קינדער אויפגעבראַכט אין אַן אַטמאָספערע וואָס איז ווייט פון אַלעם וואָס איז אידיש. אָבער צו איבערגעבען דעם נייעם דור די שנאה וואָס די ראַדיקאַלען האָבען געפיהלט און פיהלען צום יודענטום האָבען זיי ניט געקענט, וויייל דער גייסט פון דער לאַנד איז געגען ראַדיקאַליזם און געגען ניהיליזם און אַלעם וואָס די ראַדיקאַלען האָבען געבראַכט אַלס ירושה פון רוסלאַנד. דער איינגעוואַנדערטער ראַדיקאַליזם מיט זיין קאַמפף געגען יודענטום שטאַרבט מיט די ראַדיקאַלע עלטערען און לאָזט נאָך זיך קיין נאַכפאָלגער.

דערפאַר האָט די אַנדער שטערונג צום יודענטום געהאַט אַ פאַרקעהרטע ווירקונג. עס האָט ווייניג בעאיינפלוסט דעם איינגעוואַנדערטען דור וואָס האָט איינגעזעהן די עם־הארצות און די לעכערליכקייט פון רעפאָרם און האָבען איהר מבטל געווען. ניט צווישען די אָרטאָדאָקסען און ניט צווישען די ראַדיקאַלען האָט די רעפאָרם געקענט מאַכען פאָרטשריט און טראָצדעם וואָס די רעפאָרמער האָבען געהאַט אי לייכטום און אי אַ פעסטע געזעלשאַפטליכע שטעלונג און זיינען געווען די תושבים פון לאַנד, ווערהענד די ניט־רעפאָרמער זיינען געווען די גרים, האָבען זיי, די רעפאָרמער, ניט געקענט געווינען די נאַכפאָלגערשאַפט פון די אידען וואָס

זיינען געקומען אהער פון מזרח אייראָפּאַ. דאַגעגען אָבער האָבען זיי אָנגעפאנגען צייגען זייער איינפלוס שפּעטער, ווען די קינדער פון די מזרח־אייראָפּייאישע איינוואַנדערער זיינען אויפגעוואקסען. דער דור וואָס איז געבאָרען געוואָרען אין אמעריקא און האָט שוין דאָס יודענטום ניט געזעהן אין איהר פולער קראַפט, האָבען אָנגעפאנגען צו האַלטען די רעפאָרם־ראַבבים אַלס פאָרשטעהער פון אידישען גלויבען, איבערהויפּט ווען די רעפאָרמער האָבען אָנגעפאנגען אַרויסצושטעלען די רעפאָרם אַלס אמעריקאַן דזשודאַאיזם, אָנווינקענדיג דערביי אַז אָרטאָדאָקסי איז אַ זאַך וואָס בעלאַנגט צו פאַראיינערס און פּאַסט זיך ניט צו פאַר אמעריקאַנער.

דער "אמעריקאַן דזשודאַאיזם" האָט זיך אַרויסגעצייגט פאַר אַ ווירקזאַמען וואָפען אין די הענד פון די רעפאָרמער וועלכע האָבען אַרויסגעוואָרפען פון יודענטום אַלעס און האָבען נאַר געלאָזען דעם רעיון פון סאָציאַלע גערעכטיגקייט, וועלכעס נוצט פאַר די ראַבבים צו שאַפען דערפון לייזינגע סוירמאָנס וועלכע האָבען מיט אידישקייט ניט צו טאָן. ניט בענוגענדיג זיך מיט דעם וואָס זיי האָבען פון יודענטהום פאַרוואָרפען אַלע מצוות המעשיות און אַלעם וואָס יודענטום מיינט, האָבען אַ טהייל פון זיי זיך גענומען צו מאַכען שותפות מיט די קירכען, בייטענדיג זיך מיט די "פּאַלפּיטס" און זינגענדיג לויב־געזאַנגען צו דעם גרינדער פון קריסטענטום. אַזוי האָט רעפאָרם דערגרייכט זיין העכסטע שטופע פון גענגערשאַפט צום יודענטום ווי אַזוי ער איז פאַרשטאַנען געווען אין אַלע צייטען און אין אַלע דורות. רעפאָרם איז היינט נאָך מעהר ווי עס איז געווען פריהער דער בריק וואָס פיהרט אַריבער די אידען צו אַסימילאַציאָן און צום קריסטענטום דורך פאַרשידענע מדרגות פון איבערגאַנגען, פון וועלכע געמישטע הייראַטען איז איינע. דער פאַקט וואָס מאַנכע פון די רעפאָרמער זיינען געוואָרען ציוניסטען האָט די לאַגע ניט געענדערט, ווייל די ציוניסטישע רעפאָרמער זיינען פאַר'ן יודענטום ניט ווערטה מעהר ווי די ניט־ציוניסטישע. דאָס שטערט זיי ניט צו דיענען אין פאַלשטענדיג פאַר'גוי'שטע טעמפּלען און אפילו צו פּראָפּאַגאַנדירען פאַר דעם גרינדער פון קריסטענטום.

אונטערדעסען איז אָבער געוואָרען אַ נייע סאָרט רעפאָרם בעוועגונג אין אמעריקא וואָס איז פיעל שעדליכער ווי

די אַלטע רעפאָרם, ווייל זי טראָגט ניט אָפען דעם נאָמען "רעפאָרם" און, פאַרקעהרט, רופט זיך נאָך מיט א נאָמען וואָס נארט־אָב צו מיינען אז עס איז אַנטי־רעפאָרם. דער נאָמען פון דער נייער רעפאָרם־בעוועגונג איז "קאָנסערוואַטיוו דזשודאַאיזם" וועלכער האָט אלע יסודות פון רעפאָרם, איז געבויט אויף רעפאָרם'שע אנשויאונג און בענוצט אלע מעטאָדען פון רעפאָרם. דער "קאָנסערוואטיוו דזשודאַאיזם" האַלט פון ענדערונגען, פּרעדיגט אז אמעריקאן דזשודאַאיזם דאַרף זיין אנדערש ווי דער יודענטום אין אנדערע לענדער און טהוט אַלעס וואָס די רעפאָרם האָט געטאָן, איינפיהרענדיג אין די שוהלען דעם דאַווגען פון מענער און פרויען צוזאַמען, ארויסגעבענדיג ראַבבים וואָס ווייסען ניט אין ענינים פון כשרות, פערוואַנדלענדיג דאָס יודענטום אין אַן אינסטיטוציאָן פאר פּרעדיגען און דער עיקר פאר כלל־ארבייט. דער ראַבבי ווערט א סאָושעל וואָירקער און קיין זאך מעהר. קאָנסערוואטיזם איז אין גרונד געגען אָרטאָדאָקסי, פונקט ווי רעפאָרם איז געגען אָרטאָדאָקסי; אָבער קאָנסערוואַטיזם פאַרבעהאלט עס און אויף אַזאַ אופן געלינגט איהם צו בעקעמפּפען אָרטאָדאָקסי דורכדעם וואָס ער פאַרשטעלט זיך אליין פאר א סאָרט אָרטאָדאָקסי. דערפאַר זיינען די "סענטערס", די הויפּט־אינסטיטוציאָן פון קאָנסערוואטיווען יודענטום, פול מיט אידען וואָס זיינען געקומען פון אָרטאָדאָקסישען לאַגער און עס זיינען דאָרטען לגמרי ניטאָ קיין אידען וואָס זאָלען קומען פון רעפאָרם לאַגער. דער אויפטוה פון קאָנסערוואטיווען יודענטום בעשטעהט אין אוועקציהען אידען פון דער אָרטאָדאָקסי און ניט פון רעפאָרם.

אַ גרויסע הילף צו דער פּראָפּאַגאַנדאַ פון קאָנסערוואַטיווען יודענטום, וועלכער איז אַ רעפאָרם־יודענטום, בעשטעהט אין דעם וואָס עס איז פאַרשפּרייט א מיינונג צווישען עלטערן אז מען קען ניט אויפהאָדעווען אין אמעריקא קיין אָרטאָדאָקסישע קינדער וואָס זאָלען געהן אין א טראַדיציאָנעלער שוהל, א. ז. וו. די דאָזיגע עלטערן, צווישען וועלכע עס געפינען זיך פיעל וואָס רעכענען זיך אלס אָרטאָדאָקסען, מיינען אז מען וועט ברייגגען דעם יונגען דור אין שוהל דורך א סווימינגפּול, דורך דזשימנייזיומס און אַנדערע "אַקטיוויטיס" וואָס מען פיהרט אריין אין די סענטערס. דאָס האָט זיך ארויסגעצייגט אלס אבסאָלוט פאַלש. מען קען זיי

ברייגגען דורך סווימינג־פולס — צו די סווימינג־פולס אָבער ניט צו אידישקייט. אידישקייט איז ניט א זאַך וואָס מען קען עס צושניידען ווי א שניידער שניידט־צו א ראָק פאַר אימיצען נאָך זיין מאָאָס. מען קען ניט אריינ'גנב'נען אַן אמונה אין די הערצער פון מענשען דורך וואַרפען פּילקעס, פאַרשיעדענע שפּיעלערייען, א. ז. וו. נעהמענדיג דאָס אין אָנבעטראַכט קומט אויס אַז די אידען פון אמעריקא אין יעצטיגען מאָמענט גיבען אויס אַ גרויסע טהייל געלד און ענערגיע אויף אַזעלכע זאַכען, אויף וועלכע זיי ריידען זיך איין, אַז דאָס פּיהרט צום יודענטום, ווערענד אין אמת'ן פּיהרט עס דערצו ניט. די ערפאַהרונג האָט געוויזען אַז די איינציגע וועג וואָס קען פּיהרען אמעריקאַנער געבאָרענע קינדער צום יודענטום איז דער פולער אַלטער אָרטאָדאָקסישער וועג. די אַלטע שוהל אָהן ענדערונגען, די אַלטע ערציהונג, לערנען און זיין אַ איד במעשה איז מעהר ערפאָלגרייך אין אמעריקא ווי אַלע סענטערס און אַלע סאָרטען נייע אויפטהואונגען. דער קאָנסערוואַטיווער יודענטום האָט וויניגער שאַנסען צו געווינען די קינדער ווי דער אָרטאָדאָקסישער. די אידען וואָס האָבען ניט געמאַכט קיין קאָנצעסיעס און זיינען געגאַנגען מיט'ן אַלטען וועג האָבען שוין בעוויזען אויפצוציהען אַ דור אין אַמעריקא וואָס זיינען גוטע אידען. דער "יאָנג איזראַעל" איז דורכאויס אַ רעזולטאַט פון פולער אָרטאָדאָקסי און ניט פון די "סענטער אידישקייט" און עהנליכע "אידישקייטען" וועלכע זיינען ניט פּרוכטבאַר און קענען גאָר ניט בריינגען.

אָבער אין דעם צענטר פון דער פראַגע פון יודענטום אין אמעריקא שטעהט די פראַגע פון ערציהונג. עס איז צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון אידען, אַז די אידישע בעפעלקערונג פון א לאַנד זאָל לכתחילה ניט האָבען איהר אייגענע אידישע סקול. וואו אידען זיינען געקומען אויף זייערע וואַנדערונגען האָבען זיי די ערשטע זאַך געמאַכט זייער אייגענע סקול — אָבער ניט אין אַמעריקא. בלויז איין פּראָצענט פון אידישע קינדער אין אמעריקא געהען אין אַ אידישער סקול וואָס גיט זיי דעם גאַנצען אונטערריכט וואָס זיי דאַרפען האָבען. דרייצעהן פּראָצענט אידישע קינדער געהען אין אַ סקול וואָס איז ניט מעהר ווי א צולייג צו דער אמת'ער סקול אין וועלכער זיי ערציהען זיך — דאָס זיינען די תלמוד־

תורה׳ס וועלכע קענען אונטער קיינע אומשטענדען, אפילו אויפ׳ן בעסטען אופן, ניט פארנעהמען דעם פלאץ וואס דער אידישער חדר האט אמאל פארנומען. אבער איז די תלמוד־תורה דאס בעסטע וואס זי קען זיין פון דעם שטאנדפונקט פון יודענטום? דאס קען מען, ליידער, ניט זאגען. אום א תלמוד־תורה זאל זיין די אידישע סקול ווי זי דארף זיין, דארף זי זיין א רעליגיעזע סקול אין פולען זינען פון דאס ווארט. מען דארף דארטען אויפהאדעווען רעליגיעזע אידען וואס זאלען קענען ווייטער טראגען דאס יודענטום און פארט־זעצען דאס לעבען פון דער אידישער נאציאן. די גרעסטע טהייל אבער פון אונזערע ערציהער בעטראכטען די תלמוד־תורה אלס א סקול פאר דער שפראך און פאר "לאומיות", אזוי אז די אמונה און דער דת ישראל ווערען אראבגעשטוי־סען אין דער הינטערשטער שורה פון די מעהרסטע פון אונ־זערע ערציהונגס אנשטאלטען וועלכע האבען געדארפט זיין די פעסטונגען וואס זאלען שיצען דעם אידישען רעליגיעזען לעבען.

* * *

וואס קען מען דערפון ארויסנעהמען אין בעצוג צו דער צוקונפט?

אז דאס יודענטום האט אין אמעריקא א געוואלדיג־שווערען וועג פול מיט שטיינער; אז זייט דאס יודענטום עקזיסטירט האט עס אין קיין ארט ניט בעגעגענט אזוי פיעל שוועריגקייטען ווי עס בעגעגענט דא; אז אין קיין פלאץ אויף דער וועלט איז דאס יודענטום ניט געווען אזוי שוצלאז (אהן אן אייגענע סקול, אהן אן אייגענע בילדונג, ארומגערינגעלט פון א מעכטיגע פרעמדע קולטור) ווי עס איז אין אמעריקא.

דאס איז פון איין זייט. פון דער אנדער זייט האט די ערפאהרונג אין דאס אידישען לעבען אין אמעריקא געוויזען:

אז די וואס שטעהען פעסט ביים אלטען יודענטום און האבען געהאט מוטה און געגוג עקשנות צו ארויפפיהרען זיי־ערע אמעריקאנער קינדער אויפ׳ן ארטאדאקסישען אידישען וועג, האבען געהאט א בעדייטענדען ערפאלג; אז מיר הא־בען שוין א דור פון טויזענדער אמעריקאנער געבארענע אר־טאדאקסען וואס טראגען די פאהן פון א לעבעדיגעם יודענ־טום; אז מיר האבען דא מוסטער־אנשטאלטען פאר אידישער

ערציהונג (ישיבות — פּאַראָקיאַל סקולס) פון וועלכע די קינדער קומען ארוים מיט א בעדייטענדער ידיעה אין תורה און מיט בעגייסטערונג פאר'ן אמת'ן יודענטום; אז דער גייסט פון לאנד איז ניט געגען אמונה נאָר, פארקעהרט, פאר אמונה און דאָס מאכט די אידישע יוגענד גענייגט צו רעליגיאָן אויב נאָר זי ווערט אויפגעהאָדעוועט אין איהר גייסט.

אוועקשטעלענדיגביידע זייטען פון דער פּראָבלעם אייגע נעגען דער אַנדערער מוז מען קומען צו פאָלגענדען שלום:

אז א גרויסער טהייל פון אמעריקאנער אידען וועלען זיך אסימילירען דורך געמישטע הייראטען און אַנדערע וועגען; אז די רעפאָרם וועט כמעט אין גאנצען פערשווינדען אין קריסטשען־סייענס און אנדערע קריסטליכע צווייגען; אז דער קאָנסערוואטיווער יודענטום וועט נעהן אלע מאָל מעהר צו רעפאָרם, ביז עס וועט פארנעהמען דעם פלאַץ פון רעפאָרם וועלכע וועט דאַן זיין פארשוואונדען; אז עס וועט בלייבען א מינאָריטעט פון אָרטאָדאָקסישע אידען וואָס וועלען אָנהאלטען א פולען און קרעפטיגען יודענטום. דיזע מינאָריטעט וועט עס טראָגען אויף זיך די עקזיסטענץ פון יודענטום און וועט עס איבערגעבען פון דור צו דור, ווייל עס איז איינמאָל פאר אלע מאָל דער געזעץ פון דער אידישער געשיכטע אז דאָס לעבען פון אידישען פאָלק ליעגט אין דער אָרטאָדאָקסי, וועלכע טראָגט אויף זיך אלע וואפען פון שוץ געגען אונטערגאנג און ווארפט פון זיך קיינע פון איהרע כלי־זין ניט אראָב.

(ע נ ד ע)

אינהאַלט פאַרצייכעניש

איינלייטונג 5
ראַדיקאַליזם איז טויט 10
קאַמפף פון רעפאָרם און אידישקייט 15
רעפאָרם און אונזערע קינדער 20
רעפאָרם און דער ציוניזם 25
געמישטע הייראַטען 30
איין תורה פאַר אַלע לענדער 35
קאָנסערוואַטיווע יודענטום 40
אַ שמועס מיט אַ קאָנסערוואַטיווען „אָרטאָדאָקס“ 45
אָהן אַ פּלאַטפאָרם און אָהן אַ פּראָגראַם 50
אַ בעוועגונג אָהן וואָרט פיהרער 55
כלל־טוערייי איז ניט קיין רבנות 60
די בעוועגונג פאַר אידישע סענטערס 65
אַ פאַלשער יסוד פון סענטער־בעוועגונג 70
מאַכט ניט קיין אַנדער יודענטום פאַר אייערע קינדער 75
„שווער“ איז גרינג און „גרינג“ איז שווער 80
דער יחיד און דער צבור 85
„טרעפען אין ימען וועג“ 90
דער ערפאָלג פון דעם אַלטען דור 95
וואָס איז יודענטום? — אַ גלויבען! 100
וואָס איז העברער, גלויבען אָדער פאָלק? 105
אייניגער פון הונדערט 110

דריי סאָרטען אידישע סקולס 115
פון דרויסען תלמוד תורה, אינווייניג תלמוד לשון 120
דער קאַמפף צווישען די טאַטעס און די לעהרער 125
פיער ביישפיעלע 130
וואָס מען לערענט און וואָס מען לערענט ניט 135
די ראַסען־טהעאָריע 140
דאָס יודענטום און די ראַסען־טהעאָריע 145
דער סך־הכל פון דעם סך־הכל 150